STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01056

# FLAMEN FUN DER ERD

Isaiah Spiegel

*Permanent preservation of this book was made possible by Clara Antonowsky*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד

ישעיהו שפּיגל

# פלאַמען פון דער ערד

ראָמאַן

פאַרלאַג
ישראל־בוך
תל־אביב 1966

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
הוצאת „ישראל־בוך"

JESHAJAHU SPIEGEL
FLAMES FROM THE EARTH
A novel

©
נדפס בישראל
כל הזכויות ל„ישראל־בוך"

Published by „Israel-Book"
Printed in Israel, 1966

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

מיינע עלטערן שרה־גיטל און משה,

מיינע שוועסטערן קלאַראַ, מרים און איסקע,

פאַרפייניקטע אין כעלמנאָ, אוישוויץ און שטוטהאָף

1944 — 1941

געהייליקט

## קאַפּיטל איינס

# באַגעגעניש אין שניי

דער פערטער געטאָ־ווינטער האָט זיך פרי, גאָר פרי דאָס מאָל אַראָפּגעלאָזט איבערן איינגעשרומפּענעם שטח פונעם געטאָ. אין צפון־זייט פון שטאָט, איבער די קרומע, שמאָלע באַלוטער געסלעך, ביז אַראָפּ צו די שוואַרצע, היגטערשטאָטישע פעלדער פון ראַדאָגאָשטש און ביז צו די ליידיקע זאַמדפעלדער אַרום דעם מאַרישינער באַנפלאַנט אויף מיזרח, האָט זיך די לעצטע טעג געטראָגן אַ פראָסטיקער, בלאָלעכער שנייווינט. ער האָט געיאָגט קופּעס בלישטשענדיקן שניי איבער די שיפּע איינגעפאַלענע דעכלעך, פאַרשאָטן זייערע אָפּענע טוכלע לעכער און די שפּאַלטן פון איינפאַלנדיקע ווענט. אומעטום זיינען די פענצטער־ראַמוגעס שוין געווען אַרויסגעריסן. די פינצטערע פענצטער־חללס האָבן געשלונגען די זאַווערוכע ווי אַ ווייסע רפואה. פון קאַלטע, הימלדיקע ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווילד און אומגעצוימט איבער דער ווינטערדיקער וויסטעניש, איז געפאַלן דער שניי אַ שטילער, אַ געצוימטער און געהאָנגען לאַנג איבער די פענצטער־לעכער ווי ווייסע, ווייכע טויטנהעמדער.

איבער די אַלע אָפּענע שטחים פון ליידיקע הייף האָט דער פראָסטיקער ווינט באַלד די שניישטערן אַרומגעשליפן מיט זיין שאַרפן אָטעם און איצט איז ער געבליבן ליגן, דער שניי, אין קליינע בערגלעך ווייסע, דורכזיכטיקע פּערל־קייקעלעך. אַ קאַלטע וויסטקייט פון אָנמענטשלעכע סימנים איז געהאָנגען איבערן גאַנצן שטח. איין שנייווינט האָט זיך געריסן נאָכן אַנדערן, געשפּאָלטן זיין פייפן אויף הונדערטער מכשפהדיקע קולות, וואָס האָבן געגרילצט און געוואָיעט, ווי אויף אַ געשפענסטער־חתונה. שנייוואָלקנס האָבן זיך געיאָגט ווי משונהדיקע חיות

פון קדמון־צייטן, מיט ברייטע געשפּאָלטענע פליגלהענט, פון וואַנען ס'איז אָן אויפהער געפאַלן אַראָפּ אויף דער ערד אַ בלאָלעכער שניי־
שטויב. די איינגעפאַלענע קוימענס אויף די דעכלעך זיינען געשטאַנען
אַרומגעהילט אינעם שניינעפּל ווי פאַרגלאָזטע, פאַרכישופטע געשטאַלטן
מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ. זיי האָבן געסטאַרטשעט אַנטקעגן דעם נידעריקן,
פאַרכמורעטן און פאַרפּאַנצערטן הימל גאַוההדיק און בייז. ווו נישט
ווו האָבן זיך בלויז אין דער דאָזיקער ווייסער ליידיקייט אויפגעהויבן די
איינגעזונקענע געטאָ־ברונעמס — צעפאַלענע, צעריסענע, גרין פאַר־
שימלטע און טויטע. די נידעריקע איינפּאַלנדיקע ברונעמס האָבן מיט
זייערע אונטערערדישע קילע אָטעמס דערציילט דעם דרויסנדיקן ווייסן
אייבערפלאַך וועגן אַן אַלט פאַרשוווּנדן און אויסגייענדיק לעבן. ערגעץ
טיף אונטער זיי האָבן נאָך געריזלט די סודותדיקע שטראָמען פון פליסיקע
וואַסערלעך, וואָס ווילן נישט אָוועקגיין פון דער דאָזיקער ערד, ווי מילך
וואָס פליסט נאָך לאַנג, לאַנג אין אַ מאַמעשער ברוסט נאָכן אַנטוויינען
פון זייגקינד. ס'איז טייל מאָל געשען, אַז פון דער העלער הויט האָט זיך
פּלוצעם גענומען גיסן וואַסער פון אַזאַ האַלב פאַרזונקענעם ברונעם.
אפשר איז עס געווען דער ווינט, וואָס האָט אונטערגעהויבן די אייזערנע
ברונעמשטאַנגען און אפשר גאָר האָט מיט אַ טיפן אונטערערדישן כוח
זיך אַ שפּאַר געטאָן אַ וואַסערשטראָמל, וואָס האָט זיך געזוכט אַ וועג
פון דער אונטערערדישער פינצטערניש אַרויס. טייל ברונעמס זיינען נאָך
געשטאַנען אויפגעהויבן אין דער לופט מיט זייערע פאַררונדיקטע, איי־
זערנע שעפּאייזנס, וואָרעם אַזוי האָט זיי איבערגעלאָזט אַ מענטשלעכע
האַנט נאָך דעם, ווי מען איז פון דאַנען אַנטלאָפן. דאָרט, ווו דער שניי
האָט נישט געהאַט צוגעדעקט די ערד, האָט מען נאָך געזען זיך וואַלגערן
איבערגעקערטע שטוב־כלים, פאַרגעלטע, צעריסענע ספרים און קויטיקע
שוואַרצע מלבושים, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט מיט זייער שוואַרצקייט
פון אונטערן שניי ווי פאַרבאַהאַלטענע געשטאָרבענע מענטשן. פון דעם
דאָזיקן טויטן־שטח זיינען נאָך פאַראיאָרן געוואָרן אַרויסגעפירט די יידן.
די, וואָס האָבן באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן אויף דער צווייטער זייט
בריק, האָבן זיך טייל מאָל, נאָכן בייקומען אַ סך סכנות, דאָ אַהער־

געכאַפּט אין די נעכט, גענישטערט אין די ליידיקע, פאַרלאָזענע שטובן און קעלערן. זייערע הענט האָבן אין דער פינצטער גענישטערט אויסצו־געפינען ערגעץ פאַרפוילטע, פאַרלעגענע קאַרטאָפל, אַ ביסל טרוקענע ביטערע קאַװעשטויבלעך אָדער גאָר אַ שטיקל ברויט, וואָס די אַנטלויפּנ־דיקע מענטשן האָבן אין בהלה איבערגעלאָזט אין די ווינקלען. די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ אַריינגעכאַפּט, ס׳רוב ביי נאַכט, אינעם דאָזיקן פאַרבאָטענעם אָרט, האָבן זיך דאָ שאָטנהאַפטיק געשאַרט אין די מחנות דורך די קעלערן, ווי וואַנדערנדיקע הונגעריקע פעלדמייז, וואָס באַפאַלן אין אַ הונגעריאַר פאַרזייטע פעלדער. אַהער זענען אויך געקומען קינדער, וואָרעם זיי איז געווען לייכטער אַדורכצובאַקומען זיך דורך די שמאָלע אונטערערדישע עפענונגען, דורך די ווענט, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן פאַרלאָזטן שטח. זיי האָבן געריסן ביי נאַכט די היל־צערנע דילן, די פראַמוגעס פון די פענצטער, די הילצערנע ברונעמס. זיי האָבן אויך גענישטערט צווישן די קופּעס אַלטוואַרג און מיסט, וואָס זיינען געלעגן אין אַנגעהויפטע בערגלעך נאָך די אַנטלאָפענע מענטשן. אין דאָזיקן פאַרלאָזטן געטאָ־שטח איז געווען פאַרווערט זיך צו באַ־ווייזן אַ שאָטן פון אַ ייִד. אויסטערלישע שמועות זיינען אַרומגעגאַנגען אין די אַנדערע געטאָ־קוואַרטאַלן וועגן דעם, וואָס דער דייטש האָט בדעה צו טאָן מיטן דאָזיקן פאַרלאָזטן ליידיקן שטח.

חדשים זיינען דערוויילע אַדורך. די קאַלטע פּוילישע ווינטן האָבן דערווייל אַלץ מער פאַרשאָטן דעם מושב מיט שניי, מיט בלאָער חלל־דיקער קעלט און מיט דער איינזאַמקייט פון אַלטע פאַרגעסענע בית־עלמינס. פּלוצעם, אין מיטן טבת, האָט דער שטורעמווינט זיך געלייגט. פון צפון־זייט, ווו ס׳איז תמיד געהאַנגען אַ ווייסע, רויכיקע פאַרנעפּלט־קייט, האָבן זיך זייער דין אויסגעקלאָרט די ראַנדן פון וואַלד. אַ שרע־קעוודיקער, ווייטער הימל האָט זיך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט און גע־מאַכט בלאָלעך דעם שניי. איבער די קרומע געסלעך און אָפענע הויפן איז איצט אַרומגעגאַנגען אַ ווייסער פחד. געבויגענע שאָטנס זיינען באַגינען געלאָפן דורך די געסלעך. טריט ביי טריט לויפן זיי, איינגע־בוקטע, די פּנימער — פאַרשטעלטע. אַז זיי קומען אָן צו דער בריק, וואָס

טיילט דעם קוואַרטאַל אויף צוויי העלפטן, בלייבן זיי שטיין. זייערע פיס זיינען אַרומגעהילט מיט צויטנדיקע טיכער. די פיס ווילן זיי מער נישט טראָגן. זיי דערגרייכן איינציקווייז, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, דעם אייבערשטן טייל בריק. פון די פאַרהילטע פּנימער רינט אַראָפּ אַ פייכטער מוטנער גלאַנץ פון שוואַרצע, ייִדישע אויגן. וואוהין גייען זיי, די דאָזיקע איינגעהילטע שאָטנס? צי זיינען דאָס געשטאַלטן, אויפגעטויכטע פון ווייטן מיטלאַלטער? וואָסער סודותדיקע שליחות טראָגן זיי הינטער דעם צעריסענעם מלבוש? וואָסער פאַרזיגלטן גורל טראָגן די דאָזיקע מענטשן בעתן שפּרייזן איבער דער בריק?

*

טאָג־איין, טאָג־אויס, איז ווידער געגאַנגען איבער דער דאָזיקער בריק, אויסגעמישט מיט טויזנטער ייִדן. דורך די פּאָר יאָר געטאָ־לעבן איז די מחנה דאָ געוואָרן אַלץ שיטערער, די מענטשן איינגעפאַלענער, און אַ טויטער קאַלטער בליאַסק האָט תמיד זיך אָפּגעשלאָגן אין ווידערס פּנים, בעת ער פלעגט אַ כאַפּ טאָן אַ בליק צו די מענטשלעכע פּנימער אַרום זיך. דאָס איז געווען ווי אַן אויסגעלאָשענער בליאַסק וואָלט נאָך אַ מאָל אַ צאַפּל געטאָן פונעם גליווערדיקן און אויסגייענדיקן ייִדישן לעבן. ער האָט געפילט, ווידער, אַז אויך אים נעמט ביסלעכווייז אַרום דער דאָזיקער שאָטנדיקער כּוח פון בייזן און פינצטערן ייִדישן גורל. ער האָט אָבער נישט געהערט צו די, וואָס האָבן מיט הכנעה זיך אונטער־געגעבן דעם הונגער און מענטשלעכער געפאַלנקייט. און דערפאַר איז מיט ווידערן געשען דאָס, וואָס עס געשעט אָפט מיט אַן איבערגעשני־טענעם בוימוואָרצל: ער פאַרגראָבט זיך טיפער אין דער ברוסטיקער, גוטער ווייכקייט פון דער ערד, זייגט פון דאָרטן אַרויס אַלע זאַפטן פון דער וואַרעמער ערדישער פינצטערניש, כדי אויפסניי אויפצושפּראָצן פון דער ערדישער ווייכער שויס, ווי אַ נייער, שפּראָצנדיקער בוים אונ־טערן הימל.

פון אַ פאַרבאָרגענעם, אומקלאָרן קוואַל האָבן זיך געצויגן די זאַפטן אין זיין לייב, וואָס האָט נאָך דערווייל אויפגעהאַלטן די מענטשלעכע

מראה. נישט די פּיס און נישט די הענט זיינען אַריינגעפאַלן אין גע־ליימטקייט בעת דעם דאָזיקן פּאַרגליווערטן, בהדרגהדיקן אויסגיין, וואָס באַפאַלט דעם גוף, ווען דאָס בלוט ווערט שיטערער, וואַסערדיקער און שלאָגט קוים־קוים, ווי אַ שוואַך שטראָמל אינעם האַרץ.

די הויט אויף ווינגדערס פּנים איז טאַקע געווען אַ ביסל בלייך־געלבלעך, נאָר אָנגעפּילטע, רונדיקע וואַסער־קישעלעך האָבן פון אונטער זיינע אויגן נישט אַפּוירגעגלאַנצט. אמת, דאָס דיקלעכע פלייש אויף זיינע אָרעמס און אויך אויף די אַקסלען איז איצט שוין געווען ווייך, דורכזיכטיק ווי גלאָז. עס איז געווען ציטערדיק־שלאַבערדיק ווי נישט־אויפגעגאַנגען טייג. נאָר זייער אָפּט האָט זיך נאָך איבער זיין פּנים צעשפּילט אַ ראָזלעכער אָפּשיין פון בלוט, וואָס האָט אַריבערגעוואָרפן אַ געזונטן קאָליר איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקן. ער האָט זיך גע־שעמט, ווינגדער, מיט זיין פּנים און מיט זיין גאַנג. אַרום אים האָבן זיך דאָך געדרייט מענטשן מיט אויפגעלאָפענע וואַסער־פּנימער און מיט פּיס... אָ, די פּשוטע, שיינע מענטשלעכע פּיס! צי זיינען עס נאָך געווען פּיס? ער האָט געהאַט אַ ווייטיקלעכע, מענטשלעכע בושה צו קוקן אין די ברייטע, ליידיקע אויגן פון זיינע נאָענטע, וואָס האָבן אים געגליט מיט וואַסערדיק געשווילעכטס. ער האָט אין זיי דערזען אַ בליאַסק פון הייסער חיהשער קינאה. גאַנצע טעג האָט ער זיך נישט געקאָנט אַרויסגליטשן פון דעם דאָזיקן מאָנענדיקן בליק, וואָס האָט אים גע־האַלטן געפאַנגען. ער האָט אין זיי געזען אַ בייזן וואָלפישן חשד: מסתם, באַקומט ער שפּייז אויף עפּעס אַ וועג, וואָס איז פאַר זיי פרעמד און נישט צוטריטלעך. מסתם, געהערט ער צו זיי, צו די, וואָס וועלן איבערלעבן... וואָרעם, ווי קאָן מען זיך אַנדערש אויסטייטשן דאָס, וואָס ווינגדערס שווער, אַ זקן שוין איבער זיבעציק, האַלט זיך נאָך אויף די פּיס, און ווינגדערס פּנים אַליין זאָגט גאָרנישט אויס פונעם געשפּענסטיקן הונגער?

צי איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס אין ווינגדערס מישפּחה, פון מאַמעס צד, זיינען אַלע געקומען פון אַלטע דורות וואַלדייִדן, וואַלד־שרייבערס, פאַכטערס פון פּריצישע גיטער און אַפילו פערד־סוחרים? אַזוי צי אַזוי, אין ווינגדערן האָט פאַרנעפּלט געדרימלט אַ ווייטער נישט

אויסגעלאַשענער כוח פון געזונטע ייִדישע דורות, פון אַלטע פעסטע שטאַמען, וואָס האָבן אים אין די פינצטערע געטאָ־יאָרן גענערט מיט אינעווייניקסטע כוחות פון ייִדישער עקשנות. אַן אויסגעמישטער צווישן די טויזנטער מענטשן אויף דער בריק, האָט ווידער אויסגעזען אַזוי, ווי ער וואָלט דאָ נישט געווען שוין עטלעכע יאָר, ווי ער וואָלט דאָ נישט באַגראָבן זיין ווייב, זיין פינפיאָריק טעכטערל און אַזוי פיל אייגענע מענטשן. גייענדיק יעדן טאָג צו דער אַרבעט (אָ, גאָט, וואָסערע אַרבעט דאָס איז!...), פלעגט ער תמיד אַראָפּקוקן אויפן פרייען שטח פון דער בריק, אויף דער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן גלייך אַרויף צו דער פרייער שטאָט, זי איז געלעגן, די שטאָט, ווי אַ פאַרכישופטער חלום אין דרום־זייט פון געטאָ. אין גראָען שניינעפל האָבן זיך פון דאָרט געהויבן די הויכע גראָע בנינים. דער געווימל פון ווייטע, פרייע מענטשן האָט אים אָנגעגאָסן ס'האַרץ מיט אַ ווייטיקלעכער בענקעניש. אַן אומרויִקער הייסער צאַפּל האָט זיך געוואָרפן איבער זיינע הענט. מיט אַ מאָל איז אַרויסגעשווומען די היים, די אַלטע היים ערגעץ אויף אַ זייטיקער גאַס, אין יענער פאַרכישופטער און פאַרבאָטענער שטאָט. אין די גרויסע טונקעלע חדרים שפּרייזט אַרום דער שווער אַן איינגעבויקטער און ווייסלעכער. ער לאָזט נישט אַרויס פון זיינע טרוקענע, אַלטע הענט געטעס פאַוסט, אָדער דעם רמב״ם. ווי נאָר דער דייטש איז אַריין, האָט זיך דער אַלטיטשקער גענומען גריבלען אין דייטשע ספרים. דער אַמאָליקער ישיבה־בחור, וואָס האָט געשטאַמט פון אַפּטער אָרעמעלייט, האָט אויף דער עלטער געהאַט אַ הייליקע סודותדיקע תאווה צו ספרים. ער האָט זיי געליינט עטלעכע צוזאַמען, און אין יעדן ספר איז געלעגן אַ ווייס שטיקעלע פּאַפּיר ווי אַ סימן. בעת מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה, האָט דער אַלטיטשקער אַריינגעוואָרפן אין אַ זאַק בלויז די ספרים, — ייִדישע, פּוילישע, דייטשע, אַ גרויסן אַלטן תהילים — און מיט דעם אויף די פּלייצעס זיך געלאָזט גיין אין געטאָ אַריין.

— איך דאַרף גאָרנישט מער — געדענקט ווידער דעם שווערס דעמאָלטיקע רייד — בלויז אַ ספרל... מיטן ספרל וועט מען איבערלעבן דעם דייטש...

פאַר ווײַגדערן אַליין איז דאָס ווערן אָפּגעצוימט פון דער וועלט געוואָרן פּלוצעם עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען, ווי ער וואָלט געוואָרן אין חלום איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער ערד. עס איז אים טייל מאָל אויסגעקומען, ווי דאָ געשעט בלויז אַ שפּיל, און באַלד, באַלד וועט אַלץ זיין ווי פריער, עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז די וועלט, די גרויסע אומפאַרצוימטע וועלט, די שכנים, מיט וועלכע ייִדן באַוווינען שוין טויזנט יאָר די זעלביקע אַלטע, פּוילישע ערד, זאָלן זיין גלייכגילטיק? ווי קאָן די וועלט זיין גלייכגילטיק, ווען אַ פֿאָלק ווערט דאָ איינגעצוימט אין געטאָ?

דערווייל זיינען געפלאָסן די צייטן פון יאָר. נאָך די בלאַסלעכע צעשראָקענע פרילינגס זיינען געקומען בייזע, פאַרשׂרפהטע זומערס, וואָס האָבן געברענט די איינזאַמע באַלוטער ערד. פרעמדע טויטלעכע הימלען זיינען געהאָנגען אין אַ טיפער ליידיקער בלאָקייט, ווו די זון איז געזעסן אַ גרויסע און גלאַנציקע, ווי אַ פאַרגליווערטע, מעכטיקע טרער. באַלד נאָך די זומערס פלעגן זיך גאָר פרי שטעלן די פּוילישע יעשענס מיט אַ פינצטער שדיש געוואַי פון משוגענע ווינטן. עס איז געווען אויסטערליש, וואָס די ווינטן זיינען דווקא געקומען פון צפון־זייט פון געטאָ, פון די זאַמדיקע פעלדער הינטערן געטאָ־בית־עולם. אָבער די אַלע ווינטערס ביז איצט זיינען נישט געווען ווי דער ווינטער פון פערטן געטאָ־יאָר. די ווינטן, ווי שנאָבלען פון בייזע פייגל, האָבן געריסן די פּרוכנעוואַטע דעכלעך. אָפט האָט זיך די מענטשן אויסגעוויזן, אַז זיי הערן אין די ווינטן שטילע, וויינענדיקע מענטשלעכע קולות. וואָס נעענטער צום אָוונט, האָט זיך דער דאָזיקער געוואַלד דינער און צעצויגענער געטראָגן איבער דער ערד. די נעכט זיינען געווען שטילע, טויטלעכע און אָן־לבנהדיקע. ס'האָט אויסגעזען ווי די שטערן זיינען שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן אינעם קאַלטן הימלדיקן חלל.

*

ס'איז געווען אַ קילער, בלאָלעכער באַגינען. ווײַגדער איז איצט געגאַנגען איבער די אייבערשטע שטיגן פון דער בריק, זיינע הענט פאַר־

גראָבן אינעם לופטיקן פאַלטנדל, וואָס דער ווינט האָט יעדער רגע גע־וואָלט אָפרייסן פון זיינע קני. דאָס ביסל וואַרעמקייט פון דער שוואַרצער ציקאָריע־קאַווע, וואָס ער האָט אויף גיך אויסגעטרונקען, האָט זיך נאָך מיט זיין ביטערקייט געהאַלטן אינעם אייבערשטן טייל פונעם מאָגן. ער ווייס נישט, פאַר וואָס האָט ער היינט מער ווי תמיד זיך איינגעקוקט אין דער שטאָט, וואָס איז זינט יאָרן געלעגן פאַר אים טויט און פרעמד. היינט איז זי ווידער אויפגעשטאַנען, די שטאָט, אַ נאָענטע, אַ לאַכנדיקע, אַ באַגאָסענע מיט אַזאַ שיינער ווינטערדיקער זון. אַלע אירע מויערן, הויפן און קראָמען זיינען געלעגן אָפגעדעקט אין דער דאָזיקער פרימאָר־גנדיקער בלאָלעכער דורכזיכטיקייט. בעת ווידער איז אַראָפּ פון די שטיגן שוין אויף דער צווייטער זייט, האָט ער דערזען, אַז דער שניי איז דאָרט נאָך געלעגן פון ביי נאַכט, אָנגעהויפט ווי אין הויכע צוגע־פרעסטע קברים־בערגלעך. פאַר אים זיינען געלאָפן הונדערטער, הונ־דערטער פיס, מענטשן איינגעבוקטע, וואָס האָבן זייערע פנימער נישט אויפגעהויבן פון דער פאַרשנייטער ערד. די מענטשן דאָ האָבן זינט יאָרן פאַרגעסן אויפצוהייבן זייערע קעפּ און קוקן אַרויף. זייערע פנימער פלעגן תמיד זיך גליטשן נאָענט איבער דער ערד, בעת זייער בליק איז געווען געפאַנגען דורך זייערע שוואַכע, וואַקלדיקע פיס.

אויף דער צווייטער זייט פון בריק האָט זיך תמיד געהאַט אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל מענטשן ביי די אַראָפּגייענדיקע שטיגן, וואָס זיינען געווען אָנגעהויפט מיט בערגלעך געפרוירענעם שניי. מען האָט זיך געמוזט פעסט אָנהאַלטן איינער אינעם צווייטן, כדי נישט אַראָפּצו־קייקלען זיך פלוצעם. ליגנדיק איינער אויפן צווייטן, האָבן זיי זיך גע־גליטשט איבער די קאַלטע פאַרשנייטע פאַרענטשעס. ווידער איז אויך אַריינגעפּרעסט געוואָרן צווישן די מענטשן, צווישןביידע פאַרענטשעס. און תמיד פלעגט פון אים אין אַזאַ רגע דאָס געפיל פון איינזאַמקייט ביסלעכווייז אַנטרינען. זינט אַזוי פיל יאָרן, ווי ער האָט זיך געפילט אַן אויסגעלאָשענער, אָנגעהאָנגען אין אַ ליידיקן חלל, ווו די אויגן זענען פאַר זיך גאָרנישט. דאָס געפיל פון אָפּגעריסנקייט האָט זיך מיט אַ מאָל אין ווידערן פאַרלאָשן און אים געטראָגן אַ צונויפגעקלעמטן

צווישן אייגעקורטשעטע מענטשן פאַרויס. ער האָט זיך דאָ, אויף דער בריק, דערפילט אויפסניי אַ צונויפגעבונדענער מיט די רעשטלעך פון נאָך אַ לעבעדיקער מענטשן־עדה. פון די דאָזיקע מענטשן האָט זיך אומבאַמערקטערהייט געטראָגן צו אים אַ דין שטראָמל וואַרעמקייט, וואָס קומט פון בשותפותדיקן מענטשלעכן גורל. עפּעס אַ שימערדיקע, וואַרעמע ליכטיקייט האָט זיך געצונדן אין ווּיגדערס האַרץ און דאָרט איינגעלאָשן דעם גראָען שאָטן־געפּלאָנטער פון איינזאַמקייט. דאָס איז געווען אַ געפיל, וואָס איז לאַנג שוין געווען אין אים טויט און איז איצט, אויף דער בריק, צוריק געוואָרן אין אים וואַך. אָבער דאָס דאָזיקע געפיל איז ווידער אין אים איינגעלאָשן געוואָרן, ווי נאָר די מענטשן־עדה האָט אים ווידער אַרויסגעשיילט פון זיך אויף דער צווייטער זייט. דאָ, אַן אָפּגעזונדערטער, אַן איינזאַמער, האָט אים צוריק אַרומגענומען די שניי־זאַווערוכע מיט קעלט און ווינט פון ווייטן, אָפּגעצוימטן חלל.

תמיד, בעת ער פלעגט גיין איבער דער בריק, האָט ער נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון זיך די איבערלעבענישן פון די לעצטע יאָרן. פאַר זיינע אויגן זיינען אויפסניי פאַרבייגעשווומען די יידן־טראַנספּאָרטן, ריזיקע און אומצאָליקע, וואָס זיינען ערגעץ ווו, באַלאָדענע מיט פּעק בעטגעוואַנט און שטוב־כלים, געגאַנגען איבער דער בריק. פון זייערע פּנימער האָט זיך נאָך געטראָגן אַ פאַרבאַהאַלטענע שיַין פון גלויבן אין גערעכטיקייט פון דער וועלט. דורך די פאַר יאָר האָבן די מענטשן ביסלעכווייז פאַר־לוירן אין זיך דעם ווידערשטאַנד־געפיל פון גוף און נשמה. און כאָטש ווּיגדער איז אַליין געווען אַ קליין טיילכל פונעם דאָזיקן ריזיקן כלל, וואָס האָט ביסלעכווייז אַרויסגעוואָגלט פונעם געטאָ, האָט זיך איצט אין אים, נאָך די אַלע יאָרן, עפּעס איינגעבראָכן אין אַ טונקל געפיל, ווי אַן אָנגעצונדענע, ברענענדיקע קנויט וואָלט אומרויִק געפלאַקערט אין אים. דאָס איז געווען אַ פייער, וואָס האָט געגליט מיט אַ העל ליכט פון מענטשלעכן בטחון. און כאָטש ווּיגדער האָט נישט געהערט צו די, וואָס אין זייערע אָדערן טראָגט זיך תמיד דאָס פייער פון בונט און מרידה, איז איצט דער גורל פון דער אָוועקגעוואָגלטער גרויסער יידן־עדה געשטאַנען אים פאַר די אויגן ווי אַ ברענענדיקער רויטער וואָלקן

און אים געצונדן די האָר פון קאָפּ. ער האָט געוואָלט דערגיין די סיבה פון דער יידישער געליימטקייט אין די יאָרן פון דערנידעריקונג און בושה. ער האָט געוואָלט דערגיין דעם זין פון דער יידישער גלייכגילטיקייט אינעם תהום פון געטאָ, בעת דער דייטש האָט בלויז מיט אַ דינער דראָט אָפּגעצוימט די יידן פון דער וועלט. פאַר וואָס האָט מען מיט אַזאַ הכנעה געטראָגן דאָס געשוואָלענע האַרץ און אונטערטעניק זיך געבוקט פאַר אַ ביסל גראַ, וואָסערדיק געקעכטס? צי איז דאָס געווען די אייביקע מענטשלעכע שרעק פאַרן טויט? צי איז דאָס געווען דער זעלבער וועג, ווו עס זיינען געגאַנגען די אַלטע יידן־דורות אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, פאַרזיגלט מיטן שוואַרצן יסורים־זיגל פון בייזן יידישן גורל?

גייענדיק איבער דער פאַרשנייטער בריק, האָט וויגדער זיך געהאַט אַריינגעפלאָכטן אין דער דאָזיקער גרויסער יידן־עדה, וואָס טראָגט אים אין זיך ווי אַ שפּענדל און וועט מיט אים ערגעץ ווו פאַרשווינדן. אַ ברענענדיקע בושה האָט אים געדריקט דאָס האַרץ און אויסגעפרעסט פון זיינע אויגן אַ וויילכע, גראָע טרער. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין וויינען. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט בייקומען די קלעמונג, וואָס איז אים באַפאַלן. מיט אַ מאָל האָט אַ האַס צו זיך און צו זיין שוואַכקייט אָפּגעשווענקט זיין טרער. זי איז אין איין רגע געוואָרן אויסגעטריקנט. ער האָט איינגעקנוילט די הענט און מיט אַ קרומער, טרויעריקער תנועה געביילט ווילד די פויסטן. ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַריבערגעקוקט צו דער שטאָט. דאָרט איז געווען די וועלט, די גרויסע נישט־פאַרצוימטע וועלט, וואָס האָט די יידן נישט געוואָלט האָבן צווישן זיך. פון זיין איינגעביילטער פויסט האָט וויגדער צוריק באַקומען אַ פאַרבאָרגענעם זאַפט אין זיינע אָדערן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געפרוווט אַריינבליקן אין פּנים פון יעדן אַדורכלויפנדיקן ייד. ער האָט געוואָלט זיי עפּעס אָנפאַרטרויען, עפּעס אויפוועקן, מינטערן, אַריינגיסן זיי אַ ביסל טרייסט און פרייד אין זייערע שטאַרבנדיקע פּנימער, די דאָזיקע פרייד, וואָס האָט אַזוי שוואַך, כמעט אין דער פינצטער, שוין אָנגעהויבן אין אים טליִען. ער האָט נישט געוווּסט וואָס

דאָס איז אַזוינס, נאָר ער האָט שוין דערשפּירט אַ דינעם ברי פון אַ פלאַם, וואָס האָט געצונדן זיין האַרץ מיט אַ גרויסער, פריידיקער בשורה.

ער ווייס נישט, ווי אַזוי ער האָט זיך פלוצעם אויסגעגליכן ביים אַראָפּגאַנג פון די שטיגן מיט עפּעס אַ נידעריקער דאַרער געשטאַלט. פאַרלאָזנדיק דאָס לעצטע טרעפּל, האָט ער שוין געפילט פאַרוואָרפן איבער זיך, פון הינטערווייל עכטס, אַ פּאָר וואַרעמע הענט, וואָס האָבן אים אַרומגעכאַפּט ביי די אַקסלען. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און שיער נישט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. פון זיין מויל איז אָבער אין דער ערשטער רגע נישט אַרויס דאָס מינדסטע קול. ער האָט נאָך מער אויפגעפּראַלט זיינע אויגן און לייכט און פּאַוואָליע אַראָפּגענומען די אַרויפגעוואָרפענע הענט איבער זיינע אַקסלען. אַ ווייך מיידל־פּנים האָט קרומלעך געקוקט אויף אים. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ צעטומלטער און זיך גוט איינגעקוקט אינעם מיידלס פּנים. הינטער זיי האָבן זיך שוין דערהערט בייזע קולות פון לויפנדיקע, וואָס האָבן די ביידע פאַרגאַפּטע מענטשן געשטויסן פאָרויס איבערן נישט־אויסגע־טראָטענעם שניי.

— גיטעלע!...

ער האָט אַרומגענומען דעם מיידלס רויטלעכע, אָנגעלאָפענע הענט.

— וויגדער, וויגדער!... — האָט ער נאָך אַ מאָל דערהערט איר קאַלט ווייגנדיק קול.

ערשט איצט האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אינעם מיידלס פּנים. פון הינטער דער פאַרוויקלטער פאַטשיילע האָבן אַרויסגעקוקט גרינלעך־צעשראָקענע און בלאַסלעכע אויגן. דעם מיידלס אויגנדעקלעך זיינען געווען אַרומגעזוימט מיט צעשויבערטע לענגלעכע ווימפּערן, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן אַ דינע שנייפייכטקייט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די נעציקייט קומט פון נאָר־וואָס אָפּגעפלאָסענע טרערן. אויך איר שטערן איז געווען פייכטלעך פונעם פאַטשנדיקן שנייוווינט. זי איז געווען קליין און דאַר, דאָס מיידל, איר שמאָלע געשטאַלט — אַ ביסל אַריבער־געבויגן פאָרויס. אירע פיס האָט ער אין גאַנצן נישט אַרויסגעזען. זי איז געשטאַנען פאַר אים אין הילצערנע, גראָע, טרויעריקע שיך. אַ צעריסן

אַלט רעקל האָט אַרומגעוויקלט איר מיידלשן פלאַכן גוף ווי ביי אַ ייִנגל.

ווידער האָט נאָך אַ מאָל אַרומגענומען און געצויגן צו זיך אירע קליינע, קאַלטע אויסגעשטרעקטע הענט. ער האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך פון אַ פּלוצעמדיקער, אויפגעטויכטער וואַרעמער גערירטקייט. אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס מיידל מיט דער איינגעקנוילטער פאַרטשיילע און מיט איר אַרומגעוויקלטן רעקל, געהערט צו אַן אַנדערער, פרעמדער וועלט. זי איז געווען שיין, כאָטש איר ייִנגלישער גוף האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס אין די הילצערנע שיך און איר פּנים־הויט האָט געהאַט לייכטע, פלאַכלעכע סמנים פון פּאָקן. די פּאָר געטאָיאָרן האָבן נישט באַוויזן צו פאַרוועלקן די אויפשפּראָצנדיקע יונגע שיינקייט פון איר יידיש פּנים און פון אירע דאַרע ייִנגלישע גלידער. גראָד ווי דער פרילינג — האָט ער געטראַכט — ווערט קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן אונטער די ווינטערדיקע אייזפּלאַסטן פון דער אָפּגעשטאָרבענער ערד. די פּלוצעמדיקע שיינקייט פונעם מיידל האָט ווידערן אָנגעגאָסן מיט אַ פרעמדער שטראַליקער וואַרעמקייט. ער איז געשטאַנען אַ פאַרשוויגענער און דערשראָקענער, ווי מען בלייבט שטיין פאַר דער פּלוצעמדיקייט פון אַ זעלטענער אַנטפּלעקונג. ער האָט אין דער ערשטער רגע נישט אַרויסבאַקומען פון קעל דעם מינדסטן הויך, ווי אַ וואַרעמע האַנט וואָלט אים דאָרט פאַרשפּאַרט דעם אָטעם. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר יונגער שיינקייט און פאַר דער צאַפּלדיקער קלעמונג אין זיין האַרץ. פאַרשוויגענערהייט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואַרט. די שטילקייט צווישן זיי ביידן האָט עפּעס נאָך מער זיי דערנענטערט, כאָטש זיי האָבן זיך נישט אָנגעקוקט. זיי האָבן זיך ביידע געזען מיטן ליכט, וואָס קומט פון הינטער פאַרשלאָסענע אויגנלעדלעך און ברענגט אַן ענגערע דערנענטערונג ווי אויף דער וואָר.

— און זעלדע... זעלדע איז אויך דאָ? — האָט ער אין איין אָטעם קוים אַרויסגעשטאַמלט און זי אָנגענומען פאַרן אַלטן צעפּאַלענעם רעקל.

דאָס מיידל האָט מידלעך אויפגעהויבן אירע אויגן.

— יאָ... זי איז קראַנק...

— וואָס איז איר?

— טעבעצע... אַ ליאַדע שעה... שווינדזוכט...

ווינגדער האָט געפּרוווט איינאָטעמען די קאַלטע שניילופט. ס'האָט אים פאַרפּעלט אָטעם פון דעם, וואָס דאָס מיידל האָט דערציילט.

— און דער טאַטע?

— געשטאָרבן... פאַראַיאָרן...

— און די מאַמע?

— אַרויסגעפירט אין דער שפּערע...

דאָס מיידל האָט דאָס אַלץ אַרויסגערעדט שטיל און איינגעהאַלטן, מיט אַ ביסל אַ פאַרבויגענעם קאָפּ, בעת אויף איר פּנים האָט זיך נישט געזען דער מינדסטער שאָטן פון טרויער. אירע באַקן האָבן געטראָגן אויף זיך אַ קאַלטע, אומהיימלעכע פאַרגליווערטקייט, ווי זיי וואָלטן געווען געקנאָטן פון טויטן גיפּס. פון דער קילער פאַרגליווערטקייט איז איר פּנים געווען גראָלעך בלייך, נאָר די אויגן אירע האָבן פאַרטייעט געברענט מיט אַ יונגן גרינלעכן אָפּגלאַנץ פון פאָספאָר. זי האָט גערעדט וועגן טויטע און קראַנקע, ווי וועגן ווייטע, גלייכגילטיקע פאַסירונגען ערגעץ אויף אַ פרעמדער ערד. אויף ווינגדערן האָט איר גלייכגילטיקע רו אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ס'איז אין איר נישט געווען קיין שום מענטשלעכע וויברירונג. בלויז דער גרינלעכער פאָספאָרגלאַנץ פון אירע אויגן האָט דערמאָנט אינעם וואַרעמען גלי פון לעבן.

ווינגדער האָט פּאַמעלעך אַרויסגעלאָזט פון זיינע פינגער איר קאַלטע פויסט.

„ווי גיך עס פאַרשווינדן דאָ די טויטע! ווי גיך פאַרגייט דאָ די געדעכעניש נאָך די פאַרשטאָרבענע!" — האָט זיך אין אים אויפגעהויבן אַ דינע, טרויעריקע מחשבה.

דאָס מיידל האָט אָפּגעדעקט די פּאַטשיילע פון איר קאָפּ, אָפּשאָק־לנדיק פון די האָר דעם שניי. איר שמאָל פּנים האָט איצט פול און אָפּ־געדעקט געשמייכלט אַרויף צו אים. אין באַהאַלטענעם מיידלשן גלאַנץ פון אירע אויגן איז געלעגן אַ פאַרטייעטע וואַרעמקייט, וואָס האָט אים מילד געררייצט מיט לאַנג שוין אָפּגעשטאָרבענע באַגערן. פון אירע צע־שויבערטע ווימפּערן האָט זיך פּאַוואָליע געגליטשט די נעציקייט און

געבליבן ליגן אין די אויגן־ווינקלען אין קליינע בלישטשענדיקע טראָפּנס. אים האָט זיך אויפסניי אַ רגע געדוכט, אַז דאָס וויינט זי אַזוי, מסתּם, מיט אַ שטיל איינגעהאַלטן געוויין. אירע פויסטלעך האָבן זיך וואָרעם געקראַמפּט אין זייגע הענט. וויגדער האָט זיך ווידער אָנגעבויגן, כּדי נענטער צו זען די טראָפּנס אין אירע אויגנווינקלען. דאָס זענען טאַקע געווען טרערן קליינע, ציטערדיקע ווי ביי קינדער, וואָס ס'איז זיי נאָך פרעמד די גרויסע לינדערונג פון טרערן אין אַ מענטשלעך אומגליק.

— זענט איר ביידע געבליבן אַליין?

דאָס מיידל האָט ווידער פאַרוואָרפן די פאַטשיילע איבער איר פּנים.

— ביידע אַליין? איך וועל באַלד זיין איינע אַליין...

זיי זיינען שוין דערוויייל געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שפּאַר ביסל פון דער בריק, פון וואַנען ס'האָבן זיך נאָך אָן אויפהער אַראָפּגעטראָגן מענטשן אין אַלע זייטן. דאָ, אויף דער צווייטער זייט געטאָבריק, האָבן זיך גע־פונען ליידיקע, איינזאַמע שטחים. האַלב צענומענע הייזלעך און פלויטן האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג. די מענטשן זיינען געלאָפן מיט גע־קרייצטע אומוועגן צו זייער אַרבעט. דער ווינט האָט דאָ יעדער רגע אויפגעהויבן אַ טונקעלן וואָלקן מיט דראָבנעם שניישטויב און אים שפּעטער צעשיט אין טויזנטער ווייסע שפּריצנדיקע קייקעלעך פון גע־שניטענע איידלשטיינער.

די באַגעגעניש מיטן מיידל האָט וויגדערן אָנגעפילט מיט אַ מין צאַפּלדיקער ליכטיקייט. פון זיין גאַנץ אינגעווייד האָט אָנגעהויבן גליִען, ווי ער וואָלט געוואָרן געוואָרעמט פון אַ גוטער, מילדער זון. איר שמאָלע מיידלשע געשטאַלט האָט זיך אַזוי איידל אַרויסגעוויגט מיט איר יונג־קייט פון אונטער אירע אָרעמע, טונקעלע קליידער. דאָס ליכט, וואָס האָט געשפּאַרט אויף אים, האָט פאַרגאָסן זיינע אויגן־אַפּלען. ער האָט מער נישט געזען פאַר זיך אירע אַראָפּהענגענדיקע שוואַרצע און טרויע־ריקע קליידער. אירע דינע, שמאָלע, מיידלשע היפּטן, דער הויכער שפּראָצנדיקער האַלדז, דאָס מאַטע מיידלשע פּנים מיט די גרויסע, אויפגעפּראַלטע, גרינלעכע אויגן — דאָס אַלץ האָט וויגדערן אָפּגעריסן פון דער ווייסער, איינזאַמער ערד און אים אַוועקגעפירט אין אַ ווייטן

ליכטפליין, ווו נאָר ער און דאָס דאָזיקע איינזאַמע מיידל טרעטן ערגעץ ווו אונטער גוטע לייכטנדיקע הימלען. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שטייט מער נישט אין געטאָ. עפּעס אַ ווייטער שוין לאַנג אויסגע־גאַנגענער ליכט־נס פון מענטשלעכער ליבשאַפט האָט אויפסניי איבער אים אַ פלייץ געטאָן. ער האָט זיך פאַרשעמט. דאָס מיידל איז דאָך געווען איר שוועסטער... זעלדעס שוועסטער...

— איר וועט קומען צו אונדז? — ווי דורך אַ נעפּל האָט זיך איצט געוויגט איר שטים — איר זענט דאָך שוין געווען ביי אונדז. איר געדענקט?

ערשט איצט האָט ער זיך מיטן גאַנצן כוח אַרויסגעריסן פונעם ליכטקרייז, וואָס האָט איבער אים די גאַנצע צייט געפלייצט. ער האָט שוין ווידער געפילט דעם ווינטס פאַרגלאָזטן קאַלטן אָטעם איבער זיך. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן אירע קליינע מיידלשע פויסטן אין זיינע ציטערדיקע דלאָניעס.

— איר וועט קומען?

זיי זיינען ביידע איצט געגאַנגען דורך אַ שמאָל פאַרשנייט געסל, וואָס האָט זיך געצויגן מיט נידעריקע, איינגעפאַלענע הייזלעך. לעבן די ווענט האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטערן שניי הויכע, פאַרוועלקטע גרעזער און ווילדע קראָפּעווע פון די פאַרגאַנגענע זומערס. איבער דער גאַנצער לענג פון געסל האָבן זיך געצויגן צעטראָטענע שמאָלע בייטן־סטעזשקעלעך, אַרומגערינגלטע מיט דראָט בידעריק ביי דער ערד, ווו יידן פלעגן דאָ זומערצייט פלאַנצן כלערליי אָרעמע ירקות צו שטילן דעם הונגער. דאָרט, ווו דער ווינט האָט געהאַט אָראָפּגעקערט פון די בייטן דעם שניי, האָבן אַרויסגעקוקט די רויטע פאַרברענטע בלעטער פון פאַראַיאָריקע פלאַנצן. זיי זיינען געלעגן, די פלאַנצן, מיט אַ משונה־דיקער צעטרעטענער גאָלדענער רויטקייט, אויסגעמישט מיט דער אָפענער גראָקייט פון דער ערד. די גרודעס ערד, טרויעריקע און פאַר־לאָזטע, האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער די בערגלעך אַנגעשיטן שניי.

— קומט, וויגדער... טוט דאָס... פאַר איר... איר וועט זי נאָך אפשר טרעפן... — האָט איר קול זיך ווידער געשפּאַלטן אין ווינט און זיך

אַוועקגעטראָגן ערגעץ איבער דער שניילכטיקייט פונעם אָפענעם שטח.

דאָ האָט זי זיך פּלוצעם אָפּגעריסן פון זיינע הענט און אַנטלאָפן איבער אַ ליידיק שטיקל פעלד.

— קומט! קומט! — האָט דער ווינט נאָך אַ מאָל צו אים צוגעטראָגן איר קול. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ ווי דורך אַ נעפּל.

ער איז שוין איצט געשטאַנען איינער אַליין. דאָס האָט אַוודאי די פעלדליידיקייט אים מיט אַ מאָל פון זיך אַרויסגעוואָרפן, פון איר קאַלטער ווינטערדיקער שויס, כדי ער זאָל נאָך מער פאַלן אין ווייסן איינזאַמען כף־הקלע, וואָס האָט זיך געצויגן פון די אַרומיקע טויטלעכע געטאָ־שטחים. אפשר איז עס גאָרנישט געווען קיין באַגעגעניש, נאָר אַ כישוף־דיקער שפּיל פון שנייווינט און ווייסן וואָיענדיקן געווירבל. עפּעס ווי אַ קאַלט, ווייס געוויין, אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַך אומבאַהאָלפן העשען פון נישט־לעבעדיקע באַשעפעניש, האָט זיך נידעריק געוויקלט אַרום זיינע פיס אין דער דאָזיקער ליידיקער, געשפּענסטיקער שטילקייט. דער הימל איז געהאָנגען נידעריק, איינגעקורטשעט און קאַלט, ווי די זון וואָלט קיין מאָל נישט אַדורכגעגאַנגען זיינע געוועלבן. וויגדער האָט אָנגעהויבן צו לויפן און, יאָגנדיק זיך פאָרויס, האָבן זיינע אויגן דערזען, אַז דער שניי, וואָס ליגט דאָ אויסגעשפּרייט איבער די בייטן, איז שאַרף רויטלעך. דאָס איז געקומען פון די רויטלעכע און פאַרפוילטע בלעטער, וואָס דער נאַסער שניי האָט אָן אויפהער געווייקט אונטער זיך, זייגנדיק פון זיי די שאַרף־רויטלעכע קאָליר. ער איז געלאָפן אָן אָטעם און גע־וואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען. אָבער וואָס מער ער האָט גע־וואָלט אַרויס פון דער דאָזיקער געשפּענסטיקער און ליידיקער ווייסקייט, אַלץ ברייטערע, טיפערע אָרעמס האָבן צופּוסנס אים אויסגעשטרעקט די רויטלעכע בייטן, וואָס זיינען געלעגן פאַרדעקט מיט אַ פיאָלעטן, שטילן שניי. פון אַלע גראָע, אָפענע ערדשפּאַלטן האָבן אַרויסגעקוקט צו אים די כישופדיקע, שיטערע בייטנפלעקן. ער איז איצט שוין געלאָפן פון איין געסל צום צווייטן, פון איין הייפל צום צווייטן, ווו ס'זיינען געשטאַנען די טויטע, איינגעפאַלענע ברונעמס, ווי פאַרשטיינטע מענטש־

לעבע גילגולים. ער איז ביסלעכווייז געזונקען אינעם שניי, וואָס איז דאָ געלעגן אַ געדיכטער און נישט־ערדישער. ער איז געווען זיכער, אַז זיינע פּיס וועלן זיך שוין נישט אַרויספּלאָנטערן פון דער דאָזיקער נעץ פון ווינט, שניי און בייטן. ער איז טאַקע וואָס אַ מאָל טיפער גע־זונקען אינעם נישט־ערדישן שניי פון די טויטע הייפלעך, אין זייער שטילקייט ווי אין אַ טיפן, פינצטערן אָפּגרונט. זיינע הילצערנע שיך האָבן אומעטום מיטגעטראָגן די פּיאָלעטע שנייפלעקן פון די צעטראָטענע בייטן. אַ ווינט האָט זיך אַ הייב געטאָן ווי אַ שאַרפער, גלאָזיקער אָטעם און מיט רוגזה זיך געוואָרפן איבער די טויטלעכע בייטן, אָפּדעקנדיק זיי אין גאַנצן פונעם דינעם, פּיאָלעטן שניי־אייבערפלאַך. איצט איז שוין געלעגן די ערד אַ נאַקעטע, אַ הוילע, ווי דער גוף פון אַן אָפּגע־דעקטן מענטשן. אין דער ערדס שפּאַלטן זיינען געלעגן קליינע ריטש־קעלעך פון אַ משונהדיק־רויטלעכער קאָליר, וואָס האָט אויסגעזען ווי נאָר־וואָס פאַרגאָסן בלוט. נישט לאַנג אָבער האָט דער ווינט געהאַלטן אָפּגעדעקט די ערד. דער אויפגעהויבענער שניי איז אַ רגע געהאָנגען באַוועגלאָז אין דער לופט, דערשראָקן און בהלהדיק און באַלד — אַ גע־שפּאָלטענער — האָט ער זיך פּאַמעלעך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, ווי אַ מידער פליגל־צאַפּל פון אַ ריזיקן, ווייסן, געשאָכטענעם פויגל.

## קאַפּיטל צוויי

# ביי דער פּריטשע

צוויי דורכגאַנג־טויערן, — די צוויי פאַרמאַכטע, האַלבע פליגל אין דער נידעריקער, לאַנגער נעץ פון פאַרזשאַווערטן געטאָדראָט, — עפענען־אויף דעם וועג פון מיזרח־און־צפון־געטאָ צום מערב־טייל פון יידנפערטל. די דאָזיקע טויערן אויף ביידע זייטן געטאָ זיינען ס׳רוב פאַרשלאָסן און נאָר ביים עפענען קרייצן זיי אַדורך די פרייע גאַסן חוצן געטאָ, ווו ס׳לויפן יעדער רגע בלאָקאַלירטע טראַמווייען פון דער שטאָט מיט זייערע פאַרהעמערטע טירן און מיט קאַלטע, פרעמדע בליקן פון נישט־יידישע פנימער דורך די שויבן. צוויי מאָל אין טאָג, באַגינען און אָוונטצייט, זאַמלט זיך ביי די דאָזיקע טויערן אַ המון יידן, וואָס וואַרטן ביז די טויערן וועלן זיך עפענען. שפּעטער, אונטערגעיאָגט דורך דעם דייטשן וואַכפּאָסטן, לויפט דער המון פון איין זייט געטאָ צום צווייטן אין בהלהדיקן געפּלאָנטער פון לויפנדיקע געשוואָלענע פיס און בייזער קלימפּעריי פון אָנגעהאָנגענע טעפּ און שיסלען. ס׳געשעט אָפט, אַז צווישן די ביידע אויפגעעפנטע טויער־פליגל וואַרפט מען דערוויילע, ביים אַדורכלויפן, אַ בליק צו צפון־זייט. דאָרט לויפט דער פרייער וועג משופּעדיק אַראָפּ. ער איז שאַרף־זילבערדיק און הייבט זיך ווידער באַרגיק. אין סאַמע סוף פון דאָזיקן וועג זיצן ביים הימלראַנד טונקל־בלאָלעכע פלעקן — דאָס זיינעןביימער, וואָס שטייען שוין ביים וואַלדיקן שאָסיי. ביימער... ביימער... אַ וואַלד... אַ בלאָלעך־פינקלדיקער, יענערוועלטיקער האָריזאָנט, וואָס איז אַזוי נאָענט... דער דייטש שטעלט טייל מאָל אָפּ איינעם פון די דורכלויפנדיקע, הייסט אים זיך אומדרייען און איז אים בודק די יידן־לאַטע אויף דער פּלייצע. דער דייטש שטייט

אָפּגערוקט פונעם ייד, די הענט פאַרצויגן מיט הויכע וואַרעמע פוטער־הענטשקעס, בעת זיין רונדיק געלבלעך פּנים שווימט אַרום אין אַ צעיווירענער ווינטערדיקער רויטקייט. ער רוקט זיך אָפּ, דער דייטש, כדי ניִשט צו שטיין אינעם גבול פון דער לופט, ווו עס אָטעמט דער ייד. דער ייד שטייט אויסגעדרייט, שלינגט דערווייל דאָס פּיצל פרייע גערסל מיט זיין שיטערן הימל. אים דוכט זיך, אַז באַלד וועט ער דער־שפּירן אין זיינע פלייצעס אַ דינעם ברי ווי פון אַ נאָדל. דאָס דויערט אָבער נאָר אַ רגע. באַלד איז דער ייד ווידער אַריינגעטריבן צווישן הונדערטער פּיס, צווישן שטויסנדיקע, אויסגעשטרעקטע הענט און אָרעמס, אין קלימפּעריי פון אָנגעהאָנגענע בלעכערנע כלים און אינעם גיהנומדיקן געקרעכץ פון די שווערע, הילצערנע שיך. ער לויפט שוין אויף דער צווייטער זייט געטאָ און דערפילט אַ באַפרייענדיקע דער־לייכטערונג: אָט איז ער ווידער צווישן יידן, צווישן אייגענע, צווישן היימיש־יידישע, גראָע פּנימער, וואָס אַלע האָבן זיי אַ מוטנעם, גראָלעכן גלאַנץ פון די אַראָפּהענגענדיקע וואַסער־טאָרבעלעך אונטער די צעשראָ־קענע יידישע אויגן.

כדי אָנצוקומען צום געסל, ווו ווינגדער האָט זיך געאיילט, האָט מען אויך געמוזט אַדורכגיין דעם שמאָלן טויער־דורכגאַנג. אַזוי ווי אויף דער בריק, האָט ער אויך דאָ, לויפנדיק צווישן דעם שמאָלן וועגפּאַס, וואָס געהערט שוין צו אַ פרייער, אומגעצוימטער וועלט, דערפילט ווי דאָס בלוט בריט אים שטאַרקער אין די שלייפן. ער האָט זיך ווידער פאַר־שעמט פאַר זיך און פאַר די לויפנדיקע יידן אַרום אים. עפּעס אַ ווייטיק־לעכע, ברענענדיקע, מענטשלעכע בושה האָט אים פאַרטונקלט די אויגן ווי אַ בייזער וואָלקן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס אַלץ, וואָס געשעט אַרום אים. פאַר וואָס קומט נישט קיין הילף פון דער וועלט? פאַר וואָס גייען די מענטשן אויף יענער זייט אַזוי גלייכגילטיק צו זייער אַרבעט? פאַר וואָס שפּילן די מוזיק־קאַפּעליעס אויף די הייף אין זייערע חגאות? פאַר וואָס? פאַר וואָס?...

די אַלע מחשבות האָבן אים נאָך מער צערייצט, בעת ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אויף דער צווייטער זייט פון געטאָ. פון די הילצערנע,

פּרוכנעוואַטע הייזער האָבן ווידער אַרויסגעבליקט צו אים יידישע פּנימער, אַשיקע, איינגעפאַלענע — און אַלע האָבן זיי אים נישט געלאָזט רוען. אין אַלע יידישע פּנימער האָט ווידער געזען נאָר איין איינציק פּנים — דאָס פּנים פון זיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן. אייגנטלעך, האָט שוין זיין טאַטנס פּנים געהאַט אין געטאָ טאָפּלטע פאַלדן, טאָפּלטע בערגלעך, וואָס האָבן געשפּאָלטן זיין געזיכט אין צווייען. דאָס הונגער־פּנים, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון לויזן געשווילעכץ, האָט זיך געהאַלטן איבערן אַלטן אַמאָליקן פּנים ווי אַן אַרויפגעצויגענע מאַסקע. בעת איין טייל פון פּנים האָט צעשניטן אַ מרה־שחורהדיקע תנועה, האָט דער צווייטער טייל, דער איבערגעדעקטער מיטן געשווילעכץ, אַרויסגעבליקט שטיל און פאַרבאַהאַלטן, ווי ס'וואָלט געהערט צו אַ צווייטן מענטשן. ער געדענקט גוט, ווי דורך חדשים האָט ער געזען, אַז דאָס געשווילעכץ־פּנים לעשט ביסלעכווייז אויסביים טאַטן דאָס אַלטע, גוטע, פאַרמלחמהדיקע פּנים זיינס, ביז ס'איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן. איצט בליקן צו אים אַרויס פון אַלע אויגן דעם טאַטנס ווייכע, תחנונימדיקע, צעגאָסענע שוואַרצאַפּלען. ער האָט אַזש געמוזט זיך פאַרשטעלן ס'פּנים, כדי צו קאָנען אַדורכגיין די געסלעך, ווי מען פאַרשטעלט זיך די אויגן פאַר אַ ווייטיקלעכער און רציחותדיקער זעונג. זיי זיינען אים אָבער נאָכגעגאַנגען, די אויגן, אַן אויפהער פון אַלע פענצטער, פון אַלע טרעפּלעך, פון אַלע נישעס. פון אַלע יידישע פּנימער האָט צו אים גערופן איין איינציק גרויס, יידיש פּנים, וואָס האָט אַ פאַרשטומטס און געשוואָלנס, מיט אַלטע יידישע תנועות געבעטן ביי אים הילף און רחמים. —

ער האָט זיך קוים היינט דערוואַרט, אַז דער פאַרנאַכט זאָל צופאַלן. ער לויפט איצט צו זען, זעלדען... אַן אָפּשטאַרבנדיקע... אפשר וועט ער זי נאָך טרעפן... אפשר... ווי אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט ער זי געזען אויפסניי אַזוי נאָענט לעבן זיך. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישע פאַסירונג צווישן אים און זעלדען, אַ באַגעגעניש, וואָס האָט זיי דעמאָלט צונויפגעפירט אויף לאַנגע, לאַנגע חדשים. אומגלייבלעך איז געווען — שפּעטער דאָס שיידן זיך. וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען אַזוינס — איז אים ביז איצט נישט קלאָר. אַ זעלטענע, פּלוצעמדיקע ליבשאַפט,

וואָס פאַרגייט תמיד מוראדיק גיך, האָט אין יענע יאָרן זיי ביידע געהאַט צונויפגעפירט און — באַלד צעשיידט. דערנאָך איז געקומען דאָס גרויסע יידישע אומגליק. דאָס לויפן אין געטאָ האָט איבערגעריסן זייער קורצע, שיינע ליבשאַפט. זיי זיינען ביידע געווען יונג און בעתן אומגליק זיינען זיי שוין, איטלעכער באַזונדער, אַוועק מיט זייערע מישפחות אין געטאָ אַריין. ביסלעכווייז האָט זיך אין זיי אַלץ אויסגעלאָשן. דער הונגער, דער פחד אַרויסגעשיקט צו ווערן, און דער גיכער טויט פון זייערע מאַמעס, טאַטעס און באַענטע, האָט ווי מיט אַ שטאַרקן שטויב פאַרדעקט דאָס געשעענע. ס׳איז געווען אַפילו אויסטערליש, וואָס די פאָר יאָר האָבן זיי זיך דאָ נישט צונויפגעטראָפן. און אפשר איז עס גאָרנישט געווען אַזוי אויסטערליש. ס׳איז דאָך געווען אַ שטענדיק וואַנדערן פון טויזנטער יידישע מישפחות, וואָס זיינען אַריין און אַרויס פון געטאָ. פון די קליינע יידיש־פוילישע שטעטלעך זיינען אָן אויפהער געקומען מחנות יידן אויפן אָרט פון די אומצאָליקע טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן געפלעפטע, שווייגנדיקע און דערשראָקענע ערגעץ ווו אַוועקגעוואָגלט. דער שטענדיקער יידישער טויט, וואָס האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט ווי אַ ריזיקער שפּאַרבער אויף די זאַמדיקע ברייטע טויטנפעלדער הינטער דער שטאָט, האָט אויך ביסלעכווייז געשלונגען די טויזנטער פרעמד־פנימדיקע מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון די לענדער ביי די וואַסערן פון ריין, מיין, דאַנאַו און וועלטאַווע. אַ יידן־וואַנדערונג פון אַלטע, איינגעזעסענע מערב־אייראָפּעישע קהילות, מיט זייערע ברעקלעך האָב און גוטס, האָט זיך געצויגן דאָ אַהער, ווי אין מיטל־עלטער, צו די גראָע שטעט פון פוילן, צו די „אָסט־יודן" אין די שמאָלע געטאָ־געסלעך. עס האָבן זיי אויפגענומען די הונדערטיאָריקע יידישע קלויזן, די ענגע, אָפּגעצוימטע פאַרשטעט פון די תחום־המושבס, איינזאַמלענדיק אַלע יידן־אָפּשטאַמיקע און אַלע די, וואָס דורך בלוט און פלייש זיינען זיי געווען פאַרבונדן לאַנגע, לאַנגע דורות מיטן גורל פון פאָלק. אָפּט איז זיי אויסגעקומען, אַז טאָקע איצט געשעט דער גרעסטער ווונדער: אַלע יידן־אָפּשטאַמיקע, צעשפּרייטע אין דער וועלט, ווערן צונויפגעזאַמלט דורך אַ בייזער האַנט, כדי באַלד אַקעגנצוגיין דעם גרויסן פאַרהוילענעם

טאָג פון משיח. וואָרעם נישט אַנדערש ווי נאָר דורך דעם העכסטן אויפשטייג פון זינד און שלעכטס, וואָס איז איצט געקומען אויף דער ערד, וועט זיך פאַר זיי אויפפּראַלן דער שענסטער טאָג פון ליכט. אַזוי פּראַלט זיך אויף באַלד באַגינען, נאָך אַ לאַנגער נאַכטפינצטערניש, אַ בלומען־בעכער אונטער אַן אויפגייענדיקן גוטן, אייביקן הימל, וואָס שיצט אַלץ אויף דער וועלט — דעם מענטש, חיה, פויגל, פלאַנצן און אַפילו דוממים. אין די אַלטע שטעט פון די פוילישע געטאָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן די שפּליטערס פון אַ גרויסן, צעוואַקסענעם בוים; ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע צווייגן איבער ווייטע, פרעמדע שטחים און לעבן פּרעפּלענדיקע, טרויעריקע פוילישע וואַסערן, וואָס האָבן אַ גראַנאַטקאָליר ווי פון ווייכן, פאַליענדיקן סאַמעט. די פוילישע געטאָס האָבן זיי אַלע איינגעזאַמלט אין זיך מיט אַ קילן פאַראומערטן שמייכל פון אַ פאַרשעמטער אַלטער מאַמען, וואָס באַגעגנט אירע פרעמד־געוואָרענע זין. און אין דעם דאָזיקן אָפּגאַנג פון מענטשן, אין געראַנגל מיט קראַנקייט און טויט, אין אייביקער יידישער בהלה, האָט אויך ווידער ביסלעכווייז פאַרגעסן דאָס אַמאָליקע לעבן. עס איז געקומען אַ ניי, אומדערוואַרט חיהש וואָך־זיין, ביי טאָג און ביי נאַכט, איבער דעם תמיד באַדראָטן לעבן. פון צייט צו צייט האָט זיך אין אים עפּעס יאָ אויפגעוועקט, כדי באַלד ווידער זיך איינצולעשן, ווי ס'לעשט זיך אויס אַן אויפגעוועקטער וואָרעמער פונק צווישן קילע, אויסגייענדיקע, פאַרברענטע גלאָוניעס.

*

שיטערע און לויזע זיינען זיי געשטאַנען, די פּרוכנעוואַטע הייזלעך, ווי ווידער איז איצט געלאָפן אונטער דער אַראָפּפּלייצנדיקער געטאָדעמערונג. אַ צערייצטער, ווינטיקער אָטעם האָט צעהאַנגען איבערן נידעריקן הימל זיינע אָנגעלאָפענע שנייוואָלקנס, וואָס האָבן פאַרדעקט יעטוועדן פינקלדיקן שטערנשימער אין די ווייטע הימלגעוועלבן. דאָס געסל האָט זיך געצויגן ביז אַראָפּ צום געטאָ־בית־עולם, פאַרזונקען און דערשראָקן. דורך אַ הייפל, פול פאַרלייגט מיט שניי און קויט, איז

ווײַגדער אַרויף אויף אַ גאַנעק און פֿון דאַנען — אין אַ פֿינצטערלעכן, שמאָלן קאָרידאָרל.

אַז ער האָט געעפֿנט די טיר — האָט ער אין דער ערשטער רגע קײנעם נישט געזען. אַ רויטלעך פֿלעמל פֿון אַ באַהאַלטן לעמפּל האָט זיך געוויגט אינעם חלל ווי אַן אַנגעצונדן, צאַפּלדיק, שדיש אויג. אין חדרל איז געשטאַנען אַ וואַרעם־פֿײַכטלעכע פּאַרע, וואָס איז געגאַנגען פֿון אַ נידעריק אויוונדל. ביים אַרײַנגײן אין חדרל אַ פּאָר טריט טיפֿער, האָט ווײַגדער ערשט דערזען עטלעכע מענטשן ביים טיש, נאָענט צו אַ פּריטשע. הינטער אים איז שוין געשטאַנען גיטעלע, געהאַלטן אים פֿאַרן אָרעם און צוגעפֿירט צו די פֿאַרזאַמלטע מענטשן אַרום דער פּריטשע.

ער האָט די פּנימער פֿון די מענטשן קוים אָנגעזען. אַלע זײַנען זיי געווען אַרומגעהילט מיטן וואַרעמען, קראַנקן נעפּל, וואָס איז ווי רויך געהאָנגען פֿונעם בעליק אַראָפּ. ער האָט דערפֿילט ווי אײַנציקווײַז האָבן זיך צו אים אויסגעשטרעקט די מענטשנס הענט. טרוקענע, פֿײַכטע, הייסע, קילע, גליטשיקע און בײנערדיקע, זײַנען זיי געלעגן אַ רגע צווישן זײַנע קאַלטע פֿינגער און זיי שפּעטער מיט אַ לײַכטן, וואַרעמען דרוק צוריק אָפּגעלאָזט. ער האָט דערזען, ווי עטלעכע פּנימער האָבן זיך דורכן נעפּל לײַכט צו אים אַ שאָקל געטאָן און אַפֿילו זיך צעשמייכלט. דאָס זײַנען געווען מענטשן, וואָס ער פֿלעגט זיי אָפּט זען אַדורכלויפֿן די געסלעך. ער איז אָבער צו זיי קײן מאָל נישט צוגעקומען נענטער. זייערע געזיכטער זײַנען געווען לענגלעכע, פּרושדיק־מאָגערע, אויסגעצויגענע און אײַנגעפֿאַלענע. די אויגן — נישט־ייִדישע, בלויז זייערע האָר האָבן געהאַט אַ טרויעריקן ייִדישן אָפּגלאַנץ פֿון שוואַרצער געדיכטער פֿאַר־וואַקסנקייט. זיי זײַנען אַלע געווען מאָגערע און טרוקן־הויטיקע. אַז זיי האָבן גערעדט, האָבן זיי נישט גענוצט קײן ייִדיש־לשון נאָר עפּעס אַ געמיש פֿון דײַטש, טשעכיש־דײַטש מיט אַ סך לשון־קודשדיקע ווערטער פֿון אַלטע ייִדישע תּפֿילות. זיי זײַנען אַלע געזעסן לעבן טישל, ביי אַ פּריטשע. דאָ, צו דער פּריטשע, האָט דאָס מיידל צוגעפֿירט ווײַגדערן. זי האָט זיך באַלד פֿון אים אָפּגערוקט און פֿאַרשוווּנדן. ער איז געבליבן שטיין אַ מבולבלער און שאַרף זיך אײַנגעקוקט אין דער פּריטשע. תּחילת

האָט זיין אויג גאָרנישט ניט אויפגעכאַפּט אין דער קלעפּיקער פינצטערניש. ער האָט נאָר געזען פאַר זיך אַ נידעריק־איינגעפאַלן געלעגער, פאַרוואָרפן מיט טונקעלע, שווערע מלבושים. פּלוצעם האָט זיך עפּעס אַ באַוועג געטאָן, בעת די פּריטשעברעטער האָבן אַ טרוקענעם קרעכץ געטאָן. אַ פּייכטלעכע, דאַרע מיידלהאַנט האָט זיך אַרויסגעהויבן פון דער אונטערשטער פּריטשע־פינצטערניש און געבליבן הענגען באַוועגלאָז אינעם חלל. באַלד האָט זיך די דאָזיקע געלבלעכע האַנט פּאַמעלעך אויפגעהויבן צו אים און, ווי אַ פליסנדיקער וואָרעמער זונפלעק, געבליבן הענגען פאַרטשעפעט ביי זיין אַרבל.

— וויג—דער — — ?

ער האָט זיך טיפער אַריבערגעבויגן איבער דער פּריטשע, כדי בעסער אויפצונעמען דאָס פינצטערע, וואַרעמע פליסטערן, וואָס איז גע־גאַנגען פון אונטן, ווי פון אַ געעפנטן קעלער. זיין דלאָניע האָט איצט אַנגערירט די געלבלעכע, וואַקלדיקע פינגער, וואָס זיינען געהאַנגען אין דער לופטן. זיי זיינען געווען, די פינגער, קאַלטלעכע ווי האָלצ־שפּענדלעך, און אַ גליטשיקע פייכטקייט איז געזעסן אַרום זייערע קנעכלעך ווי אויף די הענט פון אַ גוסס. די פינגער זיינען לאַנג געלעגן אין זיין האַנט, בעת אין גאַנצן חדרל איז געשטאַנען אַ שוואַרצע שטיל־קייט, וואָס האָט געגעבערט דעם חלל. די פרעמדע מענטשן ביים טיש האָבן איינער נאָכן צווייטן אַנגעלענט זייערע קעפּ אויף די הענט און געשוויגן אַ טויט, אָטעמלאָז שווייגעניש.

וויגדערן איז אויסגעקומען דאָס אַלץ, ווי אַ געשפּענסטיקע טרעפע־ניש פון גילגולים אויף אַ נישט־לעבעדיקער און שוין לאַנג אָפּגע־שטאָרבענער וועלט. די שאָטנדיקע באַגעגעניש אין דאָזיקן פינצטערן חדרל האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ פרעמדן נישט־מענטשלעכן פּחד. די שרעק האָט מיט אַ בייז שאָרכן געקראַמפט זיין האַרץ. די געבויגענע שאָטנדיקע קעפּ, די טויטלעכע האַנט אין דער לופט, דער דרויסנדיקער נאַכטווינט, וואָס איז מיט אַ מענטשלעך געוויין אַהערגעקומען פון נאָענטן בית־עולם און אָנגעפילט דאָס חדרל מיט הונדערטער קוויטשיקע קולכ־לעך פון איינזאַמע נאַכטפייגל — דאָס אַלץ האָט אים ווי אַרויפגעפירט

אויף אַ פּאַרלאָזט, אויסגעלאָשן שטיקל ערד, כדי דאָ בייצוווינען די טרעפונג מיט שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע מענטשן.

ער האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגערוקט אויף דער פּריטשע, נישט אַרויסלאָזנדיק פון זיין האַנט די קאַלטע, געלבלעכע פינגער.

דערווייל איז הינטער אים ווידער שטיין געבליבן גיטעלע. זי האָט זיך געשטעלט צווישן אים און דער פּריטשע און אַראָפּגעפּליסטערט:

— דו דערקענסט אים נישט. זעלדע? דאָס איז דאָך וויגדער... וויגדער... ער איז געקומען דיך זען...

די געלבלעכע האַנטפלאַך איז איצט אַ צאַפּלדיקע אַראָפּגעפאַלן אויף דער קאָלדרע, ווי אַ פלאַטער פון אַ מידן, שלאַפן שמעטערלינג.

וויגדער האָט זיך טיפער איבערגעבויגן איבערן געלעגער.

צוקאָפּנס, פון הינטער אַ שוואַרץ, איינגעקנוילט טיכל, האָט אין דער שטובדעמערונג אַרויסגעבליקט אַ קליינער, צעשראָקענער, פלאַטשיקער שאַרבן. די האָר האָט מען נישט אָנגעזען. דאָס קאַרגלעכע, מוטנע לאָמ־פּנליכט האָט זיך געגאָסן אַראָפּ איבערן פלאַכן, איינזאַמען, מיידלשן קאָפּ. אַ קורצער אָפּגעהאַקטער אָטעם האָט הייזעריקלעך, ווי פון אַ בלאָזזאַק, קוים באַוויגן די אַריבערגעוואָרפענע קאָלדרע, ווו ס׳איז גע־לעגן איינגעוויקלט דער גאַנצער מיידלשער גוף. זעלדע האָט זיך גע־פּרוווט אונטערהייבן פון איר געלעגער און אויפסניי מיט דער האַנט אַ באַוועג טאָן אין חלל. זי איז אָבער באַלד צוריקגעפאַלן אויף דער פּריטשע, בעת איר הייזעריקלעכער אָטעם האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— די גיי—גע... — אַנטאָן... די פּי—דל...

דאָס איז געווען אַ גרויסער מענטשלעכער נסיון פאַר זעלדען — און אַפילו איצט טליִעט נאָך אין איר האַלב־פאַרלאָשענעם זיכרון די דעמאָלטיקע פּאַסירונג, ווי אַ ליכט, וואַרעם און צאַפּלדיק.

דאָס איז געווען מיט צוויי יאָר צוריק, בעת זעלדע איז שוין געווען קראַנק. אַנומלט איז אויף דער שוועל פון דער פּאַציאַטקע, ווו ביידע שוועסטערן האָבן געוווינט, שטיין געבליבן אַן אויסטערלישער, פרעמ־דער מענטש. ער איז געווען קליין־געוויקסיק, הויט און ביין, ווי ער וואָלט געווען דורכזיכטיק. דאָס איז געווען אַנטאָן קראַפּט. זיין דינער,

פלאַטשיקער גוף איז געווען אויפגעגעסן פון הונגער. אַז ער פלעגט גיין אין אַ זוניקן טאָג איבערן געסל, פלעגט הינטער אים אַפילו זיך נישט וואַרפן קיין לעבעדיקער מענטשלעכער שאָטן. עפּעס אַ שיטערער, שאָ־טנדיקער פלעק האָט זיך נאָכגעשלייכט נאָך זיין איינפּאַלנדיקן גוף און געציטערט ווי אַ שאָטן, וואָס עס לאָזט איבער נאָך זיך אַ פאַרביישוועבנ־דיקער פויגל. ער איז לאַנג דעמאָלט געשטאַנען, אַנטאָן, פאַרשעמט אויף דער שוועל, עטלעכע מאָל געפּרוווט עפּעס זאָגן און ווידער אַ פאַרשטומ־טער אַראָפּגעלאָזט זיין דורכזיכטיקן קאָפּ אויף זיין איינגעפאַלענער ברוסט. אַז זעלדע האָט דעם פרעמדן צוגערופן צו זיך, צו דער פּריטשע, האָט זי דערזען, אַז דער פרעמדער האָט זיך צו איר דערנענטערט, ווי ער וואָלט נישט געגאַנגען אויף מענטשלעכע פיס, נאָר זיינע פּיאַטעס האָבן געשוועבט איבער די ברעטער פון דילעכל. ער האָט אין אירע אויגן שוין דעמאָלט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ מכשף, וואָס איז אַליין פאַרכישופט געוואָרן פון ווייטע, נישט־ערדישע בייזע מלאכים. אַ פייכטער, וואַרעמער גלאַנץ האָט געשטראָמט פון זיינע איינגעפאַלענע אויגנלעכער און גע־האַלטן אירע בליקן געפאַנגען צו זיין קאָפּ. זיין שאָטנדיקער גוף האָט זיך פאַר איר עטלעכע מאָל פאַרנייגט, געבעטן מחילה מיט אַ פאַר־קרימטער, צעשניטענער תנועה אויף זיין נישט־יידיש פּנים, בעת זיינע הענט האָבן, ציטערדיקע און אָפּגעשטאָרבענע, אַרויסגענומען פון הינטערן רעקל אַ קליין שוואַרץ טאָרבעלע. אין דאָזיקן טאָרבעלע זיינען געלעגן אַ פּאָר פאַרדאַרטע, אויסגעקרימטע ברויטערפּטלעך און אַ קלענער טאָר־בעלע, אָנגעפילט מיט צוקער. זאָלן זיי אים נישט נעמען פאַר אומגוט, — האָט ער פאַרלוירן אַרויסגעשטאָמלט, — ער זאָגט עס זיי הייליק צו... יעדע וואָך... נאָך דער שפּייז־צוטיילונג... וועט ער אַרויפּברענגען... נישט, חלילה, אומזיסט... ניין... פאַר אויסבאַהאַלטן די פידל... ווייל ביי אים... איז נישט מעגלעך... זאָל זי אים נאָר נישט אָפּזאָגן... נאָר נישט אָפּזאָגן... יעדע וואָך... אַ שטיקל ברויט... אַ ביסל צוקער.. ער וועט דעם דייטש די פידל נישט אָפּגעבן... ער האָט זיך געטאָן אַ נדר...

בלויז איין איינציק מאָל האָט זעלדע דעמאָלט גענומען אַ לעק צוקער. דערנאָך איז אין איר אויפגעשטאַנען אַ הייסע, מענטשלעכע בושה.

אפשר וועלן דאָך גראָד די עטלעכע צוקערזעמדלעך צוריק אינעם פרעמדן אויפפלאַמען דאָס אויסגייענדיקע חיות? ווי ווינציק דאַרף עס אַ מענטש האָבן, כדי אין אים זאָל טליִען דאָס ליכט פון לעבן... אויך אין איר צאַנקט אַלץ, אָבער זי איז שוין דעמאָלט געווען אויף דער גרענעץ, ווו דער גוף פאַרצערט דאָס אייגענע בלוט און די לעצטע לעבעדיקע פליישגעוועבן.

## קאַפּיטל דריי

# דער טויטער סטראַדיוואַריוס

אויבן, אינעם פּאַציאַטקע־חדרל פון די צוויי שוועסטערך, האָט אַנטאָן אויסבאַהאַלטן זיין פידל. דאָס איז געווען אַן אַלטער, זעלטענער סטראַדיוואַריוס, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ פּראָגער פידל־מייסטער נאָך פון אַכצנטן יאָרהונדערט. מיט זיין אויסטערלישן שיינעם און כישופדיקן בליאַסק איז ער געלעגן, דער סטראַדיוואַריוס, אינעם ווייכן אויסגעבעטן פוטעראַל אין דער וואַרעמער, פינצטערער פּריטשע־באַהעלטעניש. ער האָט דאָרט גערוט ווי ער וואָלט מיט זיך אויך פאַרבאַהאַלטן די אַלע פאַרגאַנגענע דורות און אָפּגעפּלאָסענע לעבנס. אין זיין שטאָלצן, וואַרעמען האָלדז איז געלעגן פאַרבאַלזאַמירט די שיינקייט פון אַמאָליקן לעבן, די בלאָלעך־פיאָלעטע זונאויפגענג, די גראַנאַט־בלאָלעכע זונאונטערגענג איבער די אַלפּן און סודעטן; דער גערויש פון די אייביקע וואַסערן, וואָס באַגלייטן מיט זייער לויף די פּאַסטעכער און אויך די איינזאַמע וואַנדערער צווישן די גרינע טאָלן פון וועלטאַווע. אינעם האַרץ פון סטראַדיוואַריוס איז תמיד געלעגן אַ בלאָלעך־ווייסלעכע הייליקע דעמערונג, וואָס האָט אין איר פאַרבאָרגנקייט שטיל אויפגעציטערט, ווי אונטערן הויך פון אַ וואַרעמען, מענטשלעכן אָטעם.

איצט איז טאָקע פון די פרעמדע, פאַרזאַמלטע מענטשן אין דער פּאַציאַטקע אויפגעשטאַנען אַ געבויגענער שאָטן און זיך דערנענטערט צו דער פּריטשע. וויגדער האָט געזען, ווי דער מענטש, וואָס זעלדע האָט גערופן אַנטאָן, האָט אַראָפּבייגנדיק זיך צום נידעריקן פּריטשעווענטל, דאָרט אונטערגעהויבן ביי זיין זייט אַ שמאָל ברעטל. באַלד האָט ער פון דער נידעריקער פּריטשע־באַהעלטעניש פאַמעלעך אַרויסגעצויגן

אַ שוואַרצן, לענגלעכן פידל־פוטעראַל און אים פּאַוואָליע אַוועקגעלייגט אויפֿן טישל.

אין דאָזיקן פּאַציאַטקע־חדרל ביי די צוויי שוועסטערן פלעגן אַחוץ טשעכישע און דייטשע יידן פון הויף זיך אויך צונויפקלייבן עטלעכע יונגען, באַלוט־געבוירענע, אויפגעכאַוועטע טאַקע אין די שמאָלע געס־לעך פון איצטיקן געטאָ. דאָס זיינען געווען אַמאָליקע טרעגעריונגען, באַלעגאָלעס, וואָס דורך עפּעס אַ נס זיינען זיי נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן. די דאָזיקע צעוואָקסענע באַלוטער יונגען האָבן תחילת, נאָך אין די ערשטע געטאָ־חדשים, בסוד־סודות אויסבאַהאַלטן אַ סך שווערע אייזנס נאָך זייערע צוגענומענע וועגענער. אויך שאַרפע מעסערס און העק, וואָס עס האָבן זיי איבערגעלאָזט די פּוילישע שקצים, די באַלוטער טויבנכאַפּער און „פּיאַסקאַזשעס” פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ. ערגעץ ווו האָט מען אַפילו אויסבאַהאַלטן אַ פּאָר חלפים, וואָס די שוחטים האָבן איבערגעלאָזן בעת די אַרויסשיקונגען. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן פון איטלעכן באַזונדער, נישט געמאָנט פון קיינעמען און נישט געפירט פון אַ בשות־פותדיקער האַנט. ס'איז אויך מעגלעך, אַז צווישן די כלעריליי שאַרפע מכשירים, וואָס זיינען געלעגן אין די אַמאָליקע פערדשטאַלן און אין פינצטערע קעלערן, האָבן אויך געדרימלט אַלטע פּוילישע ביקסן, וואָס יידישע זעלנער האָבן אַהיימגעבראַכט פון לעצטן פאַרלוירענעם שלאַכט־פעלד הינטער קוטנע. אמת, אַ טייל יידן האָבן באַלד זיך געלאָזט צו דער ווייסל קיין וואַרשע, וואָס איז געשטאַנען אַן אָפענע און אומבאַ־שיצטע, און צוזאַמען מיט די צעשלאָגענע אַרמייען צווישן קוטנע און לויוויטש זיך געקליבן אַקעגנגיין דעם שונא, בעת אַנדערע זיינען פאַר־יאושטע און פאַרווונדעטע פאַרבליבן אויף דער באַלוטער ערד און אין איר פאַרגראָבן די נאָך הייסע ביקסן און באַגנעטן. אַ טונקל, ווייט געפיל האָט זיי געהייסן דאָס טאָן, כאָטש נישט אַלע האָבן געוווּסט פאַר וואָס. גיכער איז עס געווען אפשר די שרעק, כדי נאָך אַ מאָל נישט צו שטעלן זיך אויג אויף אויג מיטן דייטש.

און טאַקע דאָ, ביי דער קראַנקער זעלדען אין דער פּאַציאַטקע, זיינען טייל מאָל פון די יונגענס מיילער געפאַלן פאַרבאָרגענע רייד. הייסע

רמזים וועגן פֿאַרנעפּלטע געשעענישן אין די פּוילישע יידן־געטאָס האָבן אַרומגעקרייזט, ווי מטושטשדיקע שוואַלבן אינעם דעמערנדיקן חלל פֿון דער פּאַציאַטקע. מ׳האָט געמוזט זיין אָפּגעהיט מיטן מינדסטן וואָרט. דאָ פֿלעגן זיך טרעפֿן כלערליי פֿרעמדע און היימישע פּנימער. די סכנה האָט געלויערט פֿון אַלע זייטן און אַפֿילו צווישן אייגענע. זיינען זיי אָפּט דאָ געזעסן, די מענטשן, אַרומגערינגלט די פּריטשע פֿון דער קראַנקער זעלדען און שעהענווייז געשוויגן אין דער פֿינצטער.

ס׳פֿלעגט אויך פֿאַרבלאָנדזשען אַהער עמעצער פֿון קייגנאיבער, „פֿון דרויסן״, און מ׳האָט נישט געוווסט, צי דאָס איז אַ ייד אָדער אַ נישט־ייד. אַזאַ איינער איז באַלד ווידער פֿאַרשוווּנדן, געפֿירט ביי נאַכט דורך די באַלעגאָלעס אַרויס צו די דראָטן, הינטערן בית־עולם. ס׳פֿלעגט אויך טרעפֿן, שוין זייער זעלטן, אַז דאָ אַהער פֿלעגט אַרויפֿקומען אַן אַנטלאָפֿענער ייד פֿון אַ פּויזנער אַרבעטס־לאַגער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַדורכגעשלאָגן די סכנהדיקע וועגן פֿון וואַרטעגאַו. ער איז געקומען צוריק אין געטאָ אַריין און דערציילט גרויליקייטן וועגן די אַרויסגעשיקטע אַרבעטער־טראַנספּאָרטן פֿון געטאָ. די מענטשן, וואָס זיינען דאָ דורכגעגאַנגען די פּאַציאַטקע, זיינען געווען צווישן זיך ווי געקייטלט מיט אַן אומזעעוודיקער קייט. זיי האָבן קעגנזייטיק אַרומגענישטערט און אַרומגעפּלאָטערט איבער יעדעס ביי פּנים. דערווייל האָבן זיך די באַלוטער יונגען אַלץ מער דערנענטערט צו אַ נייער און אומבאַקאַנטער וועלט. מיט אַ שווער געפֿיל האָבן זיי תחילת געקוקט אויף די פֿרעמדע יידן. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן געפֿונען אַ בשותפֿותדיקן לשון. לאַנג איז צווישן זיי געלעגן אַ פֿרעמדקייט, שיער נישט אַ באַהאַלטענע, שווערע שינאה צו די ווילד־פֿרעמדע, וואָס האָבן מיט זייער קומען אין געטאָ אַריין נאָך מערער פֿאַרקלענערט דאָס צוגעטיילטע אָרעמע שטיקל ברויט. זיי האָבן נישט געוווּסט פֿאַר וואָס מען האָט די דאָזיקע מענטשן אַריינגעטריבן אין געטאָ. זיינען זיי דאָך געווען, די פֿרעמדע, אַזוי אַנדערש ווי די הי־געבוירענע מיט זייער לשון און הלבשה, מיט זייערע תנועות און העוויות. זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿרעמד און אָפּגעצוימט צווישן זיך ווי נישט־יידישע, פֿיינדלעכע שבטים. דאָס פֿערטע געטאָ־יאָר

האָט זיי אָבער אַלע דערנענטערט צווישן זיך. אפשר איז עס געווען מחמת דער לעצטער גרויסער סכנה. זיי האָבן צוזאַמען געזוכט דערנענטערונג און אַפילו געהאָפט צו אַנטקומען פון געטאָ־גיהנום גראָד ווי עס טוען מענטשן בעת עס באַפאַלט זיי די זעלביקע אַכזריותדיקע האַנט פונעם גורל.

און אין יענע טעג, זינט אַנטאַן האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן דאָ די פידל אין דער פריטשע לעבן דער אויסגייענדיקער זעלדען, האָט די קראַנקע, פילנדיק אונטער אירע שווינדזוכטיקע ביינער דעם שוואַרצן, האַרטלעכן און שלאַנקן פוטעראַל, באַקומען עפּעס אַ טונקל, הייס מיידלש געפיל צום ווונדערלעכן סטראַדיוואַריוס, וואָס איז אַן אויסבאַהאַלטענער געלעגן אין דער פוטעראַל־פינצטערניש. אין די לאַנגע שעהען פון היץ און צערייצטע, קראַנקע זעונגען, וואָס ס׳האָט געבראַכט מיט זיך די לונגענקרענק און שפּעטער דאָס פּאַמעלעכדיקע אויסגיין פון איר וואַסערדיק האַרץ, האָט זי הינטער אירע פאַרמאַכטע, שלאַפע אויגנדעק־לעך געזען בלויז אים, דעם שיינעם גלאַנציקן סטראַדיוואַריוס ליגן אין פוטעראַל, ווי עפּעס אַ באַשעפעניש, וואָס ווינקט צו איר אַרויף מיט פאַרזשמורעטע, אויסגעשניטענע פידלשפּאַלטן. זי איז געלעגן אַ שטילע און פאַרשטומטע אין איר חדר־איינזאַמקייט איבערן שוואַרצן פוטעראַל און תמיד געפילט די הילצערנע האַרטקייט זיינע, ווי די ווענטלעך פון אַ טויטן־אָרון. אין די לאַנגע טויטלעכע נאַכט־שעהען, בעת אונטן, אין הייזל, איז געלעגן אַ טויבלעכע, דערוואָרגענע שטילקייט און פון געטאָ האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ בייזע שאַרכעריי פון איינזאַמע, הונגעריקע באַכטפייגל — פלעגט זי, זעלדע, מיט אירע געלע, קנאָכיקע הענט אַרומ־נעמען דעם האַלדז פון פוטעראַל, גלעטן זיין טונקל־שוואַרצן סאַמעט, ווי זי וואָלט געגלעט אַ שטיל שלאָפנדיק קינד לעבן איר האַרץ. ס׳איז איר געווען גוט, זעלדען, גוט צו האָבן לעבן זיך אַ גרויסן סוד, דעם אויסבאַהאַלטענעם אוצר, וואָס איז לעבן איר געלעגן און אַרויסגעלויכטן פון דער פריטשע־פינצטערניש מיט אַ שיינעם זונבליאַסק פון אַ לאַנג שוין פאַרלאָשענעם הימל.

אין די לאַנגע חדשים פון איר קרענק האָט זי זיך, ווי יעדער געטאָ־

חולה, תמיד אַרומגעהילט מיט די שוין אָוועקגעגאַנגענע פּנימער פון פאַרשטאָרבענע. איר פּריטשע איז געווען אַרומגערינגלט סיי אין חלום און סיי אויף דער וואָר מיט אַ קרייז פון מטושטשדיקע געשטאַלטן, — מישפּחה, שכנים, נאָענטע און פרעמדע, וואָס האָבן לאַנג שוין נישט געלעבט. אויפגעוואַכטע פון זייער ווייטן, משונהדיקן טויט, פלעגן זיי אַלע שטילשמייכלענדיקע, גראָד ווי עס לאַכן טויטע אין חלום, זיצן אויף דעם קאַנט פון זעלדעס פּריטשע. זי פלעגט אַפילו אַרויסגיין צו זיי אין איר לאַנג, דורכזיכטיק העמד, וואָס האָט זיך געדריוולט אין צע־ריסענע לאַנגע פּעדעם; טייל מאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די פּריטשע הייבט זיך אין דער הייך ביז צום בעליק, וואָרעם צענדליקער הענט האָבן זי פלוצעם פון אַלע זייטן אַ הייב־געטאָן צוזאַמען מיט די פּריטשעברעטער, זי געטראָגן לאַנג אין חלל, בעת אַרום איז געשטאַנען אַ פול חדרל מיט מענטשן. ס'איז זי באַפאַלן אַ גרויסע אימה, זיי זאָלן נישט אַ מאָל אַנטפלעקן דעם באַהאַלטענעם פוטעראַל מיט דער פידל. די הענט, וואָס האָבן אונטערגעהויבן די פּריטשע, האָבן זיך איר אויסגע־וויזן, ווי זיי ציען זיך אַלע צום פאַרבאָרגענעם אָרט. דעמאָלט פלעגט זי אַרויסלאָזן אַ הילכיקן נישט־ערדישן קוויטש. מיט אַ מאָל זיינען די צענדליקער הענט פאַרשוואונדן. זי אַליין, זעלדע, האָט זיך, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אונטערגעהאַלטן מיט די נישט־זעעוודיקע הענט און פּאַ־וואָליע צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל צוזאַמען מיט דער פּריטשע. פון היץ האָט זי גענומען העשען מיט אַ משונהדיקער, נישט־מענטשלעכער פרייד. זי האָט אַזוי געוויינט פון גרויסער פרייד, וואָס איר פאַרבאָרגענער סוד איז נישט אַנטפּלעקט געוואָרן.

זי האָט אויך שפּעטער, ווען די היץ איז אָפּגעטראָטן, זיך אַרומגע־רינגלט מיט שוועבנדיקע, בלאַסע שאָטנס. אין דער פינצטערניש פון חדרל האָט זי געפירט מיט זיי לאַנגע, יענעוועלטיקע, היציקע שמועסן. צום מערסטן איז עס געווען אין די בלאָלעכע אָוונט־דעמערונגען, וואָס האָבן דאָ, אינעם חדרל, אַריינגעגאָסן אַ קילע לופט פון דרויסן און זי דאָ צעדריוולט אונטערן בעליק מיט אַ גרינלעכן אָפּגלאַנץ פון ווייטע, אויסגעיינדיקע שטערן. זי האָט באַשיימפּערלעך דעמאָלט געפילט, זעלדע,

די צענדליקער גלײַכע בליקן פֿון מענטשישע אויגן. די שאַרכענדיקע באַוועגונג פֿון זייערע שאַטנדיקע הענט און דעם הייסן געפּליסטער פֿון זייערע איינגעפֿאַלענע, דינע ליפּן. דאָס אַלץ האָט זיך שטיל געטראָגן לעבן איר פּריטשע, ווי דאָס ריזלען פֿון אַ פֿאַרבאָרגן וואַסערשטראָמל. זי פֿלעגט אין אַזעלכע רגעס זיך פּלוצעם אַ באַוועג טאָן אויף דער פּריטשע, בעת דער פּוטעראַל האָט אונטער איר אַ קריציקן קרעכץ געטאָן. פֿון באַהאַלטענעם סטראַדיוואַריוס האָט זיך אָפּגעריסן אַ מאַטער קלאַנג, ווי אַ קינדערשער זיפֿץ. זי פֿלעגט אויפֿשפּיצן אירע אויערן און זיך לאַנג צוהערן צום ציטערדיקן פֿידלקלאַנג אונטער אירע ביינער. די סטרונעס האָבן נאָך אַ ביסל געציטערט, אָבער באַלד האָט זייער קרעכץ ווי אַ גוטער כישופֿדיקער שפּרוך צעשאַרט די צענדליקער טויטע פּנימער פֿון דער פּריטשע. זיי זיינען אַלע, די מטושטשדיקע, יענעוועלטיקע געזיכטער, מיט אַ מאָל זיך צעלאָפֿן אין די ווינקלען און דערנאָך, צוזאַמען מיט די אָוונטפּלעקן אויף די שויבן, זיך צעגאָסן אין דער דרויסנדיקער, פֿליסנדיקער, בלאָלעכער געטאָ־דעמערונג.

*

ווידער איז אַלץ נאָך געשטאַנען לעבן דער פּריטשע און זיך בישט געריהרט פֿון אָרט. אין דער געשטאַלט, וואָס איז געלעגן אַ פֿאַרוויקלטע אונטער דער קאָלדרע, האָט ער געזען דאָס אויסגיין פֿון אַ לעבן, וואָס האָט געצאַפּלט אין זיינע לעצטע, ערדישע אַנגסטן. אין דער פּריטשע־פֿינצטערניש האָט זיך אין זעלדען געראַנגלט דאָס ליכט פֿון זייער אַמאָליק לעבן, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט געטאָ. זי איז געווען דער לעצטער מענטש, וואָס האָט אים צוריק צונויפֿגעבונדן מיט דער אַמאָליקער וועלט. בעת ער האָט זיך אַ בייג געטאָן איבער דער פּריטשע, איז אים אויפֿגעגאַנגען אין דער שטילקייט אַזאַ בלענדיקייט, ווי ער וואָלט דערזען אַ פּלוצעמדיקן בליץ פֿון וואַרעם ליכט, וואָס האָט צעשניטן די פֿינצטערניש.

דאָס איז געווען די אַמאָליקע ליבשאַפֿט צום דאָזיקן אויסגייענדיקן מיידל. ער האָט זי אויף אַ רגע דערזען, ווי אַנומלט — איר ווייכן, מאַטן

האַלדז, די דינע הערעלעך אויף איר קאַרק אונטער דעם וואַרעמען האַרקנויל און, אַ, גאָט, דווקא די אונטערשטע אַ ביסל אַראָפּהענגענדיקע, פולע, מיידלשע ליפּ האָט געוואָרפן אויף אים תמיד אַזאַ וואַרעמען סוד און רייץ! ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. איצט איז ער ווידער אַזוי נאָענט צו איר ווי אַמאָל. אַ ווייטיקלעכער באַדויערן באַפאַלט אים. זיי זיינען דאָך קיין מאָל נישט געווען נאָענט, ווי זיי האָבן עס באַגערט. איצטער איז אַלץ פאַרלאָשן, אַלץ פאַרלאָשן...

אין דער פינצטער איז געלעגן אויף דער פריטשע אַ צאַפּלדיקער שאָטן פון אַ מיידלשן גוף. איר נאַקן, האַלדז, הענט און פיס האָבן זיך געגרייט שטאַרבן. ער האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט אין דער פינצטערניש זיין קאָפּ, בעת עטלעכע ווייכע, בריִענדיקע טראָפּנס זיינען פון זיינע אויגן געפאַלן אויפן שוואַרצן האָלץ פון דער פריטשע. די בושה איז נישט געווען ביי אים מחמת זיינע פליסנדיקע טרערן. ער האָט זיך געשעמט, וואָס נישט דאָס גרויסע יידישע אומגליק, נישט דער טויט פון זיינע נאָענטסטע, נישט די גרויסע סכנה, וואָס האָט איצט געלויערט איבערן געטאָ — דאָס אַלץ איז נישט מסוגל געווען אויסצופּרעסן פון זיינע אויגן די דאָזיקע וואַרעמע מענטשלעכע טרער, ווי נאָר דער דאָזיקער האַלב־שאָטנדיקער, שטאַרבנדיקער גוף פון מיידל, וואָס ער האָט אַנומלט ליב געהאַט. אין פינצטערן קנויל פון די מלבושים אויף דער פריטשע איז געלעגן מער ווי איר איינגעקאָרטשעטער, אויפגעגעסענער, מיידלשער גוף. אין די פינצטערע מלבושים־פאַלדן איז אויסגעגאַנגען זייער אַמאָ־ליקע, שיינע ליבשאַפט, דער לעצטער הייסער צאַפּל פון איר איינזאַם, נישט אויפגעגאַנגען מיידלש האַרץ.

אין קאַרגן, טונקעלן ליכט איבער דער פריטשע האָט אַ פליי־געטאָן אויף איין רגע אַ גרינלעכער פאַס פון דער דרויסנדיקער, לבנהדיקער נאַכטהעלקייט. וויגדער האָט דערזען זעלדעס קאָפּ ליגן אויף אַ נידעריק שטרויקישעלע. דאָס איז מער נישט געווען קיין קאָפּ נאָר אַן איינגע־פאַלענער, גרינלעכער, מענטשלעכער שאַרבן. אויף זיין סאַמע שפּיץ האָבן נאָך געקלעפּט אַ פּאָר אָפּשטאַרבנדיקע, גראָלעכע האָר. זיי האָבן אויסגעזען, די האָר, ווי טויטע גראָזן אויף אַן איינזאַמען בוימשטאַם.

דאָרט, ווו ס'האָט געדאַרפט זיין איר האַלדז, האָט זיך אַרויסגעשניטן אַ געלער איינגעטריקנטער האַלדזקנאָפּ. די אויגנדעקלעך, פאַרשלאָסענע ווי אויף אַ גיפסענער, קאַלטער פיגור, האָבן זיך פאַמעלעך באַוויגן, ווי זיי וואָלטן פאַרדעקט דעם ווייטן פאַרשטיינטן חלום, וואָס די אָנקור־מענדיקע פינצטערניש האָט אונטער זיי שוין געשפינט. דאָס גרינע ליכט האָט זיך געגליטשט איבער איר גיפסן, אויסגעלאָשן פּנים. וויגדער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. פון די קינדעריאָרן איז אין אים פאַרבליבן אַן אויסטערלישע זעונג — אַזוי וועלן אַוודאי אויסזען אַלע טויטע בעת תחית־המתים. ער האָט זי געזען אַוועקגיין אין אַן אַנדערע וועלט, אין אַ וועלט פון קאַלטע, נאַסע וואָרצלען, צווישן קליינע פויזנדיקע ערד־שרצים און מוראַשקעס, אין אַ קאַלטער איינזאַמקייט. די צעפּאַלנקייט פון מענטש־לעכן גוף האָט אים אָנגעפילט מיט אימה. ניין, דער מענטש קאָן נישט אין גאַנצן אַוועקגיין פון דער ערד. ערגעץ ווו ליגט, מסתם, יאָ די היילונג פון גרויזאַמען גזר־דין, וואָס הענגט איבער אים. און, אפשר, אפשר וועלן אַזוי אויסזען אַלע ערדישע טויטע, גראַד ווי זעלדע, ווען זיי וועלן זיך אויפהייבן פון שטויב צום אייביקן לעבן? — — —

און בעת וויגדער איז געזעסן אַזוי אויפן ברעטקאַנט, געקוקט, ווי אין אַ ברונעם אַריין, אין פינצטערן מלבושים־קנויל אויף דער פּריטשע, האָט אין צווישן אַנטאָן קראַפּט שוין געהאַלטן אין די הענט די פידל. דאָס זיינען נישט געווען קיין מענטשלעכע הענט, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם שלאַנקן סטראַדיוואַריוס־האַלדז. גיכער איז עס געווען אַ דורכזיכ־טיקער אָדער־געוועב, פאַרדעקט מיט פאַספאָר־גרינעם גלאַנץ פון זיך קרישלענדיקע, אָרעמע ביינער. דער פּוטעראַל איז געלעגן אַן אָפענער לעבן זעלדען. איר ציטרין־געלבלעך פּנים האָט געלויכטן מיט אַ ליכט, וואָס פאַלט דאָס לעצטע מאָל פון נישט־דערקענטע אייביקע וועלטן איבער די אויגן פון שטאַרבנדיקע.

דאָס דאָזיקע ליכט האָט אַפילו אָפּגעשלאָגן פון דער פּריטשע, ווי איבער איר קאָפּ וואָלט געהאָנגען אַ פאַרוואָלקנטע, באַהאַלטענע לבנה. אַנטאָן האָט שוין געסטראָיעט די סטרונעס. די מענטשן האָבן אים נענטער אַרומגערינגלט. דער סטראַדיוואַריוס, וואָס איז חדשים געלעגן אין דער

פּריטשע־פינצטערניש, האָט איצט אָנגעהויבן ציטערן מיט די סטרונעס — ווי אַ שטומער מענטש, וואָס הייבט אָן פּלוצעם, נאָך אַ נס, אַרויסצו־ברענגען אויף די ליפּן וואַרעמע, מענטשלעכע רייד. ס'איז געווען אַ סכּנה צו לאָזןריידן דעם סטראַדיוואַריוס. דער ניגון האָט זיך לייכט געקאָנט אַרויסגליטשן דורך די פּאַציאַטקע־ווענטלעך און דורך די שפּאַ־רעס אַרויס אויף די שטיגן. פון דאַנען האָט שוין דער ווינט, וואָס איז תּמיד געהאָנגען אינעם חלל, געקאָנט אים לייכט פאַרטראָגן צו אַ פרעמד, מענטשלעך אויער. די סכּנה איז געווען גרויס. אָן איינגעבוקטער איבערן פידלהאַרץ, האָט אַנטאָנס קאָפּ דאָרט אַריינגעהעשעט אינעם אַלטן, שוואַרץ־ברוינלעכן האָלץ. די מענטשן האָבן אים נאָך ענגער אַרומגענומען, כּדי נישט אַרויסצולאָזן די איינגעצוימטע הילכיקייט, גראָד ווי אַ וואַלד, וואָס נעמט־אַרום און שיצט דאָס אָונטגעבעט פון אַן איינזאַמען פויגל. אַנטאָן איז נישט געשטאַנען דאָ אינעם חדרל. ער האָט געהערט אַ ווייכן, זילבערנעם פלוסק. דאָס האָט זיך אַ וואַסער געגאָסן פון לאַנגן סטראַ־דיוואַריוס־האַלדז. דאָס איז געווען אַזאַ נאָענטער און היימישער פלוסק, וואָס האָט אַהער געבערענגט די שיינע פאַרבאָרגענע וועלט. דאָס איז נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי די כּישופדיקע וועלטאַווע, וואָס האָט איצט געזונגען אין אירע שטילע וואַסערן אונטער די צענדליקער בריקן. דאָס וועלטאַווע־וואַסער האָט זיך איצט אַרומגעהילט מיט אַ סך ראָזעווע נעפּלען, צעפּיצלטע אין טויזנטער צעריסענע טראָלדן פון אָן אַראָפּגייענדיקן זונפאַרגאַנג. די פּראָגער בריקן האָבן איינגעטונקט זייערע שלאַנקע אייזערנע הענט אין דער וועלטאַווע און געוואַשן די אַראָפּהענגענדיקע, ווייכע נעפּלען. און טאָקע ער, אַנטאָן קראַפּט, האָט איטלעך מאָל אויפ־געעפנט זיינע אויגן אין מיטן פון די הענגענדיקע בריקן. זיינע שמאָלע אויגנשפּאַלטן, אַרומגערינגלט מיט די פאַרגליווערטע, אָנגעלאָפענע הונגער־קישעלעך, האָבן געזוכט איינצוזייגן די כּישופדיקע זונפּלעקן. אָבער גיך האָט ער זיי אויפסניי פאַרשלאָסן, בעת זיינע דורכזיכטיק־געשפּענסטיקע פינגער האָבן געגלעט אָן אויפהער דעם לאַנגן, קאַלטן סטראַדיוואַריוס־האַלדז.

צווישן דעם שאָטנדיקן מענטשן־געזעמל אין דער פּאַציאַטקע האָט

בלויז איינער געזען עפּעס אַנדערש. דאָס איז געווען דער באַלוטער באַלעגאָלע — מענדעלע אינוואַליד. אַן אַריינגערוקטער צווישן די איינגעבויגענע מענטשן, איז ער איצט געלעגן שוין צווישן רויך און בלוט הינטער קוטנע. די לעצטע פּוילישע סאָלדאַטן, אַנטלאָפענע פון דער וואַרטע, האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ווייכער, קוטנער ערד און געפּרוווט דאָ פאַרהאַלטן דעם דייטש. ס'איז געווען איצט העלע נאַכט. די שטערן האָבן זיך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט איבער דער קוטנער ערד. זייער ליכט איז דאָס מאָל געווען שאַרף און האָט געשפּאָלטן די וואַלד־פינצטערניש, פון וואַנען ס'הייבן זיך אויף דייטשע שטאָלענע שפּאַרבערס. די קוטנער ערד איז ווייך און וואַרעם. ער ליגט שוין אונטער אירע ווייכע גרודעס מיט פאַרקלעפּטע, צעניזוקטע אויגן. אַ פאַרגראָבענער אונטער זאַמד, שטיינער, און מענטשלעכע אברים, זעט ער שוין ווידער דעם קילן נאַכטהימל איבערן פעלד, ווו די שטערן הענגען אַזוי נידעריק ווי גרויסע צייטיקע עפּל...

דער מענטשנקנויל רירט זיך נישט פון אָרט. גיטעלע, אַן אָנגעלענטע אין דער פריטשע צוקאָפּנס פון זעלדען, האָט דערווייל מיט איין האַנט אַרומגענומען דער שוועסטערס קאָפּ, וואָס איז געוואָרן שטיינערדיק שווער. זי האָט געפּרוווט אים אונטערהייבן אין זיין אַראָפּזינקענדיקער לאַסט און מיט די פינגער עפענען אירע פלאַכע, איינגעפאַלענע אויגן־לעדלעך. דורכן נידעריקן פענצטער איז געגאַנגען אַ קאַלטער נאַכטווינט, וואָס האָט געפּרישעט מיט ציטערדיקן שניי. אין דער פּאַציאַטקע איז געווען פינצטערלעך, און נאָר דאָס פאַרדעקטע פענצטער האָט ביי זיינע ראַנדן געטריפט מיט אַ קראַנק ליכט פון דרויסן. אין גיטעלען האָט זיך איצט געוויגט אַ שטילע תפילה, מיט הייסע פלאַטערנדיקע רייד, וואָס זיינען נישט אַרויסגעקומען אויף דער אייבערפלאַך. אירע פינגער האָבן אָן אויפהער געגלעט דער שוועסטערס קאַלטן קאָפּ און אירע פאַרשלאָסענע אויגן. גיטעלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער פאַליענדיקער, געדאַמפּטער ניגון פונעם שוואַרצן פידל־האַלץ וועט דער שוועסטער צוריקגעבן ס'לעבן. תחילת האָט זי אַפילו געגלייבט, אַז ס'וועט געשען אַ נס. אַנטאַנס פינגער וועלן אונטער איר קאַלטער

אויסגעייענדיקער הויט אַריינגיסן דאָס ליכט פון לעבן. מיט אַ מאָל האָט זעלדעס האַנט אַראָפּגעשווערט צו דער פּריטשע, ווי ס'וואָלט זיך מיט איר אַראָפּגעקאָלערט אַ שווערער שטיין.

זעלדע האָט זיך שטייף אויסגעצויגן איבער דער פּריטשע. איר אַראָפּ־פאַלנדיקער קאָפּ האָט בלויז פון זיך אַרויסגעוואָרפן: מ אַ — מ ע...

און גיטעלע האָט דעמאָלט געזען, ווי די פאַרשטאַרבענע מאַמע זייערע איז אַרויסגעגאַנגען פון דער פּאַציאַטקע־פינצטערניש. אַ קליינע, אַ דראָב־בינקע, מיט אַן איינגעפאַלן יידיש פּנים, איז זי צוגעפאַלן צו זעלדען אויף דער פּריטשע. אפשר האָט די מאַמע איר עפּעס פאַרטרויט און, אפשר גאָר, האָט איר קליינע, פאַרבויגענע געשטאַלט געוואָלט זי צוריק־ברענגען צום לעבן, וואָרעם זעלדע האָט נאָך אַ מאָל אַ צאַפּל געטאָן אויף דער פּריטשע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַראָפּגיין פון איר מיט אירע געלבלעכע, דורכזיכטיקע פיס.

אין דער זעלביקער רגע האָט אַנטאָן אָפּגעריסן זיינע הענט פון סטראַדיוואַריוס. אין חדרל איז געוואָרן נאָך פינצטערער. זי איז גערונען, די פינצטערניש, מיט אַ שווערער, טרויעריקער קלעפּיקייט.

גיטעלע האָט איצט מיט איין האַנט, אַן איבערגעבויגענע איבער דער פּריטשע, אַרומגענומען ווייגדערן. מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי נאָך אַלץ אונטערגעהאַלטן זעלדעס צוריקגעפאַלענעם, אויסגעלאָשענעם קאָפּ. אונטערן קאַלטן פאַלטנקנויל איז פאַרשטילט געלעגן דאָס בינטל ציטרינענע, מיידלשע ביינער. ס'איז געלעגן, דאָס בינטל ביינער, אין אַ נישט־מענטשלעכן, קאַלטן און גוטן דרימל. דורך די נידעריקע פענצ־טערשפּאַלטן האָט זיך דערווייל געזיפּט אַ גראָלעכע ליכטיקייט. אַ גע־פרוירן לבנה־ליכט האָט זיך פאַרטשעפּעט אין די פּאַציאַטקע־פראַמוגעס מיט ווייסלעכע פלעקן. ס'האָט אויסגעזען, ווי טויבן וואָלטן זיך גע־קלאַמערט און געפּאַטשט איבער דער פינצטערלעכער מויער.

מיט זיינע לאַנגע, דורכזיכטיקע הענט האָט אַנטאָן אָנגענומען דעם האַלדז פון סטראַדיוואַריוס. איינבייגנדיק זיין פּנים צום טונקעלן האַלץ, האָט ער נאָך געוואָלט אויפכאַפּן דעם אויסגעייענדיקן ווידערקול פון פינצ־טערן, אויסגעשניטענעם פידל־חלל. באַלד דערנאָך האָט ער פּאַוואָליע,

פאַוואָליע, מיט פאַרלאָשענע אויגן, געעפנט דעם גרויסן, שוואַרצן פו־טעראַל. מיט די פינגער האָט ער אויסגעגלעט דעם ווייכן, סאַמעטענעם געלעגער אין דער טיף פון פוטעראַל און אַריינגעלייגט דעם סטראַדי־וואַריוס. ער האָט זיך נאָך אַ מאָל איינגעבויגן. זיינע ליפּן זיינען אין אָטעמלאָזן קוש געבליבן לאַנג צוגעקלעפּט צום שוואַרצן פידל־האַלז. בעת ער האָט זיי אָפּגעריסן פון דאָרט, איז דאָס אָפענע הילצערנע פוטעראַל־דעקל אַליין צוגעפאַלן איבער דער שוואַרצער, סאַמעטענער פינצטערניש.

## קאַפּיטל פיר

# די צוואה

ווידגער האָט זיך איינגעבויגן איבער דער פאַרפרוירענער און פאַר־שנייטער פעלד־ערד. ער האָט דאָרט פּאַוואָליע צונויפגעשאַרט מיט ביידע הענט פולע פויסטן מיט דער געלער, גאָלדיק־טויטלעכער בית־עולם־ערד. צוזאַמען מיט אַלע שטייענדיקע האָט ער אויך אָנגעהויבן אַריינוואַרפן דאָס זאַמד אינעם ערד־שפּאַלט, איבער זעלדעס פאַרשטאַרטן, לייכט־איינ־געהילטן מיידלשן גוף. די ערד איז אַראָפּגעפאַלן אין דער טיף אויף אירע אָפּשטייענדיקע שאַרפקאַנטיקע, טויטע גלידער ווי אַ ווינטיק, מיד בלעטער־שאָרכעריי און דערנאָך, אַראָפּגליטשנדיק זיך הינטער איר גוף, זיך דאָרט געלייגט אין אויפגעהויבענע, קליינע טויטן־בערגלעך.

דאָס קופּקעלע שאָטנדיקע מענטשן, וואָס איז געקומען צו דער קבורה פון זעלדען, האָט אין אַ האַלב־קרייז אַרומגערינגלט דאָס פאַר־שנייטע, אָפענע קבר. די צוויי שוואַרצע קברנים־יונגען מיט אַרומגע־בונדענע פאַטשיילעס איבער זייערע קעפּ, מחמת דעם שניידנדיקן פּוילישן פראָסט, וואָס איז געגאַנגען פון די אָפענע, טויטלעכע שטחים, — האָבן זיך געיאָגט ווי דעם שטנס צוויי שוואַרצע שליחים ביים צושיטן דאָס קבר. פון אַלע איז נאָר אַנטאָן קראַפט און גיטעלע געשטאַנען אַמ־נאָענטסטן פונעם אָפענעם גרוב. ווידגער האָט דערזען ווי פון זייערע פלאַכע, דורכזיכטיקע פּנימער האָבן זיך די טרערן־טראָפּנס געקאָלערט צו דער ערד. זיי זיינען געפלאָסן, די טרערן, גאָר פּאַוואָליע, געבליבן אַ רגע שטיין אין די ווייס־בלאָלעכע נאָז־ווינקלען און דאָרט, פאַר־פאַרגליווערטע אינעם פראָסט, געוואָרן אַראָפּלייכטן אין ליכט־שפּליטערן ווי קליינע, רונדיקע פּערל־טראָפּנס.

נישט איין מאָל האָט ווידער אַרויסבאַגלייט די געטאָ־טויטע צו זייער רו — סיי די אייגענע און סיי פרעמדע. ס'איז אים שווער געווען צו זיין ווי אַנדערע, וואָס זיינען אין אַן אָנמעכטיקער געליימטקייט אַנט־קעגנגעגאַנגען דעם גרויסן יידישן טויט. ס'האָט אויסגעזען ווי די מענטשן אַליין, אָפּגעצוימטע פון דער דרויסנדיקער וועלט און פאַרקוקטע אינעם לעצטן תהום פון זייער שאָטנדיק לעבן, האָבן גערנווייליק אין זיך געוואַרעמט די לעצטע, ליכטיקע, ערדישע שוועל, ווי אַ פאַרבאַהאַלטענעם און פאַרשלאָסענעם ליכט־שטעג, וואָס וועט זיי אַריינפירן אין די באַפרייענ־דיקע, זילבערנע טויערן פון טויט. נאָך יעטוועדער פאַרפלאָסענער הונ־גער־נאַכט האָט מען מיט באַדויערן געעפנט באַגינען די אויגן און אויפסניי דערזען אַלע שווינדלענדיקע, שוואַרצע אָפּגרונטן. אָבער פלוצעם, ביים צושיטן דאָס קבר פון זעלדען, נאָכן נעכטיקן באַזוך אין איר פּאַ־ציאָנטקע, האָט ווידער פלוצעם געאַנט, אַז די דאָזיקע מענטשן האַלט צו־זאַמען אין סכנה עפּעס אַ שיינער, לעצטער, אומקלאָרער כוח און אַז דער דאָזיקער פאַר אים נאָך אומבאַגרייפלעכער כוח האָט אויך אויף אים איצט געגומען פלייצן ווי די גוטע לינדקייט פון אַ זינגענדיקן רעגן. ער האָט שוין לאַנג געהערט, ווידער, אַז ערגעץ ווו איז צווישן דעם יידישן געטאָ־תחום און דער דרויסנדיקער וועלט פאַראַן אַ זייער דינער פאַר־בונד, אַ פאָדעם, וואָס האַלט די מענטשן צוזאַמען פאַר בשותפותדיקע, אומקלאָרע, פאַרנעפּלטע צילן, אַזוי ווי דאָס טוט אַן אייגזאַמע ערד־גרודע ביים שיצן די זאַפטן פון יעטוועדן אָפּגעזונדערטן, שוואַכן ערד־שטויב.

און ווידער האָט שוין זייט דעמאָלט נישט קיין רו. ער הערט איצט קוים די קולות פון די קברנים־יונגען, בעת די לעצטע פעלד־ערד פאַלט איבערן פאַרשלאָסענעם ערד־שפּאַלט. וואָס אַזוינס זיינען זייערע צילן? צי איז מעגלעך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָפּגעצוימטקייט, עפּעס אַן אופן פון ראַטעווען? צי זיינען נישט די אַלע יידן־רעשטלעך דאָ פאַרזיגלט מיטן טויט? נאָך אַזוי פיל יאָרן איז דאָך דאָ בלויז פאַרבליבן אַ געשטאַלטלאָזע און פול מיט פחדים צונויפגעפרעסטע יידן־עדה, וואָס וואַרט נאָך (אָ, ביטערער שפּאָט פון גורל!) אויף אויסלייזונג. דורך

װעמען? פֿון װאַנען? אַ הילפֿסלאָזער און גרױסער ייִדישער בטחון! פֿון װאַנען שעפּן די פֿאַרפֿאַלגטע זייער מוט און דאָס פֿייער פֿון גלױבן? צי איז דאָס נישט אַ מאָל, — טראַכט װידער, — די שװאַכע, מענטשלעכע פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר דער תּהומיקער שרעק, כּדי נישט צו שטיין מיט איר פּנים אל פּנים, אַזױ װי אַ געבױקטער קוסט, װאָס שפּיגלט־אָפּ זײַנע אָראָפּהענגענדיקע צװײַגן אין אַ צופּיסנס אים פֿליסנדיקן, שװאַרצן טײַך? װאָס איז מענטשלעכער און גערעכטער: שטאַרבן אין בטחון, אַ פֿאַר־טריבענער פֿון גאָט און מענטשן, אָדער אָװעקגיין מיט דער פּױסט, אַן אױפֿגעהױבענע קעגן די הימלען און שװאַרצע, ייִדישע גורלות?

דװקא איצט, שטייענדיק איבער זעלדעס פֿאַרשנייטן קבֿר, קאָן ער נישט פֿון זיך אָװעקטרײַבן די טרױעריקע מחשבֿות. ער איז אַרײַנ־געפֿאַלן אין זײ װי אין אַ נעפּל, װאָס האָט אים מיט טונקעלע לופֿט־שטראָמען געצױגן ערגעץ װוּ אין אומבאַקאַנטקייטן. ער איז איצט געװען דאַנקבאַר דעם גורל, װאָס ער האָט אים צונױפֿגעפֿירט דורך גיטע־לען מיט די דאָזיקע פֿאַרדעכטיקע, שאָטנהאַפֿטיקע און שטילע מענטשן. ער האָט דאָ, אױפֿן בית־עולם, דערזען דאָס ערשטע מאָל פּנימער, װאָס ער האָט אין דער פּאַציאַטקע נישט געזען. ער האָט אױך דערזען, אַז הינטערן צעשליסענעם רעקל פֿון אַנטאָן קראַפּט בערגלט זיך עפּעס. דאָס איז געװען דער פּאָרטרעט פֿון דער סטראַדיװאַריוס־פֿידל. צו װאָס האָט ער אים איצט געטראָגן מיט זיך — דער דאָזיקער אױסטערלישער, טשעכישער ייִד? צי האָט ער נישט אַ מאָל געװאָלט אים מיטגעבן איר, זעלדען, אָװעקלייגן די פֿידל לעבן איר אױסגעלאָשענעם מיידלשן קאָפּ, אַנשטאָט דער טױטלעכער פֿעלד־ערד, װי אַ קיינמאָל נישט שטאַרבנדיקע מענטשלעכע טרייסט?

ער האָט איצט שאַרף אָנגעקוקט גיטעלען. דאָס מיידל איז גע־שטאַנען לעבן אַנטאָנען און אַריבערגעבליקט צו אים, בעת דאָס שניי־בערגל האָט זיך געהױבן אין דער הייך. פֿאַראַן אַן איבערערדישע, גאָט־אַבֿלות אין מענטשלעכע פּנימער, בעת די אױגן קוקן זיך איבער לעבן אַן אײַנזאַמען, מענטשלעכן קבֿר. דעם מיידלס אױגן פֿון קייגנאַיבער זײַנען געװען גרױסע און פּייכטלעכע. זײ האָבן געלױכטן מיט אַ שטיל,

פאַרבאָרגן, וואַרעם פייער. אירע אָפענע, אומבאַוועגלעכע, צעפּראַלטע ווימפּערן האָבן פון הינטער זיך אַרויסגעקוואַלט אַן אומעטיק, גוט ליכט, וואָס פאַלט איבערן האַרצן מיט אַלע גנאָדן פון ערדישער טרייסט. איר דין, מיידלש פּנים, אַרומגעזוימט מיטן שוואַרצן טוך, האָט אַרויסגעבלייכט מיט אַ ווייבלעכער, נישט־ערדישער שיינקייט. גראָד איצט, ביים פאַר־שטאַרטן, צוגעשיטעטענעם גוף פון זעלדען, האָט וויגדער דערפילט, אַז ער האָט דאָס מיידל ליב מיט אַ גלייִקער, לעצטער געטאָ־ליבשאַפט, אַזוי ווי אַמאָל איר שוועסטער זעלדען. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אירע ווימפּערן. אין אירע גרינלעכע, הונגעריקע אויגן זיינען געלעגן פאַרטייעט אַלע פאַרנעפּלטע, אומדערפילטע גאַרונגען, אַלע תּפילות פון איר ריינער, מיידלשער איינזאַמקייט. אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס ביידע האָבן עס שאָטנדיק געאַנט, אַז זעלדע, וואָס איז צוגעדעקט מיט דער ·פאַרשנייטער פעלד־ערד, האָט זיי ביידן, אין אַ נישט־פאַרשריבענער צוואה, איצט צונויפגעפירט? די ליבשאַפט פון דער פאַרשטאָרבענער שוועסטער איז נישט אָפּגעשטאָרבן מיט איר מיידלשן, שווינדזוכטיקן גוף, וואָס איז איבערגעענטפערט געוואָרן דער ערד. זי איז איצט ווי אַ וואַרעמער, גרינלעכער ערד־זאַפט אין אַן איבערגעבראָכן פעלד־גרעזל איבערגעפלאָסן אין דער שטייענדיקער יינגערער שוועסטער, אין גיטעלען. צי גיסן נישט איבער די טויטע פון זייערע ליידיקע, קילע אָדערן דאָס לעצטע ערדישע פייער און חלומות צו אונדז, די לעבעדיקע?

זיי האָבן ביידע, וויגדער און דאָס מיידל, אַראָפּגעלאָזט פלוצעם זייערע אויגן צום ערדענעם בערגל. דער שניי־ווינט האָט עס דערווייל אַרומגעזוימט מיט אַ שיינער, צעשטראַלטער שניי־קרוין. די קרוין איז געזעסן פון אַלע זייטן און זיך שאַרף אויפגעהויבן פון דער טויטער פעלד־ערד. זיי האָבן זיך ביידע איינצייטיק פאַרשעמט און דערפילט די בושה פאַר זייערע קלאָרע, מענטשלעכע מחשבות. ביידע האָבן נאָך אין זיך שטיל געוויינט, אָבער אין זייערע טרערן איז שוין געווען דער פריידיקער זוימען פון נחמה, וואָס עס גיט די ערדישע ליבשאַפט אין דער איינזאַמקייט פון דער וועלט. זיי האָבן ביידע שוין קיינעם נישט

געזען און קיינעם נישט געהערט. דער שניי־ווינט האָט אויפסניי אָנגע־הויבן אויפצוהייבן אַרום זייערע פיס פליענדיקע גרודעס פונעם קאַלטן בית־עולם־שניי. אַרום זיי זיינען פאַרשטילטע געשטאַנען די שאָטנדיקע מענטשן. זייערע בליקן, פאַרגליווערטע און אויסגעלאָשענע, האָבן זיך געצויגן איבער די געטאָ־צוימען, צו דער דרויסנדיקער, פאַרשנייטער און פאַרנעפּלטער וועלט.

דער געטאָ־פּערטל איז שוין געווען איינגעהילט אינעם אָוונטיקן, בלאָלעכן נעפּל פון אַ קראַנקן ווינטער־טאָג, בעת די מענטשן זיינען איינציקווייז אַרויסגעגאַנגען פון ריינעם פעלד. אַ דינער, פינקלענדיקער געטאָ־שניי האָט זיך געריסן פון צפון־הימל. אין די צעפאַלנדיקע, היל־צערנע הייזלעך האָט איצט נישט געברענט קיין ליכט. זינט וואָכן ווי ס׳איז פאַרווערט ווידער אָנצוצינדן ליכט. דאָס איז געשען נאָך דעם ווי די סאָוויעטישע טאַנקען האָבן זיך דערנענטערט צום מיזרח־ברעג פון דער פּוילישער ווייסל. פון די קרומלעכע זייטן־געסלעך האָט נאָר טייל מאָל אַדורכגעפלאָטערט דער שאָטן פון אַ ייד, וואָס האָט ווי אַ צעפלאָשעטער, ריזיקער פויגל־פליגל זיך פאַרקלאַמערט אין די שוואַרצע פּרוזדור־פינצטערנישן. הויך איבערן געטאָ, אונטער די וואָלקן־געוועלבן, איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל צווישן דעם שניי־ליכט און דעם אונ־טערשטן, צעריסענעם, שוואַרצן געטאָ־שטח. דער געראַנגל איז געווען אַ פאַרביסענער און לאַנגער און געוויזן דעם נצחון טייל מאָל פונעם ליכט און טייל מאָל פון דער פינצטערניש. פון הינטער די צוימען האָבן זיך געריסן דין־וועלפישע קולות פון די דייטשע וואַכפּאָסטנס. צווישן דעם ווירבלענדיקן שניי און שוואַרצער שטילקייט האָט גאָר נאָענט טייל מאָל אָפּגעהילכט דער צישנדיקער פייף פון אַ ביקסן־קויל. ערגעץ ווו איז אַ געטראָפענער ייד פּלוצעם געזונקען אונטער זיך, אַ פאַרגאָסענער מיטן לעצטן, איבערגעשראָקענעם און פאַרגליווערטן בלוט.

ווי נאָר זיי זיינען אַרויס פון ריינעם פעלד האָט זיך דאָס מיידל צוגעבויגן צו וויגדערן.

— איר וועט קומען... צו אונדז... וויגדער, אמת? —

זי האָט אים אַ לייכטן צי געטאָן פאַרן אַרבל און אַזוי געבליבן הענגען מיט אירע פינגער אויף זיין אָרעם. —

— קומט... קומט... ס׳איז אַזוי מוראדיק שווער... אָן זעלדען... און נאָך אַ ווײַלע:

— קומט... קומט... כ׳וועל אויפקאָכן אַ טעפּעלע קאַווע... הייסע... — זי האָט דאָ אַ רגע זיך פאַר עפּעס געקווענקלט און ווידער אָנגעהויבן — אָבער... אָן צוקער... איר טרינקט ביטערע קאַווע?...

ער איז געוואָרן טרויעריק און קיל געשוויגן.

פאַר וואָס זאָגט זי אים דאָס? ער אַליין האָט שוין זינט חדשים נישט גענומען אין מויל אַריין דעם מינדעסטן זיסן געטראַנק. זיין צונג האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געפילט דעם זיסלעכן שוידער. צי וויל זי נישט דערמיט זאָגן, גיטעלע, אַז ער, וויגדער, געהערט נישט צו די־אָ שאָטנ־דיקע מענטשן... אַז ער שטאַמט פון אַנדערע... אַז ער איז זיי אַ פרעמ־דער... לחלוטין אַ פרעמדער?...

זיי זיינען געבליבן אַליין. בלויז אין די אויגן פון אַנטאָנען, וואָס איז געשטאַנען הינטער זיי, איז געלעגן פאַרוווּנדערונג און שטוינונג. אים האָט נישט געלאָזט צו רו איינאיינציקער רעיון: ווער איז ער, דער דאָזיקער פרעמדער, וואָס ער האָט אים קיין מאָל נישט געזען? וואָסער פּלוצעמדיקער בונד איז איצט אויפגעשטאַנען צווישן אים און דעם מיידל?

זי האָט דערזען די פאַרוווּנדערונג אין זיינע ווייכע, ברוינלעכע אויגן און זיך שטיל אָפּגערופן:

— נישט געשראָקן זיך, אַנטאָן... אָן פחד... ער גייט מיט אונדז... דער פרעמדער... ער וועט זיין אונדזערער... אַנטאָן הערט?

אָבער אַנטאָן האָט שוין נישט געהערט, וואָרעם ער האָט זיך געלאָזט פאָרויס מיט קורצע, לויפנדיקע שפּרייזן. זיי האָבן נאָר געזען זיינע שטאַרק־בלאָלעכע ביינערדיקע פיס אַרויסשטאַרטשען פון די לויזע, הילצערנע שיך־טרעפּעס. איבער זיין בידעריקער, איינגעפאַלענער ברוסט, הינטערן צעריסענעם, שוואַרצן רעקל, האָט זיך געבערגלט דער פוטראַל פון דער סטראַדיוואַריוס־פידל. ער איז גיך אַוועקגעשווומען אין דער דעמערונג ווי אַ פליסיקער, שוואַרצער פלעק. דאָס מיידל האָט דעמאָלט

וויגדערן אַ צי געטאָן שטאַרקער צו זיך. ביידע, איינגעאָרעמטע אינעם פֿאַלנדיקן שניי, האָבן פּאַוואָליע אַוועקגעשפּאַנט אין דער פֿינצטער. די פֿינצטערניש האָט זיי דורך ליידיקע, פֿאַרשנייטע הייפֿלעך אַרויפֿגעפֿירט צו דער איינזאַמער, טויטלעכער פֿאַציאַטקע.

*

ס'איז געווען אַזוי שוואַרץ־פֿינצטערלעך אויבן, בעת זיי זײַנען אַריבערגעטראָטן די פֿאַציאַטקע־שוועל, אַז וויגדער האָט אַפֿילו געמוזט צעפֿירן ביידע הענט, כּדי נישט צו פֿאַלן. דאָס מיידל האָט אים אַ שווייגנדיקע צוגעפֿירט צו דער וואַנט און, אַרויפֿלייגנדיק אויף זײַנע אַקסלען אירע ביידע וואַרעמע, מיידלשע הענט, אים פּאַוואָליע אַראָפּ־געזעצט אויף דער פּריטשע. זי האָט דערנאָך גיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די פֿאַטשיילע. אין חדר־פֿינצטערניש האָט וויגדער דערפֿילט ווי דאָס מיידל באַוועגט זיך גיך און שלאַנק ווי אַ שווימענדיקער, טונקעלער פֿיש. באַלד האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי פֿלאַטערט אַרום אין דער פֿאַציאַטקע־פֿינצטערניש ווי אַן אָפּגעראַטעוועטער כּישוף־פֿויגל, וואָס איז אַרײַנגעשווומען פֿון די דרויסנדיקע, פֿאַרשנייטע געטאָ־פֿליינען. זי האָט יעטוועדע רגע עפּעס שטיל געזאָגט, נאָר ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם באַדײַט. עפּעס האָט זי אָן אויפֿהער אַרויסגעוואָרפֿן אין דער פֿינצ־טערניש זיפֿצן און אומפֿאַרשטענדלעכע רייד, וואָס האָבן אים טייל מאָל פֿאַרוווּנדערט און טייל מאָל אַרומגענומען מיט פּחד. ער האָט געהערט ווי זי האָט אין דער גיך אַרײַנגעלייגט אַ פּאָר דינע האָלץ־שפּענדלעך אין דער נידעריקער הרובע. באַלד האָבן זיך פֿון צווישן די הרובע־שפּאַלטן באַוויזן שמאָלע, רויטלעכע אויגן־אַפּלען. דער דרויסנדיקער נאַכט־ווינט האָט הונגעריק־בייז געזויגן דורכן קוימען, נישט דערלאָזנדיק אויפֿפֿלאַמען די הילצערנע שפּענדלעך און געטרונקען פֿון זיי זייער שוואַך פֿײַער. ער איז די גאַנצע צײַט, וויגדער, געזעסן אויף דער פּריטשע אויפֿן זעלביקן אָרט, ווו ס'איז מיט אַ טאָג פֿריִער אויסגעגאַנגען זעלדע. ער האָט מיט דער האַנט אַוועקגעשאַרט עפּעס אַ בגד הינטער זיך. דאָס איז געווען זעלדעס לעצט טויטן־מלבוש, וואָס איז פֿאַרבליבן

אויף דער פּריטשע. ער איז געווען מיד און טרויעריק נאָך דער היינ־טיקער קבורה. בעת דאָס מיידל האָט די גאַנצע צייט געקניט אַרום דעם קיכל, איז וויגדער אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון ווייטיקלעכע רעיונות. דורכן פאַציאַטקע־פענצטערל האָט דערווייל געפלייצט מיט פליסנדיקע, שוואַרצע שטראָמען די נאַכט־קעלט אין אַ תהומיקער שטילקייט. די לבנה, אַ פאַרגליווערטע אין איר וואָלקנדיקן אייז־טייך, איז געבליבן שטיין שוין מחוץ דעם געטאָ־הימל, הויך איבער די מיזרח־פעלדער, אַרומגערינגלט מיט לייכטנדיקע שטערן־מזלות. דאָס ביסל ציטערדיק ליכט, וואָס האָט זיך געוואָרפן איבערן פאַציאַטקע־דיל, איז געקומען פון די הילצערנע שפּענדלעך. זיי האָבן זיך נאָך אַלץ אַנגסטיק געראַנגלט מיטן דרויסנדיקן, שדישן נאַכט־ווינט, וואָס האָט זיי נישט גובר געווען אין דער אָנגעצונדענער נידעריקער הרובע. זיי האָבן איצט זיך מערער צעפלאַמט, רייסנדיק זיך דורך די שפּאַרעס אין קלאָרע, דורכזיכטיקע, בלאָע פלאַמען.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי אויפן קיכל האָט אָנגעהויבן זידן דער וואַרעמער, שוואַרצער טאָפּ. ער האָט געהערט דערנאָך, וויגדער, ווי דאָס מיידל גיסט פונעם טאָפּ דאָס הייסע, שוואַרצע געטראַנק. באַלד איז זי געבליבן שטיין אַנטקעגן אים און זיך אַ שווייגנדיקע אַראָפּ־געלאָזט אויף דער פּריטשע.

זיי האָבן ביידע געזופּט, שלוק נאָך שלוק, דעם ביטערן שוואַרצן געטראַנק. אַ דינע, בייסנדיקע פליסיקייט־ביטערניש האָט געקלעפּט אויף דער צונג און זיך געלייגט איבער די קאַלטע קעל־ווענטלעך. אָבער מיט יעטוועדן ביטערן שלוק פונעם שוואַרצן געטראַנק האָט דורך עפּעס אַ נס אַ פרעמדע, פאַרבאַהאַלטן פייער אָנגעצונדן אין זיי דאָס קילע, פליסנ־דיקע בלוט. אין זייערע אויגן איז וואָס אַ מאָל מערער צוגעפלאָסן אַ ליכטיקייט. ביסלעכווייז האָט די פינצטערניש גענומען אָפּטרעטן. אויף איר אָרט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אויפגעלויכטענע גראָקייט. ס'האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלטן פלוצעם אין דרויסן פאַרן פענצטערל, הינטער די שוואַרצלעכע שייבלעך, אויפגעשפּראָצט יונגע פלאַטערנדיקע שאָטנס פון אַ פרימאָרגן־דעמערונג.

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן, ווידגער... אמת?
— יאָ... יענעם פרימאָרגן... אויף דער בריק...
— זעלדע... האָט תמיד גערעדט פון דיר...

ער האָט אויפגעפראַלט די אויגן פון איר פלוצעמדיקן דו צו אים. זעלדעס איינגעפאַלענער גוף, וואָס איז היינט געקומען צו קבורה, האָט זיך מיט אַ מאָל אַוועקגעשטעלט פאַר אים. ער האָט באַשיימפּערלעך געזען ווי זי בייגט אַראָפּ איר קליינעם אויסגעלאָשענעם קאָפּ און שמייכלט. אירע הענט, לאַנגע און דורכזיכטיקע, האָבן זיך געהאַלטן פאַר דער פלאַכער, מיידלשער, נישט־אויפגעגאַנגענער ברוסט.

— גיטעלע, צו וואָס דערמאָנען איצט... די טויטע... צו וואָס...
— זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט דיך תמיד זען... און דו ביסט נישט געקומען. פאַר וואָס ביסטו קיין מאָל נישט געקומען צו אונדז, ווידגער?

פון אירע רייד האָט זיך געהערט אַ שטילער פאַרוווּרף, אָבער פאַר אים האָט זיך אויסגעשיילט פון איר פליסטערן אַ פאַרבאַהאַלטענע, שטומע פרייד פון אַ בלאַסן, צוריקקערנדיקן חלום. ער האָט אָנגעהויבן אין דער פינצטערניש עפּעס שטיל צו דערציילן. ער האָט קוים, קוים געהערט זיינע אייגענע רייד. ער האָט דערציילט וועגן אָנהייב פון געטאָ... אַז ס'ווייב זיינס איז באַגאַנגען אַ שווערע, אוממענטשלעכע, נישט־יידישע טאַט... זי האָט אין געטאָ נישט געוואָלט אַריין און זיך בסוד צוגעגרייט געצוג גיפט־פּילן... אויך פאַר זייער עופּעלע... דאָס איז געשען אין טאָג בעת דער ערשטער שוואַרצער געטאָ־צוים איז געוואָרן אויפגעשטעלט... דאָס מיידעלע האָט מען אָפּגעראַטעוועט... אָבער שפּעטער... איז עס אויסגעגאַנגען דאָ... פון הונגער, און... ער אַליין? ער איז טיפער געזונקען אין דער פינצטערניש... אין געטאָ־פאַרגעסנקייט... און געוואַרט... אויף וואָס אַזוינס האָט ער אייגנטלעך געוואַרט דורך די אַלע געטאָ־יאָרן?...

דאָס מיידל האָט געשוויגן. ס'האָט געדויערט אַ לאַנגע, לאַנגע ווײַלע. דערנאָך האָט ער געהערט ווי זי וויינט. אַ שטיל, פאַרקלעמט, פויגלש העשען. איר וויין, פאַרטרערט קול האָט איבערגעשניטן די שטילקייט מיט אַ קאַלט, דין מעסער.

— זי האָט דיך שטאַרק ליב געהאַט, זעלדע... אויך דו... דאָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל... איך ווייס... זי האָט מיר אַלץ דערציילט...

— גיטעלע, צו וואָס דאָס אַלץ...?

— אָבער איר צוואה ווייסטו נישט, וויגדער... אַפילו נישט אַ וואָרט...

— אַ צוואה?

ער האָט זיך געפרוווט אויפזעצן אויף דער פּריטשע. דערנאָך אָנגענומען דאָס מיידל פאַר אירע קליינע הענט. זיי זיינען געווען קאַלט און טרוקן ווי גלאָז.

— זעלדע האָט מיר איבערגעגעבן... פאַר דיר... איר צוואה... ווי גוט — וואָס דער גורל האָט אונדז צונויפגעפירט פאַר איר טויט... און איצט — נאָך דער קבורה...

ביידע זיינען אויף דער פּריטשע פאַרשטילט געוואָרן. אין די הרובע־שפּאַרעס האָט דאָס פייער אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו צאַנקען. ס'איז באַלד איינגעלאָשן געוואָרן. דער דרויסנדיקער נאַכט־ווינט האָט בצחונדיק געריסן די ציטערנדיקע פענצטער־פראַמוגעס. פונעם דיל, אַרום דער הרובע, האָט זיך אויפגעהויבן אַ קלעפּיקע פינצטערניש. זי איז געשווומען, די פינצטערניש, ווי אַ שוואַרצער, געשוואָלענער וואָלקן, וואָס דער נאַכט־ווינט האָט געבוירן. פאַרן פענצטער האָט געציטערט אַן אָפּגעריסענער לבנה־גלימער. גרויסע, איינצלנע שניי־שטערן האָבן געקלעפּט אין די שויבן. זיי האָבן אַריינגעלויכטן ווי ווייסע, שטומע רייד פון אַ נישט־אויפגעבונדענעם און פאַרוואָגלטן שניי־לשון.

— זעלדע האָט קיין מאָל נישט אַראָפּגעלאָזן דיין נאָמען פון אירע ליפּן... תמיד: וויגדער, וויגדער... זי האָט אַפילו געוואָלט — איך זאָל דיך אויפזוכן... אַז דו דאַרפסט זיין צווישן אונדזערע... ביסט ראוי דערצו... — פלעגט זי זאָגן — ביסט ראוי דערצו...

— ראוי? — האָט ער שטיל אויפגעהויבן דאָס קול און זיך געחידושט פון דער סודותדיקייט.

— זי פלעגט תמיד זאָגן: ביסט ראוי צו זיין צווישן אונדז... צווישן די, וואָס ווילן נישט שטאַרבן ביים דייטש ווי שעפּסן... נישט צעטראָטן ווערן ווי גראָז... אַז מען דאַרף דיך צוציען צו אונדז... און היינט ווערט

מקוים איר צוואה. מיר וועלן אויך גיין... אהין... אפשר איז פאַראַן גוטע בשורות פון דרויסן... פאַר אונדז... פאַרן געטאָ... צי ווייסטו, וויגדער, אַז אין גאַנצן געטאָ זיינען ביז איצט פאַראַן בלויז זעכציק מענטשן... גלייביקע, שטאַרקע... גרייטע אויף אַלץ? אפשר וועט די מחנה גרעסער ווערן... זי מוז גרעסער ווערן... דאָס איז איר צוואה... מענטשן זיינען אַזוי אונטערגעזעגט פונעם פחד... פאַרן דייטש... פאַרן הונגער... פאַרן טויט... צי וועלן מיר, די לעצטע, פאַרשעמען אונדזער לעבן? צי וועלן מיר פאַרשעמען די טויטע?

ער האָט פלוצעם, פון עפעס אַן אינעווייניקסטן פייער, אָנגעכאַפּט דאָס מיידל פאַר אירעביידע הענט. ער האָט נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען אַ הויך פון זיין צונויפגעפרעסטער קעל. זיין האַרץ האָט גע־נומען פלאַטערן פון אַ גלוטיקער אויפגייענדיקער גערעכטיקייט, וואָס איז אַלע יאָרן געלעגן טויט. אירע רייד, שטילע און דורכזיכטיקע, ווי קליינע, קינדערישע טרערן, האָבן אָנגעצונדן דעם חלל אַרום אים. דאָס מיידל איז געשטאַנען פאַר אים איצט ווי אַ לייכטנדיקע מנורה, וואָס עמעצנס פאַרבאַרגענע, גורלדיקע הענט האָבן אַראָפּגעלאָזט פון די פינצטערע הימל־געוועלבן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר פּלאַם. פון צופיל ליכט האָט ער געמוזט פאַרשליסן די אויגן. אָבער פון הינטער די פאַרשלאָסענע אויגן־דעקלעך האָט ער אויף זיין פנים נאָך שטאַרקער דערפילט דאָס פייער, וואָס האָט זיך געגאָסן גאָר נידעריק איבער זייערע ביידע געבוי־גענע קעפּ אַרום דער פּריטשע־פינצטערניש.

— און נאָך האָט זעלדע געזאָגט: אַז איך וועל שטאַרבן, גיטעלע, האָט זי געזאָגט, זוך אים אויף... און גיב אים איבער מיין צוואה... און ער וועט דיך שיצן... און ליב האָבן... אַזוי ווי מיך, אַמאָל... אַזוי ווי מיך... זאָל ער שיצן דאָס לעבן און אָװעקנעמען דעם בזיון פון די טויטע...

זי האָט איצט, אין דער פינצטערניש, אַרומגענומען מיט אירע קליינע הענט זיין איינגעבויגענעם האַלדז. איר קאָפּ, אַ קילער און קוים טליִענ־דיקער, האָט זיך געטוליעט צו זיין ביינערדיק, קאַלט פנים. ער האָט אויף זיין הויט דערפילט אירע שיטערע, זייער קאַלטע מיידלשע האָר. זיי האָבן געהאַט אַן אויסטערלישן געשמאַק פון נישט אויפגעגאַנגענער געטאָ־

יונגפּרויִלעכקייט. ער האָט פאַרשלאָסן די אויגן און געפּרוּווט אַ מורמל צו טאָן מיט די ליפּן. אָבער אין דער רגע האָט ער דערפילט איבער זיי אַ דינעם ברי. דאָס איז געווען אַ שניט פון איר קליין, מיידלש מויל. דער דאָזיקער ברי האָט בלויז געדויערט אַ קורצע ווײַלע, אָבער ער האָט געהאַט אין זיך די בלענדנדיקע שאַרפקייט פון אַ בליץ, וואָס גאָט שיקט, כדי דורכצושנײַדן די פינצטערנישן פון אַלע ערדישע און הימלדיקע אָפּגרונטן. פונעם בליץ האָבן גרינלעכע פלאַמען־שפּליטערס לאַנג גע־פלאַטערט פאַר זיינע אויגן, איבערן פּנים, געצוקט איבערן האַלדז און דערנאָך זיך אַראָפּגעגליטשט איבער די האַלדז־ווענטלעך. זיי האָבן דאָרט אָנגעצונדן אין זיין הונגעריקן גוף אַלטע, פאַרגראָבענע פייערן, אַזוי ווי דאָס טוט אַ פייער־קנויל, פאַרצערנדיק ווייכע, טרוקענע פעלד־גראָזן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און זי אַוועקגעלייגט אויף איר איינגע־בוקטן, מיידלשן אַקסל. איר אַקסל איז געווען וואַרעמלעך און ביינערדיק. אינעם פינצטערלעכן שניי־ליכט, וואָס האָט געפּלייצט פון דרויסן איבער דער פּריטשע, האָט ער אויפסניי דערפילט איר דין מויל, וואָס האָט אַ הונגעריקס אָן אויפהער געזוכט זיינע ליפּן. אַ רגע האָט זיך וויגדער פאַרשעמט. אַ בריִענדיקע, מענטשלעכע בושה האָט אים פאַרוואָרפן מיט פאַרצערנדיקע פלאַמען. ס'איז געווען שטאַרק אויסטערליש דאָס אַלץ. צי האָט זי אַזוי גיך פאַרגעסן אין זעלדעס קבורה? צי זיצן זיי נישט ביידע אויף דער טויטן־פּריטשע, ווו עס איז נישט לאַנג צוריק געלעגן זעלדע? צי הערן זיי נישט נאָך איצט פון צווישן די פּריטשע־שפּאַרעס אירע פאַרטויטלעכע אַנגסטן, אירע טרערן און תּפילות? אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ שוואַכע, הילפלאָזע מאָנונג, וואָס האָט אים דורך אַ פאַרנעפּלטן רוף צוריקגעפירט צו דער איצטיקער פאַציאַטקע־פינצ־טערניש אַרום דער פּריטשע.

אין דרויסן האָט דערווייל נאָך העפטיקער אָנגעהויבן פאַלן דער בלאָלעכער נאַכט־שניי. אַ יללהדיקער ווינט האָט געשפּאָלטן די געטאָ־שטילקייט מיט דער שאַרפקייט פון קליינע געשליפענע שטערן־דימענטן. דאָס מיידל, וואָס איז אים כּמעט געווען פרעמד, האָט זיך באַוועגט אַרום אים אַ באַוועלטיקטע פון ווייטע, נישט־ערדישע כּוחות. אפשר איז דאָס

אַלץ געשען מחמת דעם, וואָס זיי זיינען ביידע ערשט היינט געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבערן אָפּענעם טויטן־שפּאַלט פון זעלדעס קבר. אפשר דערפאַר, וואָס דורך די אומצאָליקע געטאָ־יאָרן האָט דער טויט אַזוי נאָענט אַרומגעהויכט זייערע אויסגייענדיקע, מענטשלעכע אָטעמס. דאָ, אין דער פּאַציאַטקע־פּינצטערניש, לעבן דער טויטן־פּריטשע, האָט פּלוצעם אויפגעוואַכט צווישן די צוויי שאָטנהאַפּטיקע מענטשן די פאַרצערנדיקע, אייביקע, ערדישע ליבשאַפט. זיי זיינען ביידע געווען איצט גרייטע פאַר אַ נייעם שאָטנהאַפּטיקן און אויסטערלישן בונד, וואָס די פּינצטערניש און דער טויט האָבן דאָ געבוירן. ער האָט דאָס מיידל געהאַלטן פאַר אירע הענט און זי האָט זיך געלאָזט פירן דורך אים ווי אַ קינד. ער האָט זי אויפגעהויבן הויך צו זיך. זי האָט אַן אויסגעשטרעקטע געציטערט. ער האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן פון דער פּריטשע זעלדעס לעצט טויטן־בגד און אַזוי, אין גאַנצן אַ פאַרוויקלטע, האָט ער זי אַראָפּגעלאָזט אין דער פּריטשע־פּינצטערניש. אין גלייַקער דערוואַרטונג פון מיידלשע פאַר־שטויסענע בענקענישן האָט זי מער נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַלדז פון אירע ביידע פאַרקלאַמערטע הענט. אין אַנגסטיקע, הימלדיקע פריידן האָט זי אים געצויגן צו זיך. און פּלוצעם האָט צווישן די פאַלדן פונעם פאַרוויקלטן טויטן־מלבוש אַ שלאָג געטאָן צו זייערע פּנימער זעלדעס הויך, איר אַנגסטיק אָטעמען פון דער פּריטשע. ער האָט באַלד דערזען אויך פאַר זיך זעלדעס אויפגעלויכטענע, שווימענדיקע אויגן־אַפּלען. זיי זיינען געווען ביידע גרינלעך און געלויכטן אין דער פּינצטערניש ווי קליינע, אויפגייענדיקע, וואַרעמע שטערן. מיט פאַרשפּאַרטע מיילער האָבן זיי זיך לאַנג צוגעהערט צום דאָזיקן הויכן און אַנגסטיקן אָטעמען. ביז זיי זיינען ביידע, באַגלייט פונעם שווימענדיקן שטערן־ליכט, פאַרזונקען און פאַרשווונדן אינעם פלאַטערנדיקן, זיסלעכן טויטן־אָטעם.

## קאַפּיטל פינף

# פון דער פינצטערניש

מיט צוויי טעג שפּעטער, נאָענט צו האַלבער נאַכט, האָבן צוויי פאַר־קנוילטע, מענטשלעכע שאָטנס אינעם געדיכטן פרישנדיקן שניי־פאַל זיך געגליטשט איבער די ליידיקע שטחים פונעם מערב־געטאָ. זיי זיינען מתחילת אַריבער די הילצערנע בריק, זיך פאַרקירעוועט שפּעטער הינ־טערן אַלטן בית־עולם און פון דאַנען, דורך איינגעלייגטע, צעפאַלנדיקע אוהלס און קברים־מויערן, אַריין אין אַן אָפּגעצוימטן הויף־שטח.

דער ליידיקער, טויטלעכער שטח פון מערב־געטאָ איז שוין חדשים געלעגן אַן אָפּגערוימטער פון יידן. ס'איז געווען אַ סכנה, אַז צווישן די ליידיקע, צעריסענע בנינים זאָל זיך באַווייזן אַ מענטשלעכער שאָטן. נישט איין מאָל האָט מען געהערט נאַכט־שאָסן פון באַהאַלטענע וואַכ־פּאָסטנס, נאָענט פון באַן־פּלאַנט, וואָס איז דאָ געלאָפן נישט ווייט פונעם אָפּגעצוימטן מערב־געטאָ. זעלטן האָט זיך אינעווייניק פון דאָזיקן ליידיקן שטח באַוויזן אַ דייטש. ס'איז געווען אויסטערליש: זיי האָבן זיך תמיד זיכערער און פרייער באַוועגן צווישן אַ גרויסער יידן־עדה, איידער אינעם ליידיקן, אומבאַוווינטן געטאָ־העק. אָבער די סכנה, וואָס האָט געלויערט פאַר אַן אַריינדרינגענדיקן, מענטשלעכן שאָטן, האָט נישט גע־האַט קיין שליטה אויף די, וואָס אין זייערע הערצער האָט נאָך געטליעט דער גבורה־פונק פונעם פאַרפּייניקטן יידישן גייסט. דאָס איז געווען אַ קליין הייפעלע פאַרהונגערטע, מענטשלעכע שאָטנס, וואָס ס'האָט זיי פאַרבונדן איינאיינציקע מחשבה: הערן די דרויסנדיקע, אומפאַר־צוימטע וועלט און דערנאָך, אין גרויס פאַרזיכטיקייט, איבערגעבן די טרייסט־רייד צו די אָפּשטאַרבנדיקע מענטשן אין געטאָ.

ווּיגדער און גיטעלע זײַנען געגאַנגען מיט אַ זײער שמאָלן וועג, בעת זײערע טריט האָבן זיך הינטער די שפּרײַזנדיקע מענטשן געלײגט ווי אַ געפּלאָכטענע, שוואַרצע שנור אין דער אַרומיקער שנײ־ווײַסקײט. זײ זײַנען געבליבן שטײן אין אַ לײדיק פּינצטער פּרוזדורל און דאָ אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. זײ האָבן גענומען אָפּשאָקלען דעם שנײ פון די ווײַסע פּאַטשײלעס, וואָס זײַנען געלעגן פאַרוואָרפן איבער זײערע קעפּ און דערנאָך — פּלוצעם צוגעפאַלן צו זיך אין אַ וואַרעמען, אָטעמ־לאָזן, שאָטנהאַפטיקן קוש. די קאַלטע ווענט פונעם פּרוזדורל, באַהאַנגען מיט אַלט, טוכלע שפּינוועב פון טויטע שפּינען, האָבן צוריק אָפּגעגעבן פון זיך דעם הויך פון די מענטשנס וואַרעמע, צאַפּלענדיקע אָטעמס. זײ האָבן באַלד אויפסנײ זיך אַרומגעבונדן די קעפּ מיט די ווײַסע טיכער און דורך ווענט־עפענונגען זיך געלאָזט גײן אײַנגעבוקטע מיט קלײנע, פאַרטײַענדיקע טריט. זײ זײַנען געגאַנגען אינעם שנײ ווי צווײ פאַר־בלאָנדזשעטע, דערשראָקענע, פאַרליבטע הירשן. פון יענער נאַכט אָן האָט שוין די צווײ מענטשן פאַרבונדן אַ סוד, אַ ציטערדיקער, אָן אָפּ־געהיטענער, נישט נאָר פונעם פּלוצעמדיקן ליבשאַפט־בונד אין דער פּינצטערער פּאַציאַטקע, נײַערט מחמת דעם דאָזיקן נאַכטיקן שפּאַציר אינעם לײדיקן געטאָ־פּערטל, וואָס האָט זײ מיט יעדן שריט אַלץ מערער דערנעענטערט צו דער לאַנגגעגאַרטער טרעפונג אין ראַדיאָ־קעלער.

דערווײל האָבן זײ ווידער געמוזט אַדורכגײן אַ הײפל, אַ קלײנס און אָפּגעצוימטס. זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אָנגענומען פאַר די הענט. דער שנײ האָט גראָד איצט אויפגעהערט צו פאַלן. אַ זײער ווײַסלעכע, פּױלישע ווינטער־לבנה פון קאַלטן טויטלעכן בײַן האָט זיך מיט כוח געריסן פון צווישן די שנײ־וואָלקנס און פאַרוואָרפן דאָס הײפל מיט בערגלעך לבנהדיקן זילבער. אין דאָזיקן פּלוצעמדיקן ליכט האָבן בײדע אויפגעציטערט. זײ האָבן געזען די פענצטער פונאַנדערגעפּראַלט, וואָס האָבן זיך מחמת דעם ווינט געוויגט אינעם ליכט. די וויגנדיקע פענצטער אין דער טויטער לבנהדיקער לײדיקײט האָבן אויף ווידערן אַ פּראַל־געטאָן מיט אַזאַ אבלות ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער חרובער ערד פון אַ בית־עלמין. די פענצטער האָבן זיך אָן אויפהער געוויגט. די

שויבן האָבן פון זיך אָפּגעשלאָגן דאָס ליכט אין אויסטערלישע, פאַר־קרימטע, מענטשלעכע געזיכטער. און פּלוצעם האָט דורך אַ נידעריק, וויגנדיק פענצטער צו זיי אַ לייכט־געטאָן אַ פּאָר שאַרף־פינקלענדיקע אויגן.ביידע מענטשן האָבן אַ רגע אויפגעציטערט. די צוויי גליענדיקע אויגן־פינטעלעך זיינען געווען גרינלעך, באַלד רויטלעך און מיט אַ שווערן אוממענטשלעכן כישוף געצויגן צו זיך. דאָס האָבן נישט געקאָנט זיין די אויגן פון אַ מענטש. גיכער האָבן דאָס געמוזט זיין די אויגן פון אַ הונט, אָדער אַ קאַץ, וואָס איז דאָ פאַרבליבן אינעם פאַרלאָזטן, טויטן שטח און נישט אַוועק מיט די יידישע באַלעבאַטים. און אפשר — ווער ווייס — אפשר זיינען דאָס געווען די אויגן פון דער טויטער זעלדען, וואָס באַגלייט איצט זיי ביידן זינט יענער רגע אין דער פּאַציאַטקע? און אפשר זיינען דאָס די אויגן פון אַן אויסבאַהאַלטענעם מענטשן? וואָרעם נאָר די אויגן פון אַ פאַרהונגערטן לייכטן אין דער פינצטערניש מיט אַזאַ כישופדיק, נישט־ערדיש ליכט.

זיי האָבן ביידע, אַרומגענומענע ביי די הענט, פּאַוואָליע זיך דער־נענטערט צום הייזל מיט די אָפענע, וויגנדיקע פענצטער. זיי זיינען אַרויף אויף דער שוועל און זיך איינגעהערט. אַ קאַלט, ווינטיק שטילקייט־וואָיען איבערן פינצטערן פּרוזדורל. פון אַן אָפענער טיר איז איבער זייערע פּנימער געפאַלן אַ שווערע, אוממענטשלעכער אוויר. אַ וויל־גאָטנע, שימלדיקע טוכלעקייט פון אַ פאַרלאָזטן, ליידיקן חלל, ווו עס איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען דער וואָרעמער אָטעם פון מענטשן. אַ געפּרעסטע, אָפּגעשטאָרבענע לופט פון אויסראַבירטע מלבושים־שענק, פון פאַרהעמערטע קעמערלעך און פינצטערע שוואַרצע אַלקערס. דאָ גאָר נאָענט האָט מסתם געמוזט ליגן נישט פאַרבאָרגענערהייט אַ טויטער, פאַרלאָזענער, עלנטער, מענטשלעכער גוף.

ביים רויטלעכן, קליינעם פלעמל פון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע זיינען זיי ביידע, ווידער און גיטעלע, אַריינגעצויגן געוואָרן אינעווייניק דורך דעם נישט־ערדישן, משונהדיקן ריח. זיי זיינען אַריבער די שוועל פון אַ חדרל. אויפסניי האָבן געגומען אַרומשווימען איבערן דיל די אַ מאָל רויטלעכע, אַ מאָל גרינלעכע אויגן־אַפּלען. איצט האָבן זיי שוין ביידע

געוווּסט: דאָס זיינען געווען די אויגן פון אַ הונט, וואָס האָט זיך גע־ווּיקלט אין דער חדר־פּינצטערניש איבערן דיל. ער האָט זיך אויף זיינע ביידע געבויגענע פיס געטוליעט צו אַ לאַנגן מענטשלעכן גוף אויפן דיל. ער איז אַרומגעגאַנגען, דער הונט, דעם גוף פון אַלע זייטן. דער ליגנדי־קער גוף איז געווען פאַרדעקט בלויז ביז זיין מיטעלן גוף־טייל, בעת זיינע נאַקעטע, געל־גאַלדיקע פיאַטעס זיינען געשטאַנען אויפגעשטעלט נאָענט צו זיך ווי די דוכנענדיקע הענט אין אַ כוהנישער תפילה. זיין קאָפּ מיטן פאַרבויגענעם געזיכט צום דיל און אויך די ברוסט, זיינען געלעגן אָפּגעדעקט און פאַרווייעטע פונעם דינעם שניי־ווינט, וואָס איז געגאַנגען אָן אויפהער דורכן אָפענעם פענצטערל. דער דאָזיקער ווייס־לעכער שניי־שיכט איז געלעגן אַרום זיין פאַרבויגענעם קאָפּ און זיין פאַרשטילט, אויסגעצאַנקט האָרץ ווי גרויסע זילבערנע קרוינען. דער צו־געדעקטער גוף־טייל האָט זיך געהויבן אין דער הייך פון דער דיל־פּינצטערניש. דער הונט, אַן איינגעבראָכענער מיט זיין דאַרלעכן קאָפּ צווישן דעם מענטשנס פיס, איז איצט די גאַנצע צייט שוין בישט אָפּ־געטרעטן פונעם ליגנדיקן. ער האָט נאָר טייל מאָל אויפגעהויבן זיינע וואַרעמע, לייכטנדיקע אויגן־אַפּלען צו די צוויי פרעמדע מענטשן. ער האָט זיי לאַנג, לאַנג אָנגעקוקט. זיין בליק איז געווען אַ פאַרטרערטער, אַ תחנונימדיקער, מיט נישט געפּורעמטע רייד פון רחמים און מסירת־נפש. ער האָט דערנאָך אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גאָר שטיל אין זיך אַריינגעוואָיעט. גיטעלע און וויגדער האָבן נאָך אַלץ זיך געהאַלטן פאַר די הענט. זיי האָבן זיך פאַרשטומטע און איבערגעשראָקענע לאַנג צוגעהערט צום הונטס געקלאָג איבער דעם איינזאַמען, פאַרשטאַרבענעם מענטשן אויפן דיל.

זיי האָבן אויף דער גיך אָנגעהויבן צו פאַרדעקן דעם פאַרשטאַר־בענעמס נאַקעטע פיס און דערנאָך אויך זיין קאָפּ מיטן אָפּגעווענדטן פּנים. איצט האָבן זיי געזען, אַז דער מענטש האָט גרויסע, אויפגעפּראַלטע אויגן. ער האָט אויסגעזען מיט די אָפענע אויגן־לעדלעך ווי ער וואָלט געשלאָפן. דער הונט האָט זיך אויפגעשטעלט. פון זיינע אויגן־אַפּלען האָט אָנגעהויבן פליִיצן אַ גרינלעך ליכט. ער האָט זיך געוואָרפן צו די

פיס פוןביידע פרעמדע און דערנאָך צוגעלאָפן צום ליגנדיקן. וויגדער האָט דערווייל געזוכט עפּעס אין די חדר־ווינקלען און דערנאָך גיך אַרויס אויפן הייפל.

די גאַנצע צייט, בעת וויגדער איז נישט געווען, האָט גיטעלע גע־האַלטן דעם הונט אויף איר שויס, זיצנדיק אויף אַ נידעריקער פריטשע. זי האָט געוווּסט וואָס אַזוינס וויגדער טוט איצט אין דרויסן. זיי וועלן אים מקבר זיין דאָ אויפן הייפל — דעם פאַרשטאָרבענעם מענטשן. זיצנדיק אויף דער פריטשע מיטן דאַרלעכן הונט אויף דער שויס לעבן דעם שוואַרצן, פאַרדעקטן גוף, האָט זי פּלוצעם אָנגעהויבן וויינען. אַ דין העשען איז געגאַנגען פוןביידן — פון הונט און פון מיידל. דער הונט האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון אירע פאַלנדיקע טרערן און אָנגעהויבן זיך טוליען צו איר מיט אונטערטעניקייט און ליבשאַפט. זי האָט איצט געטראַכט, גיטעלע, בלויז וועגן זעלדען, וואָס איז געקומען צו קבורה. דעם הונטס טיף עטעמען אויף דעם מיידלס שויס איז געוואָרן וואַרעמער, זיין העשען — העכער ביז עס איז שוין שווער געווען פונאַנ־דערצושיידן צווישן שלוכצן פונעם מיידל און דעם הינטישן וואָיען. ביידע האָבן געקוקט צום איינגעפאַלענעם באַרג־קנויל פון מענטשלעכע ביינער. די פענצטער האָבן זיך געוויגט אינעם ווינט. דער נאַכט־הימל אין דרויסן האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעדעקט. ס'האָבן זיך געוויזן פאַראייניצלטע, לייכטנדיקע, פרידלעכע שטערן פונעם הימל אין די שויבן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און וויגדער איז צוריק אַריין. איצט האָבן זיי ביידע פאַוואָליע אויפגעהויבן דעם גוף פונעם דיל. ער איז גע־ווען שטייניק־שווער. די פיס זיינען אים אַראָפּגעפאַלן און נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם דיל. דאָס האָט געמוזט זיין אַ זקן און אפשר נישט. איצט האָבן זיי געזען, אַז אונטער דעם פאַרדעקטן, שוואַרצן מלבוש איז זיין גוף געווען אַרומגעהילט אין אַ צעפאַלענעם טלית. זיי האָבן אים מיט אויסגעייענדיקע כוחות געצויגן צום הויף־ווינקל. דאָ איז שוין געווען אויסגעגראָבן דורך וויגדערן אַ שמאָלע, ערדישע עפענונג. דאָס הייפל, פאַרשטעלט פון אַלע זייטן מיט נידעריקע ציגל־ווענט, האָט געהאַט איצט אויף זיך אַ סך ליכט פון דער לבנה ווי פון אַ שווימענדיקן ליכט־טייך.

זיי האָבן אים גיך פֿאַרבאַהאַלטן אין דער פֿינצטערניש, וואָס איז גע־גאַנגען פֿון דער ערד. ווייגדערס ליפּן האָבן געמורמלט לאַנג־פֿאַרגעסענע פּסוקים פֿון אַ טויטן־תּפֿילה. באַלד האָט זיך דאָס בערגל אויפֿגעהויבן אינעם הייפֿל. דער הונט האָט עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט דאָס שניי־בערגל און דערנאָך זיך אויסגעצויגן, פֿאַרנוורענדיק דעם קאָפּ אין די ביידע פֿאָדערשטע לאַפּעס. — — —

גאָר גיך האָבן ביידע געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס הייפֿל. די סכנה האָט געקאָנט קומען פֿלוצעם און אומגעריכט. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי הערן פֿון אַ ווייטן מרחק צעריסענע נאַכט־קולות. אַדורכלויפֿנדיק די וואַנט־עפֿענונג האָבן זיי ווידער אויסגעדרייט די קעפּ צום בערגל. די צווייַ ליכטפֿינטעלעך פֿונעם הונטס אויגן האָבן אויפֿסנייַ צו זיי אַ בליק געטאָן. דאָס מאָל זיינען זיי געווען גרעסער, אויפֿגעפֿראַלטער און גע־האַט אַ ליכטיקייט פֿון גלי̇ענדיקע, מענטשישע אויגן. ווייגדער און גיטעלע האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ צום נאַכט־הימל. זיי האָבן געזען, אַז דעם הונטס אויגן־אַפּלען געהאַט אַ וואַרעמען אָפּשיין און אַ דורכ־זיכטיקייט פֿון יענעם ווייטן ליכט, וואָס האָט אָן אויפֿהער געפֿלייצט אין דער פֿינצטערניש. דאָס איז געווען דאָס ליכט פֿון גאָטס באַהאַלטענע, קליינע, טרייסטנדיקע שטערן איבערן אָפּגעצוימטן טויטן־שטח. — — —

## קאַפּיטל זעקס

# קייגנאיבער

איבערן טיף־פּאַרזונקענעם, איינגעטראָטענעם שניי, וואָס איז זינט עטלעכע טעג געלעגן איבערן שמאָלן לאַגעווניקער טראַקט, האָט זיך אין דער אַראָפּנידערנדיקער, פּראָסטיקער דעמערונג געשלעפּט אַ ניד־ריקער, דאַרפישער שליטן. ווייט הינטערן וואַלד, אויף יענער זייט פון די באַשנייטע באַרגיקע פעלדער, האָט זיך איבערן הימל אויפגעהויבן אַ ראָזלעכע פּראָסטיקייט. דער פּוילישער ווינטער, וואָס איז געגאַנגען פון מיזרח, האָט דאָ, איבערן טראַקט, מיט אַ ווייסלעכן און ראָזלעכן כּישוף אַראָפּגעצויגן צו דער ערד און אויסגעשפּרייט אַן איידל געוועב פון אַן אָנגעצונדענעם, שיינעם הימל. איבער די פעלדער איז געלעגן אַ שנייִיק־פּאַרטייעטע שטילקייט. אויבן איז געהאַנגען דער ראָזלעכער הימל־געוועלב און אונטן — אַן אויסגעשפּרייטער, ווייסער שניי־פּליין, וואָס האָט זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. דאַרע, באַקעטע פּרוכט־ביימער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די פאַרשנייטע סעדער, האָבן מיט זייערע שיטערע צווייגן אונטערגעהאַלטן דעם ראָזלעכן אַראָפּ־פאַלנדיקן הימל. בלויז שוואַרצע, איינזאַמע ווינטער־פייגל האָבן טייל מאָל זיך אויפגעהויבן פון צווישן די פאַרשאָטענע פעלד־בייטן, געטראָגן זיך אין אַ טשאָטע הויך אין דער הימלדיקער ראָזקייט אַריין און צע־פּאַכעט איבעם חלל זייערע שוואַרצע פליגל־פּלעקן. זיי האָבן זיך גע־לאָזט אויף נאַכטלעגער צום לאַגעווניקער וואַלד, וואָס איז געשטאַנען איצט מיט זיינע אויפגעהויבענע דורכזיכטיקע סאָסנע־קרוינען פאַרהילט אינעם פּראָסטיקן אָוונט־נעפּל.

דער שליטן איז איצט געגאַנגען באַרג־אַרויף מיטן טראַקט. דאָס

פערד, אַ פּאַרסאָפּעטס און אין גאַנצן באַגאָסן מיט רינענדיקן זילבער־שוים, האָט יעדע ווילע אומגעקערט דעם קאָפּ צו די איינגעגראָבענע כאַטעס אין שניי, צו די הילצערנע לײדיקע תבואה־שײערס. ס'האָט מיט די נאָזדרעס געזוכט די שטאַל־וואַרעמקייט צווישן היי און שטרוי, צווישן ציגל־ווענט און געדעקטע, הילצערנע בעלקעס. יעדעס מאָל איז אָבער זיין קאָפּ אויפסניי אַראָפּגעזונקען ביז צום שניי, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען די געדעמפּטע טריט פון די פערדישע טלאָען. דער שליטן איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ ברייט און לאַנג טוך. דער פויער אויפן געזעס — אַ פאַרוויקלטער אין אַ שווערן שעפּסענעם פעלץ און אין אַ הויך פוטערהיטל, האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ריידן צום פערד. אין דער דאָזיקער ווייסער שטילקייט האָבן די רייד פונעם מענטש צום פערד אָפּגעהילכט שאַרף און זיך צעטראָגן מיט ווידער־קולות איבערן פעלד. דער שליטן האָט זיך געגליטשט איבער דער טראַקט־איינזאַמקייט אַלץ נעענטער און נעענטער צו אַ נייעם שניי־טראַקט, וואָס האָט אַדורכגעקרייצט די לאַגעווניקער וועלדער.

פונעם פויערס פנים האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען זיינע וואָנצן, לאַנגע, פאַרוויקלטע און אויפגעהויבענע, וואָס האָבן געמיניעט אינעם פראָסט שטייפע ווי הערנער. ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן צום רוקן פון פערד און יעדע רגע געקוקט אין הימל אַריין, וואָס האָט זיך אַלץ נידע־ריקער און נידעריקער אַראָפּגעלאָזט מיט זיין וואַרעמער ראָזקייט איבער די פאַרשנייטע פעלדער.

פאַר די לעצטע פאַר יאָר, זינט יענעם מפּלהדיקן פּוילישן סעפּטעמ־בער, איז זעלטן ווען אַנטאָנין אויסגעקומען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין ווי איצט און אויף אַ קנאַפּן מייל זיך צו דערווייטערן פון דער היים. דאָס פּיצל ערד, די באַלעבאַטישקייט הינטער גלאָוונע, דאָס קראַנקע ווייב, וואָס איז שוין צוואַנציק יאָר נישט אַראָפּ פון געלעגער און אַלץ נישט געקאָנט שטאַרבן — דאָס אַלץ האָט געהאַלטן אים צוגענאָגלט צו דער ערד, בפרט, אַז די צייטן זיינען געווען אַזעלכע, ווען יעדער האָט ליבער געוואָלט זיצן ביי זיך אין שטוב אָדער אין שטאַל, איידער זיך אַרויסלאָזן אין אַזאַ אומזיכערן, בייזן דרויסן. איין איינציק מאָל פאַר דער דאָזיקער

צייט האָט ער יאָ פאַרלאָזט דאָס דאָרף, אָבער דאָס איז דאָך געווען באַלד מתחילת; און ווען אַפילו אַלע הייליקע פון די הימלען וואָלטן אַראָפּ אויף דער ערד און אים באַפוילן אַנדערש טאָן — צי וואָלט ער אַנדערש געטאָן? אָבער אַזעלכע געשעענישן טרעפן דאָך נישט אייביק... און אויב אין גאַנצן דאָרף האָט בלויז ער, אַנטאָני, אַנדערש געטאָן — צי איז עס נישט קיין סימן, אַז די מענטשן האָבן פאַרלוירן יעטוועדן בונד מיט גאָט, מיט גאָטס זון? אַז נאָר דער טייוול, דער אַנטיקריסט, האָט געקאָנט ברענגען אַזאַ גיהנום אויף דער ערד, נישט אַזוי? אָבער ווער איז דאָס דער פאַרשאָלטענער טייוול, וואָס? — העטאַ! וויאָ! — נאָך אַ קאַפּיטשקעלע און מיר זיינען שוין ביים סוף... נאָך אַ קאַפּיטשקעלע... וויאָ!...

דער שליטן גליטשט זיך איצט אַרויף אויפן בערגל, דאָס פערד זינקט טיפער אַראָפּ אינעם שניי, וואָס איז מיט אַ מאָל געוואָרן בלאָלעך פונעם נידריקן הימל.

— און ווי אַזוי האָט מען געקאָנט דעמאָלט אַנדערש טאָן?... אַז אַלע זיינען זיי געשטאַנען און געבראָכן די הענט — דאָס גאַנצע יידן־געסל... דער שניידער, דער שענקער, אַפילו זייער ראַבין... אַזעלכע קלוגע לייט, אונדזערע זשידעס, און מיט אַ מאָל — אַלע פאַרלוירן דעם שכל... איי־וויי, געוואַלד! — — — טאַטעלע! מאַמעלע!... צאָ יעסט? די דייטשן מאַכן אַ געטאָ... צאָ טאַקעגאָ געטאָ? קיינער ווייסט נישט, נאָר מסתם, אַז אונדזערע יידן וויינען — ווייסן זיי שוין פאַר וואָס... און אַממיינסטן טוט ווי וואָס אונדזערע מענטשן... אפילו פרומע פויערים האָבן מיט אַ מאָל זיך אָפּגערוקט, שטייען פון דער ווייטנס מיט די הענט אויף די באָקעס... אמת, מענטשן האָבן נישט גערן צו שטיין נאָענט פון אַן אומגליק. אָבער ווי קאָן מען דאָס שטיין אַזוי גלייכגילטיק און זיך צוקוקן? זיי בעטן דאָך בלויז, די זשידעס, אַ פורמאַנקע... אַ פורל... זיי ווילן אַריין קיין וואַרשע, קיין לאָדזש... אפשר וועט דאָרט זיין בעסער... נאָר קיינער פון אונדזעריקע רירט זיך נישט פון אָרט, סוקינסינעס... דער דייטש, זאָגן זיי, קאָנפיסקירט אויפן שאָסיי פערד און וואָגן, שיקט אַוועק קיין פרייסן... ווער וויל זיך דאָס לאָזן אין וועג אַריין? צאָ פּראַוודאַ, טאַ

פראַוודאַ — טאַקע געווען גוטע און קלוגע שכנים, די זשידעס, נאָר ווער וויל דאָס אַוועקלייגן דעם קאָפּ? און ווען ס׳וואָלט געווען פּאַרקערט — מ׳יר גייען אין געטאָ אַריין און נישט זיי, ווי וואָלטן זיי, די קלוגעטשקע, געטאָן? מיטגעגאַנגען? און פּאַר וואָס האָט טאַקע דער דייטש אויסגעקליבן דווקא די יידן? אַך, יעזוסיע, יעזושענקי, סאַראַ פינצטערע וועלט ס׳איז געוואָרן!.. סאַראַ גיהנום איז אויף דער ערד... העטאַ! וויאַ!...

אַנטאַניס אויגן זעען צופיל נעפּעלעך. ער האָט נישט געדאַרפט פאָרן אַרויספאָרן נעמען אַזש צוויי טיפּע גלעזער שפּירט. אמת, ס׳איז שוין איבער צוויי שעה ווי ער שלעפּט זיך מיט דער דאַזיקער אומגליקלעכער שקאַפּע אין אַזאַ פראָסט. ניין, די געדאַנקען זיינען ביי אים קלאָרע, ווי קיין מאָל נישט. נאָר פאַר וואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, טאַנצן אַרום דעם שליטן איצט אַזעלכע קליינע, שוואַרצע יידעלעך? יידעלעך מיט משונהדיקע בערד — לאַנגע ביז צום שניי, און קורצינקע, געקרייזלטע, ווי ביי קראַנקע, פאַרעלטערטע באָקן — און אַלע לאָזן זיי נישט דאָס פערד אַ טראָט טאָן. איינער פון זיי, אַ קליינטשיקער, מיט לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע פאות, האָט זיך גאָר אין מיטן שאָסיי אַוועקגעלייגט פאָרן פערד, אויסגעשפּרייט די שוואַרצע, געשפּאָלטענע קאַפּאָטע און וואַרט ביז דאָס פערד און שליטן וועט איבער אים אַריבער. אַ צווייטער, וואָס זיין פנים איז אין גאַנצן אַ פאַרוואַקסנס און פאַרדעקט מיט האָר, פון וואַנען מען זעט נאָר אַרויס זיינע פאַרגראָבענע, גרויסע יידישע אויגן — האָט זיך גאָר פאַרטשעפּעט אין די לייצעס. ער לאָזט עס אַרויס אַזעלכע אויסטערלישע קולות פון זיין באַהאַלטן מויל און באַלד וועט ער אַרויפשפּרינגען אויפן שליטן־געזעס. ס׳איז פינצטערלעך געוואָרן. דער ווינט טראָגט־צו אַזעלכע משונהדיקע קולות פון אונטערן שניי: העי! האָ! העי!...

— וו׳ אימיען איצאָ אי סינאַ! — — —

דער פויער האָט שטייענדיקערהייט געמאַכט אין חלל אַ קרייץ און שטאַרקער אַ ריס געטאָן די לייצעס. און אויסטערליש — ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן בלאָלעך־שטיל. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, אַנטאָני, און געקוקט איבער די פעלדער. די שוואַרצע יידעלעך זיינען

ערגעץ אײנגעזונקען אינעם שנײ. דאָס פערד האָט נאָך שווערער גע־סאָפּעט; איבער אים האָבן אַזוי שטיל און פרידלעך געמיניעט גאָטס פּראָסטיקע שטערן, ווי אין אַן אויסגעהאָפּטענעם באַלדאַכין. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און זיך געחידושט וואָס די שטערן זײַנען שוין אויפגעגאַנגען. אַרום און אַרום איבער די פעלדער האָט נאָך געברענט ראָזלעך דער דעמערנדיקער האָריזאָנט. אַ שורה ווינטער־פייגל, שוואַרצע און פלינקע, האָבן פליענדיק צום וואַלד איבערגעלאָזט אין דורכזיכטיקן חלל אַ סאַמעטן שאַרכערײַ. זיי האָבן זיך געהויבן העכער און העכער, ביז אונטער די ראָזיקע וואָלקנס, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויספּיקן מיט די געעפּנטע שנאָבלען די פינקלענדיקע, גרינלעכע שטערן.

איצט געדענקט ער שוין אַלץ אַזוי קלאָר, ווי ס׳וואָלט טאַקע הײַנט געווען. כאָטש דאָס איז שוין... וויפל יאָר קאָן דאָס שוין זײַן? אפשר פיר... פיר קײלעכדיקע יאָר... זי האָט געהאַלטן, די מאַשקאָווע, אין איין שטופּן אין זײַנע קעשענעס אַ פאַרוויקלט פּעקעלע: נעם, נעם! גילדענער, האַרציקער, טײַערינקער, ליכטיקער, נעם עס, נעם! נעם ס׳צירונג — נעם אַלץ — נאָר שפּאַן איין ס׳פערד!... פיר אונדז אַרויס... אַבי אין אַ גרויסער שטאָט... גילדענער, האַרציקער, נעם ס׳צירונג אונדזערס, ראַטעווע!... און ווען מען זאָל אים עפּענען אַלע אוצרות פון דער וועלט — וואָלט ער גענומען אַ שטויבעלע? אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען געלעבט, אַ טיר לעבן אַ טיר. טאַקע יידן, אָבער וואָס זײַנען דאָס אַזוינס יידן? און וואָס איז דען אַ ייד שולדיק, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייד? שוין פיר יאָר ווי מען זעט נישט דאָ קיין ייד — נישט אין שטאָט, נישט אין דאָרף... און איך, טאַקע איך, אַנטאָני, האָב דאָך אויך געקאָנט געבוירן ווערן אַ ייד, וואָס זשע וואָלט דעמאָלט געווען? אויך: איי־ווי, טאַטעלע, מאַמעלע? — ניין! דאָס פּעקעלע דײַנס, מאַשקאָווע, באַהאַלט, ס׳וועט דיר צוניץ קומען, שווערע צײַטן גייען אויף אייך! און מאָרגן פאַר טאָג, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג, היידאַ מיטן וואָגן קיין לאָדזש! העטאָ — וויאָ! — — — —

און טאַקע אויף דעם זעלביקן שאָסיי, צווישן די הויכע, שלאָפנדיקע שניי־פעלדער, וווּ דער שליטן שלעפּט זיך איצט, געדענקט ער, אַנטאָני,

ווי זיין פורל האָט זיך געשלעפּט איבערן טראַקט. זיי זיינען צוגעקומען דעמאָלט ביז צו דער שטאָט־ראַגאַטקע. די מאַשקאָווע שטופּט אים שוין ווידער אין האַנט אַריין אַ גרויס גאָלדן רייפל. זאָל ער עס נעמען פאַר זיין מי, בעט זי זיך. און אַז ער וויל נישט — פאַלט זי איבער אים און קושט אים די אַרבל. זיי געזעגענען זיך. צוערשט זי, די מאַשקאָווע, דערנאָך — ביידע מיידלעך, ערשט צום סוף — ער, מאַשעק אַליין... ער האָט קיין מאָל נישט געוווסט, אַנטאַני, ווי אַזוי יידן קושן. מיט אַ מאָל פאַלט אויף אים אַרויף דער אַלטער און קושט אים די וואָנצן... עפּעס אַזאַ פּייכטלעכער, וואַרעמער, יידישער קוש פאַלט אַראָפּ פון אַלטנס פאַר־וואַקסן מויל... זיי דערווייטערן זיך שוין איצט מיטן געסל אַראָפּ, לעבן צמענטאַזש... אָ, נישט גוט, וואָס דער דייטש שטעלט אויף דאָס געטאָ לעבן צמענטאַזש... די מאַשקאָווע דרייט זיך אויס... קוקט... קוקט... קוקט... אַנטאַני מאַכט אויפסניי אַ קרייץ איבער זיי אין דער לופט; זאָל אייך דער פאַן יעזוס נעמען אין שוץ, ווען אייער יידישער גאָט האָט אייך פאַרלאָזן!...

— העטאַ, וויאָ!..

דאָס פערד איז פּלוצעם שטיין געבליבן. אין דער דאָזיקער שטילער שניי־ווייסקייט אויפן לאַגעוווניקער טראַקט האָט עס מער נישט געוואָלט גיין. דער אָוונט האָט דערווייל זיך וואָס אַ מאָל נידעריקער, נידעריקער אַראָפּגעלאָזט איבער דער ערד מיט זיין אויסגעהאַפּטענעם שטערן־באַל־דאַכין. אַנטאַני איז אַראָפּ פון שליטן און אין פינצטערניש גענומען גלעטן דאָס פערד איבער זיין קאַלטן, שווייסיקן רוקן. ער באַדויערט שוין וואָס ער האָט זיך געלאָזט אין אַזאַ וועטער צום גלאָקנציער פון לאַגעווניקי. מען האָט באַדאַרפט בעסער אָפּוואַרטן ביז דער פראָסט וועט אָפּלאָזן. נאָר ווי אַזוי לייגט מען דאָס אָפּ נאָכן בריוו, וואָס דער גלאָקנציער האָט געשריבן? ער האָט אים געשריבן, ניקאָדעם, אין אַ געלעגנהייט־בריוול, אַז ער דאַרף שוין האָבן קאַרטאָפל, כאָטש אַ פינף זעקלעך, און אויך אַזוי פיל קרויט. דאָס וועט אים שוין סטייען ביז איבערן ווינטער. ווי לאַנג איז עס, אַז אַנטאַני האָט אים געבראַנגט קאַרטאָפל, ריבן און קרויט? — דוכט זיך, דאָס איז געווען ווען ס'איז

גראַד געפאַלן דער ערשטער שניי... און איצט, איצט איז ערשט נישט קיין קנאַפּער חודש נאָך באָזשע נאַראָדזעניע. איינאײנציקער מענטש זאָל פאַרנוצן אַזוי פיל קאַרטאָפל און קרויט?...

דער פויער איז אויפסניי אַרויפגעשפּרונגען אויפן שליטן. ער איז געווען צופרידן וואָס דער שאָסיי גייט איצט באַרג־אַראָפּ. טיף, טיף אין דער נידער, ווו ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער טראַקט, שוין ביים סוף פון די פעלדער, האָט זיך געוויגט אַ רויט פּינטל. דאָס איז געווען דאָס פענצ־טערל אינעם קליינעם, הילצערנעם קירכעלע פון הייליקן פראַנציסקוס, אין לאַגעווניקי. ער האָט נאָך געדאַרפט מיטן שליטן פאַרבייפאָרן די שענק פון די קאַטשמאַרעקס. און דאָס האָט אים געמאַכט אי אומרויִק אי פאַרדאגהט. מען קען קיין מאָל נישט וויסן וואָס ס׳קאָן געשען בעתן אַדורכפאָרן די שענק. שטענדיק איז זי איבערפולט מיט דייטשן, פאָלקס־דייטשלעך פון וואָלין און אויך מיט פאַרדעכטיקע פּאָליאַקן. ס׳רוב זיינען אָבער דאָ די דייטשע וואַכפּאָסטנס, וואָס היטן ס׳געטאָ פון דרויסן, לעבן די דראָטן. זיי קומען אַהער אָפּטרינקען זייער ביר. זיי מוזן אַדורכגיין דאָס פעלד אויף אַ גאַנצן קילאָמעטער, אַדורכשניידן עס אין דער קווער, גייענדיק פון געטאָ־זייט. זיי טוען עס אָבער זייער גערן, וואָרעם אַרום און אַרום אויף צפון־זייט, ווו ס׳גרייכט ס׳איינגעצוימטע געטאָ, איז נישט אָנצוטרעפן קיין איינאײנציקע ביר־שענק.

די שענק פון די קאַטשמאַרעקס איז דאָ אויסגעוואָקסן פּלוצעם, ווי נאָר דער דייטש האָט אָנגעהויבן אויפשטעלן דאָס דאָזיקע אויסטערלישע יידן־פערטל. פון די אַרומיקע, קליינע הילצערנע בנינים, וואָס זיינען גע־שטאַנען זייער שיטערלעך ווי בינשטאָקן אויפן דאָזיקן קרייצוועג צווישן לאָדזשער און וואַרשעווער טראַקט, זיינען די ערדלאָזע, פּוילישע פויערים באַלד געלאָפן טיפער אין לאַנד אַריין, כדי צו זיין ווייטער פון „וואַרטע־לאַנד". דער דייטש האָט טאַקע אויך באַלד צענומען די ליידיקע, היל־צערנע פויערן־כאַטעס אויף די פעלדער הינטערן געטאָ, מתחילת האָט מען נישט געוווּסט זיינע כוונות, און דער שטח אַרום דעם יידן־פערטל איז געבליבן ליגן אַ וויסטער מיט זיינע זאַמדיקע פעלדער. דורכן לאַ־געווניקער שאָסיי זיינען וואָס אַ מאָל אַלץ ווייניקער געפאָרן די פויערישע

בוידן און דאָרף־װעגענער. מען האָט איצט געזען אַלץ מערער לויפנדיקע דײַטשע אויטאָס, וואָס האָבן זיך געגליטשט מיט אַ בייז זוזשעריי פאַרביי די צפון־פעלדער הינטערן געטאָ.

די קאַטשמאַרעקס זײַנען געווען די איינציקע, וואָס זײַנען פאַרבליבן זיצן אויפן אָרט אין זייער רויטן, איינשטאָקיקן בנין. נישט ווייט פון דאַנען, הינטערן בערגל, האָט מען געזען די ווייסע שפּיצן פונעם הייליקן פראַנציסקוס־קירכעלע. נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה האָט דער פאָטער, יאַן קאַטשמאַרעק, זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שפּרוך און אַפילו אויפן טויטן־בעט אים איבערגעחזרט פאַרן פאַרזאַמלטן בני־בית: „כדי אונדזערס אַ מענטש זאָל מאַכן אַ לעבן — דאַרף ער תמיד זיך האַלטן נאָענט בײַ יידן...״. דעם דאָזיקן שפּרוך האָבן אַדורכגעפירט אין טאָג־טעגלעכן לעבן די זין סטעפאַן און אַדאַם, די טאָכטער מאַרטאַ — און קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן פון טאַטנס צוואה. דורך אַ סך יאָרן האָבן זיי זיך אַלץ מערער דערוויטערט פון שטאָל, פון ערדישער אַרבעט און אַפילו אויפגעהערט צו פאַרזייען דאָס קליינע גערטנדל, וואָס איז געלעגן הינטערן הייזל. דערפאַר אָבער האָבן זיי געפירט כלערליי מסחרים מיט יידן, וואָס זײַנען דאָ אַ מאָל, אויפן קרייצוועג צווישן וואַרשע און לאָדזש, דורכגעפאָרן מיט זייערע הויכע לאָסט־אויטאָס, ראָל־װעגענער און גע־פּאַקטע בוידן. דאָ האָט מען פאַרקויפט, געקויפט און פאַרמעקלט אַלערליי סחורות: געהילץ און טאָרף, תבואה און לעדער, שניט־סחורות און גאָלדוואַרג, פערד, בהמות און חזירים. דער קליינער פּירקאַנטיקער הויף בײַ די קאַטשמאַרעקס איז תמיד געווען איבערפולט מיט הירזשען, כריוקען און מעקען פון שטייענדיקע בהמות. קליינע, בייזע דאָרפ־הינטלעך האָבן זיך עזותדיק געדרייט אַרום די באַשפעניש און זיי געשראָקן מיט שפּיציקע בילערייען. אין פאָדערהייזל האָט די טאָכטער מאַרטאַ פון אַ פענצטער, באַהאַלטן קעמערל געשלעפּט היימיש־געמאַכטן שפּירט, סערווירט איבער די דעמבענע טישלעך יידישע פיש און גע־שניטן גרויסע פאָרציעס געבראָטענע גענדז. יידישע באַלעגאָלעס, דאָרף־מעקלערס און ירידים־פאָרער פלעגן בעת שניי־שטורעמס דאָ אָפּזיצן צו עטלעכע טעג, געכראָפּעט אויבן אין שלאָפשטוב אויף הויכע גוייִשע,

קאַליריקע קישנס און געדאַוונט גיך אין די ווינקלען, לעבן די ווענט, וואָס זיינען געווען באַהאַנגען מיט כלערליי קריסטלעכע הייליקייטן. מאַרטאַ האָט תמיד ליב געהאַט צו דרייען זיך אַרום יידן. אירע באַקעטע, אָפענע אָרעמס און די וויגנדיקע בריסטן האָבן הייס געפּאַרעט אַרום די פלינקע, יידישע באַלעגאָלעס. זי האָט זיי געצויגן פאַר די לעדערנע קורטקעס, געפּאַטשט איבער די שוואַרצע, פאַרוואַקסענע גאָמבעס, גע־טרונקען מיט זיי שנאַפּס און אַריינגעטעמט איר הייסן, פרעמד־ווייבלעכן אָטעם אין זייערע לענגלעכע, יידישע פּנימער.

ווי נאָר אָבער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און די יידן זיינען זיך צעלאָפן, געוואָרן איינגעשלאָסן אין די געטאָס, איז ביי די קאָטשמאַרעקס געוואָרן שטיל. מע האָט מער שוין נישט געזען דאָ קיין יידיש פּנים. דער מסחר האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווען נישט דעם אַלטנס שפּרוך, וואָס האָט זיי געהייסן תמיד האַלטן זיך נאָענט צו יידן, וואָלטן זיי גראָד ווי די אַנדערע פאַרלאָזט דאָס אָרט און אַוועק טיפער אין לאַנד אַריין. קיין לעבעדיקן יידן זעט מען טאַקע נישט, אָבער מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן ווי אַזוי דאָס אַלץ קען זיך ענדיקן. ווי נאָר די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט דעם געטאָ־צוים זענען דאָ, אין שענק, געזעסן שוין אַנדערע מענטשן. ווידער איז געגאַנגען דער מסחר, שוין נישט מיט יידן, נאָר מיט זייער האָב און גוטס, וואָס איז פאַרבליבן נאָך זיי אין די שטעטלעך און דערפער. יידישע פעלצן, וועש, שיכוואַרג און צירונג זיינען געלעגן איצט איבער־פולט אויבן, אין קאָטשמאַרעקס שלאָפשטוב. כאָטש ס׳איז נישט געווען דאָ אַזוי טומלדיק ווי אַמאָל, האָט מאַרטאַ ווי פריער געגאָסן בראָנפן, געשניטן חזיר־פלייש און געציילט דייטשע מאַרקן אויף די הענט פון פאַלקסדייטשלעך, שמוגלערס און כלערליי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. אַנומלט האָט זיך אַפילו דאָ, אין אַ ליידיק פעסל פון קרויט, וואָס איז געשטאַנען אין שטאַל, אויסבאַהאַלטן אַן אַנטלאָפענער פון געטאָ. דער אויסבאַהאַלטענער האָט לחלוטין נישט אויסגעזען ווי אַ ייד. ער איז דאָ בלויז געווען אַ פאַר שעה און — איבערגעלאָזט אַ גאָלדן־זייגערל, אויס־געזעצט מיט בריליאַנטן. זי טראָגט עס אַפילו נאָך איצט, מאַרטאַ, נאָר ס׳האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו גיין. אין דער גרויסער שלאָפשטוב,

וואָס איז געווען איבערפולט מיט די יידישע זאַכן, איז געהאַנגען אַ גרויד־סער פּאָרטרעט פון אַלטן יאַן קאַטשמאַרעק. זיינע אָפענע, בלאָלעכע אויגן האָבן אַראָפּגעקוקט אויפן אָנגעזאַמלטן האָב און גוטס און תמיד, בעת מאַרטאַ האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט, האָט זי נישט געקאָנט נישט וואַרפן אַ בליק צום גרויסן פּאָרטרעט. אירע ליפּן האָבן שיער נישט פון זיך אַרויסגעגליטשט דעם טאַטנס אַמאָליקן שפּרוך. מען קאָן נישט זאָגן, אַז דער טאַטע איז געווען אומגערעכט... נאָר נאָענט לעבן יידן... אַפילו לעבן געטאָ... אַפילו לעבן געטאָ...

די שמועה וועגן די קאַטשמאַרעקס שענק האָט זיך געטראָגן ווייט איבער די גרענעצן פון לאַגעווניקער פּאָוויאַט. פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך, פון די פּאַרלאָזנסטע דערפער, ווו ס'האָט נאָר אַמאָל געלעבט אַ יידישע משפּחה, האָבן דאָ געצויגן צו די קאַטשמאַרעקס פּאַרדעכטיקטע פּאַרשוינען. זיי האָבן דאָ אָפּגעזעצט די כלערליי סחורות און שטוב־זאַכן, וואָס יידן האָבן ערגעץ ווו געהאַט אויסבאַהאַלטן און געהאַפט זיי אָפּצונעמען נאָך דער מלחמה. דאָס אַלץ איז געגאַנגען ווי אַ סודותדיקער, שוואַרצער טייך, וואָס זאַמלט צונויף זיינע זייטיקע ריטשקעלעך, כדי לסוף זיך אַריינצוגיסן אינעם רויטן בנין פון די קאַטשמאַרעקס. אויב ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף די קאַטשמאַרעקס און מיט האַס זיך אָפּגעווענדט פון זיי — זיינען עס געווען די, וואָס האָבן נאָך רויק געקענט ציען זייער חיונה צי פון ערד, צי פון מלאכה, צי גאָר אַזעלכע, וואָס דער דאָזיקער בייזער שטראָם האָט זיי נישט מיטגעריסן. גרויס איז געווען די צאָל פון די, וואָס האָבן פּלוצעם, ווי נאָר דער דייטש איז אַריין, אָנגעוווירן זייערע יידישע באַלעבאַטים, ביי וועמען זיי האָבן געאַרבעט און פאַרדינט אויף חיונה. און כאָטש זייערע יידישע באַלעבאַטים זיינען שוין לאַנג געזעסן הינטער פאַרצוימטע געטאָס — האָבן די אויסבאַהאַל־טענע יידישע מלבושים, סחורות און צירונג נאָך לאַנג זיי גענערט דורך לאַנגע, לאַנגע חדשים.

אַנטאַני האָט וועגן דעם אַלץ געוווּסט. ער איז געווען פול מיט אומרו וואָס נעענטער דער שליטן האָט זיך צוגעגליטשט צו דער שענק. זיי קאָנען טאַקע אַרויס, איינהאַלטן דעם שליטן. פאַר וואָס עפּעס אַזוי פיל קאַרטאָפל?

און פאַר וועמען? און וואָס עפּעס דווקא אין טונקל־שעה? צי איז עס נישט אַ מאָל טאַקע פאַר זיי — פאַר די יידן? ער האָט שוין געוואָלט אָפּשטעלן ס'פערד, בעת דער שליטן האָט זיך גראָד באַרג־אַראָפּ פאַרבייגעטראָגן לעבן דער שענק. הייזעריקע קולות, אויסגעמישט מיט דינע קלאַנגען פון אַ האַרמאָניקע, האָבן זיך געריסן דורך די פענצטער. אין דער טונקלקייט האָט ער דערזען ווי די שענק־טיר האָט זיך פּלוצעם געעפנט. אַ געדיכטע, ווייסלעכע פּאַרע האָט זיך געזעצט אויפן וועג. זי איז געבליבן הענגען אין דער פינצטערניש ווי אַ לאַנגע, ווייסע שטריק. אין דער רגע האָט זיך דער שליטן פאַרקירעוועט אויף לינקס. דער שוואַרצער לאַגעווניקער וואַלד האָט אים פאַרדעקט מיט זיינע שיטערע, געפרוירענע נאָדל־ביימער. אַנטאָני האָט געמאַכט אַ קרייץ איבער זיך און דערנאָך צונויפגעביילט די פויסטן. דאָס פערד איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, בעת אַנטאָני האָט געהאַלטן אין איין צישן צווישן די ציין:

— ווי סדום וועט איר אונטערגיין! ווי סדום וועט איר אָפּגעשוועבקט ווערן! ווי סדום, ווי סדום, ווי סדום!...

דער לאַגעווניקער וואַלד איז איצט געוואָרן אַלץ שיטערלעכער. ביי די זייטן פון די נאָדל־ביימער און אַרום זייערע וואָרצלען איז מער נישט געלעגן קיין שניי. די ערד איז געווען שוואַרץ, נאַקעט און קלעפּיק. ער איז אַראָפּ פון שליטן און געלאָפן די פאָר צענדליק טריט. זיינע פויערישע שטיוול זיינען ווייך געזונקען אין דער קלעפּיקער וואַלד־ערד. נישט ווייט פון דאַנען האָט אַהערגעווונקען אַ שמאָל אָנגעצונדן ליכט פון הינטער אַ פענצטערל. דער גלאָקנציער פון לאַגעווניקי האָט אויף אים שוין געוואַרט. ער איז גאַנצע שעהען נישט אָפּגעטראָטן פון פענצטערל און געקוקט אומרויק צו די שוואַרצע נאָדל־ביימער אויפן ראַנד פון לאַגעווניקער וואַלד. זיין געהער איז געווען שאַרף ווי ביי אַ וואַלד־חיה. זיינע אַלטע נאָז־פליגל האָבן שוין אויפגענומען דעם אָנקומענדיקן פרילינג. דער פוילישער פרילינג איז איצט געגאַנגען פון דער אָפּגעדעקטער שוואַרצער וואַלד־ערד, פון די דינע, אַראָפּהענגענדיקע צווייגן, פון די לייכט־פאַרשנייטע נאָדל־ביימער און פונעם באַהאַלטענעם גערויש פון די שמעל־

צנדיקע שניי־שטראָמלעך. זיי, די שניי־שטראָמלעך, האָבן טיף אין וואַלד, אונטערן צודעק פון אַ נאָך גראָען פאַרפאַנצערטן וואַלד־הימל, שוין זיך געריסן צווישן די פליוש־פאַרמאָכיקטע וואָרצלען ווי אַ באַהאַלטן, פרום געזאַנג פון געפאַנגענע פייגל.

## קאַפּיטל זיבן

# דער גלאָקנציער

דער גלאָקנציער פֿון לאַגעווניקי, ניקאָדעם זאַלוצקי, איז שוין געווען אַ זקן. דאָס הילצערנע קירכעלע פֿון הייליקן פֿראַנציסקוס פֿון אַסיזש, וואָס ער האָט באַדינט פֿון די יוגנט־יאָרן אָן, איז דורך אַ סך אָפּפֿליסנדיקע דורות געוואָרן נידעריקער, פֿרוכנעוואַטער און ביסלעכווייז זיינע הילצערנע פֿאַסאַדעס מיטן גרין־לייכטנדיקן שימל געזונקן אַלץ טיפֿער אין דער ווייכער, לאַגעווניקער ערד. דאָס קירכעלע האָט געטראָגן הויך אויף זיך צוויי הילצערנע, פּירעקיקע, שוואַרצע טורעם־דעכלעך, וואָס האָבן דער־שראָקענע אַראָפּגעקוקט אין טאָל אַריין און אויסגעזען ווי אַרויפֿגעזעצטע תּפֿילין. אונטער די דאָזיקע טורעם־דעכלעך האָבן זיך געהאַלטן די צוויי אַלטע, רויט־מעשענע גלאָקן. לאַנגע, געפֿלאָכטענע שטריק האָבן פֿון זייערע מעשענע, ברייטע חללס זיך געצויגן ביז אַראָפּ צו דער ערד. קייגנאיבער אויפֿן פֿעלד, ווו ס'האָבן זיך תּמיד געוויקלט אַזעלכע גראָלעך־זילבערנע נעפּלען אינעם חלל, איז שוין געלעגן דער צפֿון־טייל פֿון שטאָט מיטן געטאָ־פּערטל. נידעריקער מיטן פֿעלד אַראָפּ האָבן זיך געצויגן אין אַ האַלבן קרייז די ציגלנע, רויטע ווענט פֿונעם געטאָ־בית־עולם. פֿון אויבן, פֿון די שוואַרצע אויפֿגעהויבענע טורעמלעך, האָט מען געקענט זען די קייגנאיבערדיקע געטאָ־פֿעלדער, די אומצאָליקע טויטן־בערגלעך און טייל מאָל אויך — מחנות יידן, וואָס האָבן אָן אויפֿהער געגראָבן און געגרייט דאָס שמאָלע, ערדישע געלעגער פֿאַר זייערע פֿאַרשטאָרבענע.

נאָך דעם ווי דער דייטש האָט אַלע ווינהייזלעך אין לאַגעווניקי באַפֿוילן אָפּצורוימען און די פּויערים איבערגעפֿירט אין אַנדערע דערפֿער, איז אויפֿן ליידיקן שטח הינטערן געטאָ בלויז שטיין געבליבן דאָס קיר־

כעלע פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזש. פון זיינע פאַרשטויבטע, קאַלטע פענצטער־וויטראַזשן האָבן פון דרויסן אַראָפּגעקוקט אין דער פעלד־ליידי־קייט כלערליי קירכלעכע הייליקע מיט פרום־פאַרבויגענע, טרויעריקע פּנימער, מיט יידיש־געפלאָכטענע בערד און מיט זון־רייפלעך אַרום זייערע נאַקעטע, אויסגעגאָלטע קעפּ. די דאָזיקע הייליקע, אַ טייל מיט לאַנגע, געבויגענע שטעקנס אין די הענט, אַ טייל אַרומגעהילטע אין קאַלירטע טור־ניקעס און מיט אָפענע, געלעכערטע סאַנדאַלן אויף זייערע נאַקעטע, ביינער־דיקע פיס, האָבן טרויעריקע אַראָפּגעקוקט צום ליידיקן שטח, צו די איינ־געלייגטע פויערישע הייזלעך און צו די דרויסנדיקע, רויטע ווענט פון געטאָ־בית־עולם. זיי האָבן אויסגעזען טייל מאָל, די הייליקע, בעת די זון האָט זיך געזעצט הינטערן לאַגעווניקער וואַלד, ווי לעבעדיקע געשטאַלטן פון אַרומוואַנדערנדיקע גילגולים. אויף די וויטראַזשן האָבן זייערע מידע פּנימער געברענט מיט רויטע פלעקן פון דער אונטערגייענדיקער זון. זיי האָבן זיך געגרייט אַראָפּצוגיין פון זייערע איינגעקאָוועטע פענצטער־פראַ־מוגעס, אויסגעצויגן פאַר זיך זייערע הויכע, געבויגענע פאַסטעך־שטעקנס און מיט די דינע געלעכערטע האָלץ־סאַנדאַלן האָבן זיי געגרייט זיך גיין, בעת די גלאָקן האָבן זיי באַגלייט, אונטער דעם דעמערנדיקן הימל, מיט אַ לאַנגן, אימהדיקן געקלאַנג.

פאַר וואָס דאָס קירכעלע פון הייליקן פראַנציסקוס איז יאָ שטיין גע־בליבן דאָ — האָט מען זיך דערוווּסט אַ סך, סך שפּעטער. מע האָט געוווּסט, אַז טאַקע צוליב דער ביר־שענק פון די קאַטשמאַרעקס און דער עיקר צוליב מאַרטאַן האָבן די דייטשן דאָ געלאָזט שטיין דעם קליינעם קירכע־בנין. סיי ווי איז אין אַ ברייטן קרייז אַרום געלעגן נאָר וויסט פעלד, ס'האָבן בלויז אַרויסגעסטאַרטשעט די נידעריקע שטיינערנע פאַסאַדעס פון די איינגעלייגטע, פויערישע הייזלעך, אַזוי, אַז די דייטשע וואַכפּאָסטנס האָבן גאָר גרינג געקאָנט אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָטן, וואָס וואָלט זיך נאָר באַמיט אַרייך־ אָדער אַרויסצושלייכן פון די צפון־פעלדער הינטערן געטאָ.

כאָטש אַרום און אַרום, אויף די צפון־פעלדער הינטערן געטאָ, זיינען שוין עטלעכע יאָר נישט געשטאַנען קיין בנינים און איבער זייערע זאַמדן האָט מער נישט געטראָטן קיין מענטשלעכער פוס, זיינען נאָך לעבן די

אויפגעריסענע פונדאַמענטן געשטאַנען די שיטערע הויז־געריטנדלעך. אַלטע עפל־ און באַרנע־ביימער, הונדערטיעריקע פוילישע דעמבעס, אַרומגעצ־רינגלט מיט צעריסענע פלויטלעך, פלעגן זיך פרילינג־צייט באַשיטן מיט אַ ציטערדיק אויבס־בליעכץ. מיט דינע, דורכזיכטיקע בלעטער און אויף זייערע קרוינען פלעגן זיי גרייטן, צווישן שיין־געהעקלטע צווייגן, די נעסטן פאַר פוילישע פייגל. אַ גאַנץ יאָר פלעגן פאַרבלאָנקעטע, דאָרפישע הינט זיצן אויף צעריסענע שטוב־שוועלן, לעבן קופּעס אָנגעוואָרפענע ציגל, וואָס זיינען אַ מאָל געווען אַ פויערישע הרובע אָדער שטאָל. זיי פלעגן הונגעריקע נישטערן צווישן די איינגעלייגטע קוימענס און אָפענע קעלערן, אָנגעפילטע מיט אַלטע רעגנס, וואָס האָבן קיין מאָל נישט אויסגעטרוקנט אין דער פינצטער. טייל מאָל — פלעגן זיי אויפשפּיצן די אויערן, שאַרף און מיט חשד זיך צוהערן צו געדעמפטע, פאַרדעכטיקע קולות. די קולות זיינען געגאַנגען טייל מאָל פון די געטאָ־פעלדער און טייל מאָל פון די ווייטע שוואַרצע גלאָקן־טורעמלעך אויפן פראַנציסקוס־קירכעלע. ס'איז געווען פאַר זיי אַ חידוש: אין דער דאָזיקער אוממענטשלעכער לײדיקייט האָבן זיך געוויגט די גלאָקן, שווער און הויל, געעגבערט דעם הימל מיט דורכדרינג־לעכע מעשענע קלעפּ, ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט שפּאַלטן און אַראָפּציען נידעריקער, נידעריקער צו דער ערד.

און כאָטש אין שכנות פון הייליקן פראַנציסקוס־קירכעלע האָבן מער שוין נישט געוווינט קיין מענטשן, פלעגט פון דעסטוועגן דער גלאָקנציער נישט אַדורכלאָזן קיין איינאיינציקן טאָג, אַז ער זאָל נישט אַרויסגיין אויפן הייפל, אָננעמען מיט ביידע הענט די אַראָפּהענגענדיקע געפלאָכטענע שטריק און לאַנג קלינגען אין די מעשענע טורעם־גלאָקן. ער האָט עס געטאָן גראָד ווי אַנומלט, אין יענע גוטע יאָרן, בעת דער פּראָבאָשטש יאַנקאָווסקי איז נאָך געווען דאָ באַלעבאָס און אויך שפּעטער, נאָך דעם ווי דער דייטש האָט דעם פּראָבאָשטש ערגעץ ווו אַוועקגעפירט און ביז היינט ווייס מען נישט ווו זיין געביין איז.

דאָס אימהדיקע גלאָקן־קלינגעריי אויפן ליידיקן שטח, הינטער די געטאָ־פעלדער, איז פאַרן אַלטן גלאָקן־ציער געוואָרן ווי אַ הייסע, עקשנות־דיקע תפילה, אַ רוף, וואָס ער האָט געשיקט פון ליידיקן פּראַנציסקוס־קיר־

בעלע ערגעץ איבער די לאַגעווניקער וועלדער אין דער ווייטער וועלט אַריין. ער האָט געוווסט, אַז סיי ווי וועט קיינער דאָ נישט אַהערקומען, אַז די צעפּיצלטע קלאַנגען צעפליסן זיך איבער די שיטערע נאָדל־וועלדלעך, אַז זיי פאַלן אַריין דערנאָך אין די טונקל־גרינע אָזערעס, וואָס שלאָפן אין די לאַגעוווניקער וואַלד־טיפענישן, כדי שפּעטער אָנצושלאָגן זיך, ווי אויפגעוועקטע, מידע וואַלד־פייגל, אין די רויטע ווענט פון געטאָ־בית־עולם. ס׳רוב האָט ער לאַנג, לאַנג נישט אַרויסגעלאָזט די שטריק פון זיינע הענט אָונט־צייט, בעת די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַן אָוונטיקע גלאָקן־תפילה אין זיין אָפּגעזונדערט לעבן, וואָס ער פלעגט תמיד פאַרן שלאָפנגיין צעוויגן איבערן הייפל. ער פלעגט טייל מאָל זיך אויפכאַפּן אין מיטן נאַכט אין קליינעם קירכע־אַלקערל און לאַנג זיצן אויף זיין אַלטן, בזירישן געלעגער. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פלעגט ער זיך צוהערן צו דער שטילקייט. ער האָט באַשיימפּערלעך געהערט ווי אין דער שטילקייט ציט זיך אַ נישט־מענטשלעכער, דינער יאָמער, אַ לאַנג־צעצויגן ווייבלעך קול, וואָס איז געגאַנגען איבער די פעלדער פון געטאָ־זייט. נאָכט נאָך נאַכט האָט די שטילקייט געוויינט. דער גלאָקנציער פלעגט אַרויסנעמען דעמאָלט די הייליקע שריפט, וואָס איז געלעגן אונטערן קישן, און געגומען פאַריאָגן דאָס שטילקייט־געוויין מיט לאַנגע פּסוקים־מורמלעריי, וואָס מאַכן לייכטער די נעכט פון פאַרלאָזענע, אַלטע מענטשן. אפשר באַגראָבן די יידן קייגנאיבער איצט זייערע טויטע? אפשר קלאָגן אַזוי די נשמות פון די יידן? און אַז די נאַכט־שטילקייט האָט אָן אויפהער אַזוי דין און פאַרכטיק ווידער געכליפּעט — פלעגט ער דעמאָלט אַראָפּ פון געלעגער און אַרויס אויפן הייפל. ער האָט אָנגעהויבן צו וויגן די גלאָקן, כדי מיט זייערע מעשענע קולות צו פאַרטרייבן דאָס אַנגסטיקע, פרעמדע, יידישע נאַכט־געיאָמער. אין דער פינצטערניש האָבן די גלאָקן געקלונגען שאַרפער ווי ביי טאָג. ער האָט געוואָלט באַגלייטן מיט זיין גלאָקן־קלינגעריי די קבורה, וואָס איז אין מיטן נאַכט אוודאי פאָרגעקומען קייגנאיבער. צו דער קבורה זיינען איצט געקומען פון די טיפע לאַגעווניקער וועלדער אַלע הייליקע, וואָס זיינען געשטאָרבן פאַר פוילן. ס׳זיינען געגאַנגען גלחים און ערד־אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און פאַסטעכער און אין די פאָדערשטע רייען — זיי, די יידן אין

זייערע אומעטיקע, שוואַרצע קליידער, אין לאַנגע געקרייזלטע בערד, ווי די מאַנאַכן. דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעקליבן דאָ לעבן אים, אויפן קירכע־הייפל, אַרומגערינגלט דעם גלאָקן־טורעם און צוגעהאָרכט זיך, ווי ער, דער גלאָקנציער, צעוויגט פון די גלאָקן דעם אָ סודותדיקן ווינט איבער דער מחנה ווי אַ שפּרוך פאַר טויט־באַשווערער. אָבער דאָס וואָיענדיקע קול האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו קלאָגן אַפילו בעתן פינצטערלעכן נאַכט־געקלאַנג פון די גלאָקן. טייל מאָל איז עס געווען שפּיציק און שאַרף, איבערהילכנדיק דאָס מעשענע גלאָקן־קלינגעריי מיט טויזנטער באַהאַלטענע נאַכט־גלאָקן אין דער פינצטערניש, ווי אַ הילכיקע, רויע שטים פון אַ פאַרבאָרגענעם, טרויעריקן גאָט. און אַז דער גלאָקנציער האָט אָפּגעלאָזט פון זיינע הענט די אַראָפּהענגנדיקע שטריק, איז דאָס וויינענדיקע פרעמדע קול געווען אַזוי נאָענט ווי ס׳וואָלט אַן אונטערגעשאָסענע, פאַרוווּנדיקטע סאַרנע דאָ געלעגן און גערעוועט ביים וואַלד־ראַנד. ער האָט געצויגן מיט די גלאָקן אַזוי לאַנג ביז הויך אין די וואָלקנס, איבער ביידע שוואַרצע טורעמלעך, האָט זיך געשטעלט אַ שטיל, אָפּגעדעקט לבנה־פּנים. דאָס פּנים האָט רחמימדיק אַראָפּגעקוקט דאָ צו אים, דערנאָך געשווומען איבער די געטאָ־פעלדער מיט גרויסע, פאַרגליווערטע, טרערן־פלעקן אין די אויגן־ווינקלען. ווער ווייס — צי איז נישט אַ מאָל אויפגעשטאַנען פון איר יענערוועלטיקן קבר זייער הייליקע מאַטקאַ ראַכעל, די פון דער הייליקער שריפט, וואָס איז געקומען באַקלאָגן אַלע אירע יידן־קינדער — קייגנאיבער? — — —

דאָס קלינגען אין מיטן נאַכט פון די גלאָקן האָט נישט איין מאָל אַרויס־געיאָגט די דייטשן פון דער שענק. זיי איז געווען אויסטערליש און מיט חשד דאָס ביינאַכטיקע קלינגען פון גלאָקנציער. צי איז עס נישט אַ מאָל אַ צייכן פאַר אַ בונט? צי איז עס נישט אַ מאָל אַ רוף צו אַ יידן־אויפשטאַנד קייגנאיבער? זיי פלעגן אַרויס פון שענק און שיכורעהייט אין דער פינצטער שיסן גלייך אין די טורעמלעך. זיי פלעגן אויך אַרויפשיסן צו דער לבנה, וואָס איז געהאָנגען איבער די שוואַרצע גלאָקן־טורעמלעך, ביז דאָס קלינ־געריי האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט און צעפּיצלטע, פאַרוווּנדיקטע קלאַנגען האָבן זיך געקאָלערט הינטער די צפון־פעלדער. דעם גלאָקנציער האָט זיך אַפילו אויסגעוויזן, אַז אויך די לבנה איז פאַרוווּנדיקט געוואָרן אין

איר פּנים, ווייל דער גרוילעכער טרערן־פלעק האָט זיך פּלוצעם פאַרוואַנדלט אין אַ ראָזלעכן, שיטערן בלוט־פלעק מיט דינע פאַרגליווערטע שנירלעך.

זינט אָבער יענער אויסטערלישער נאַכט מיטן פרעמדן האָט דער גלאָקנציער אַלץ וויניקער געצויגן די לאַנגע, געפּלאָכטענע שטריק פון שוואַרצן טורעמל. ער פלעגט איצט אָן אויפהער נאָכטראַכטן וועגן דעם משונהדיקן פאַל מיטן פרעמדן מענטשן. זייער אָפט פלעגט ער זיך פאַר־קירעווען צום קליינטשיקן, הילצערנעם אַלטאַרל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון קירכעלע און זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט אויף די קני, אויף אַן אַלט, אויסגעריבן טעפּיכל. פון דאָזיקן טעפּיכל איז דער גלאָקנציער נישט אָפּגע־טראָטן גאַנצע טעג. זיינע אויגן זיינען געווען אָן אויפהער אויפגעהויבן צו אַ גרויסער, געשניצטער מענטשלעכער פיגור, אויף אַ רויען, הילצערנעם קרייץ. די דאָזיקע מענטשלעכע פיגור איז געהאָנגען זייער, זייער נידעריק און כמעט אָנגערירט מיט אירע נישט־געהובלטע גרוילעכע פיס־ביינער דעם דיל. און אפשר דערפאַר האָט די דאָזיקע פיגור אויסגעזען ווי זי וואָלט נישט געווען צוגענאָגלט צום קרייץ נאָר געשטאַנען אין דער לופט מיט אירע צע־שפּרייטע הענט, בעת די פיס־פינגער האָבן קוים דערגרייכט די דיל־ברע־טער. קניענדיקערהייט האָט דער גלאָקנציער לייכט געקאָנט מיט זיינע ליפּן אָנרירן אירע אויסגעקרומטע, הילצערנע פיס־פינגער. אין קירכעלע איז תמיד געהאָנגען אַ קילע טונקלקייט ווי אין אַ קאַטאַקאָמבע מיט אונטער־ערדישע קברים. די אייל־לעמפּלעך האָבן שוין לאַנג נישט געברענט אין די ווינקלען. הינטער דער דאָזיקער גרויסער מענטש־פיגור אויפן קרייץ, בעבנ־טער צום פענצטערל, איז געשטאַנען אַ צווייטע נידעריקע פיגור, געקנאָטן פון טונקעלן גיפּס — די געשטאַלט פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזש. זיין רעכטע האַנט, וואָס איז געווען אויסגעשטרעקט פאַר זיך, איז געווען אָפּגעהאַקט ביז צו דער העלפט ביים אָרעם־געלענק און זיך געקרישלט. דאָס איז געקומען פון אַ דייטשער קויל, וואָס האָט אַנומלט פאַרבלאָנדזשעט דורכן קירכע־פענצטערל און אָפּגעהאַקט אין דער העלפט די אויסגעשטרעק־טע, בענטשנדיקע האַנט פון הייליקן פראַנציסקוס. די דאָזיקע אָפּגעהאַקטע דאַרע האַנט מיט אירע צעשפּרייטע, געלבלעכע פינגער האָט דער גלאָקנ־ציער איצט געהאַלטן ווי אַ קמיע ביי זיך אויפן טישל איבערגעדעקט מיט אַ

טישטעכל. ער פלעגט טייל מאָל אונטערהייבן דאָס טישטעכל, אַרויפֿלייגן זיין אַלטע האַנט איבער די קרישלנדיקע גיפּסענע פינגער און דערביי פלעגט ער עפּעס מורמלען מיט די ליפּן. די גיפּסענע פינגער זיינען אין צווישן געוואָרן נאָך דינער, איינגעפאַלענער, נאָר בלויז אונטער די נעגל, וואָס זיינען געווען באַמאָלן מיט אַ העלערער קאָליר, איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן אַ סודותדיקער רויטלעכער פלעק ווי פון שטיין־געבליבן בלוט.

ער קאָן אָבער ביז היינט נישט פאַרגעסן, דער גלאָקנציער, יענע אויס־טערלישע נאַכט ווען דער פרעמדער איז דאָ אַריינגעפאַלן אין קירכע־קאָרידאָרל. ערגעץ ווו ביי די געטאָ־דראָטן האָבן געהילכט שאָסן. דער פרעמדער איז געווען אַ יונגער מענטש, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר און מיט בהלהדיקע, יידישע אויגן. זיינע האָר זיינען געווען געקרייזלטע, לענג־לעכע, בעת זיין שטערן און דאָס גאַנצע פנים זיינס איז געווען ענלעך צום פנים פון הייליקן פראַנציסקוס. ער האָט זיך געוואָקלט אויף די פיס און דאָס דינע רעקל איז געווען אויף אים צעריסן. בלויז די אויגן האָבן פון זיין טויט־בהלהדיק פנים געבעטן מענטשלעכע דערבאַרעמונג. ער איז אַריינגע־פאַלן, דער פרעמדער, ווי אַ געשפּענסט פון אַן אַנדערער וועלט. ס'איז געווען אַ סכנה אויסצובאַהאַלטן דעם פרעמדן. זיינע אויגן זיינען געווען אָבער איבערפול מיט תחנונים אין יענער רגע, אַז דער אַלטיטשקער האָט לחלוטין פאַרגעסן אין דער סכנה. ס'איז נישט געווען קיין שום ספק ווער דער פרעמ־דער איז. ער האָט אים דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט אינעם פינצטערן דיל־לאָך אונטערן אַלטאַר און אַליין האָט ער זיך גיך אָוועקגעוואָרפן אויף די קני אויפן טעפּיכל, וואָס פאַרדעקט דעם דיל־קעלער. אַ גאַנצע נאַכט איז דע־מאָלט דער גלאָקנציער נישט אויפגעשטאַנען פונעם אויסגעריבענעם טע־פּיכל, נישט אָפּגעטראָטן פונעם געקרייציקטן מאַן איבער זיך און פונעם פרעמדן, וואָס איז געלעגן אפשר שוין אַ געשטאָרבענער אונטערן דיל. זיינע ליפּן האָבן אַ גאַנצע נאַכט, ליגנדיק אויף די הילצערנע פיס־פינגער פונעם געקרייציקטן, נישט אויפגעהערט צו מורמלען:

— זון הימלישער! וואָס דו שטאַמסט פון אברהמען און פון דודן — ראַטעווע אים! ביסט דאָך אויך אַ ייד!... ראַטעווע דיינס אַ ברודער!... ראַטעווע אים!...

און אפשר איז טאַקע דעמאָלט געשען אַ נס. וואָרעם אַנדערש קאָן ער זיך דאָס נישט אויסטייטשן. די דייטשן האָבן אַרומגענישטערט איבערן פינצטערן הייפל, דערנאָך זיינען זיי געלאָפּענע אַדורכגעגאַנגען דאָס קיר־כעלע. זיי זיינען אַריינגעקומען דעמאָלט ווען דער גלאָקנציער איז שוין געלעגן אַ קניענדיקער אונטערן אַלטאַר. זיי זיינען דעמאָלט לאַנג געשטאַנען און שאַרף און חשדיק אַנגעקוקט די גרויסע, הילצערנע פיגור אויפן קרייץ. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום איר פון אַלע זייטן, דערנענטערט זיך צו איר און אַפילו אַ טאָפּ געטאָן אירע געהובלטע פיס־ביינער, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ חשד, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער אַנטלאָפענער, וואָס האָט זיך עפּעס דורך אַ געהיימען יידישן כישוף פאַרוואַנדלט אין דאָזיקן טויטן, נאַקעטן פאַרגליווערטן מענטשן אויפן קרייץ.

אָבער דאָס, וואָס דער גלאָקנציער האָט געטאָן צומאָרגנס, ווען דער פרעמדער איז געלעגן אונטן, אין קעלערל, און נישט געגעבן קיין שום סימנים פון לעבן — דאָס קאָן אים ביז היינט נישט געבן קיין רו. ער ווייס נישט צי האָט ער גוט געטאָן. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער אופן ווי אַזוי ראַטעווען דעם פרעמדן. ס'וואָלט דאָך געווען פיל ערגער ווען דער פרעמדער שטאַרבט אונטן אין קעלערל. ווו וואָלט ער דעמאָלט אַהינגעטאָן דעם טויטן? ער איז שוין געווען זיכער, אַז דער פרעמדער איז אונטן פאַר־פרוירן געוואָרן פון קעלט, וואָרעם ס'איז גראָד געגאַנגען אַ שאַרפער, ווייסלעכער פראָסט פון לאַגעווניקער וואַלד. און אַרויספירן אים פון קעלערל איז אויך געווען אַ סכנה. גאָט וועט אים מוחל זיין די זינד, גאָט וועט אים מוחל זיין — וואָס ער האָט צום פרעמדן אין קעלערל אַריינגע־וואָרפן די צוויי גרויסע פלאַשן מיטן הייליקן קירכע־וויין. די דאָזיקע וויין־פלאַשן זיינען דאָך שוין יאָרן געשטאַנען נישט גערירט. צי וועט ער מיט עפּעס אויסקויפן די גרויסע זינד אַנטקעגן דעם הייליקן ווייַן? — — —

זינט יענער נאַכט מיטן פרעמדן, האָבן די דייטשן אַלץ מערער אָנגע־הויבן אַריינקוקן אין קירכעלע. ס'איז נישט געווען קיין איין טאָג, אַז ס'זאָלן זיך דאָ נישט באַווייזן די פון דער שענק. ווי נאָר ס'האָבן זיך דערהערט שטיוול־טריט אויפן פעלד פלעגט דער זקן זיך אַוועקוואַרפן אויפן טעפּיכל און אָנהייבן תפילה טאָן הויך אויפן קול. ער פלעגט אויפ־

הערן ערשט דעמאָלט, ווען אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן. צוויי מאָל אין מעת לעת, פאַר טאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען פינצטערלעך און אין מיטן נאַכט, פלעגט דער גלאָקנצײַער אַוועקוויקלען דאָס אויסגעריבענע טעפיכל, אונטערגעהויבן דאָרט אַ ברעט און אין דער פינצטערער עפענונג אַראָפּגעלאָזט אַ שיסל געקאָכטע קאַרטאָפל אין די שאָלן. אַ געלע ביינערדיקע האַנט פלעגט זיך דעמאָלט פאַוואָליע אויפהייבן פון דער אונטערשטער פינצטערניש און באַלד פאַרשווינדן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט דערלאַנגט דעמאָלט דאָס געקעכטס אין אַ קבר אַראָפּ. דאָס איז נישט אַנדערש נאָר די האַנט פון אַ טויטן, וואָס הייבט זיך אויף פון זיין טויט־געלעגער בעת תחית־המתים. אַנומלט האָט ער זיך אַפילו דערשראָקן ווען די דאָזיקע קאַלטע, טויטלעכע האַנט האָט פלוצעם אָנגערירט זיינע פינגער און לאַנג, לאַנג נישט געוואָלט זיי אַרויסלאָזן פון איר טויטלעכער האַנט־פלאַך. אַנומלט ווידער האָט זיך דעם גלאָקנצײַער אויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי טאַקע די אָפּגעהאַקטע האַנט פון הייליקן פראַנציסקוס, וואָס האָט זיך דאָ פאַרגראָבן אין קעלער־פינצטערניש. ער פלעגט דעמאָלט גיך אַריינלויפן צו זיך אין חדרל און אויפהייבן דאָס איבערגעוואָרפענע טישטעכל. ניין, די אָפּגעהאַקטע האַנט פון הייליקן פראַנציסקוס איז געלעגן אַ פאַרגליווערטע, אַ טויטלעכע אין איר גיפּסענעם אויסגעלאָשענעם דרימל. בלויז די פינגער — די פינגער האָבן זיך אַ ביסל אויסגעגלייכט ביי זייערע פאַרקרימונגען און געבויגענע געלענקען ווי זיי וואָלטן וועלן אַרומנעמען עמעצנס אַן אויסגעשטרעקטע האַנט־פלאַך איבער זיך.

## קאַפּיטל אַכט

# דער פרעמדער

ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער מענטש, וואָס איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין קעלער אונטערן אַלטאַר, איז גאָרנישט געווען קיין אַנטלאָפענער פון געטאָ. ער איז טאַקע געווען אַ ייד, נאָר געקומען איז ער פון גאָר ערגעץ אַנדערש, פון זייער ווייט. ווי נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן אַרום קירכעלע פון לאַגעווניקי, האָט זיך דער גלאָקנצייער אַראָפּגעלאָזט אינעם שמאָלן קעלער. ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן פרעמדן, וואָס איז געלעגן ווי אַ זאַק צונויפגעקנוילט אין דער פינצטער. דער זקן האָט לאַנג נישט געקאָנט אויסגעפינען דעם פרעמדנס פנים. די אונטערשטע פינצ־טערניש איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט קעלער־שימל און נאַכט־פראָסט. ער האָט אויך לאַנג געמוזט זוכן דעם פרעמדנס האַנט און לסוף אָנגע־רירט דעם פרעמדנס קנאָכיקע, קאַלטע פינגער. זיי האָבן זיךביידע נישט געזען אין דער פינצטערניש, בלויז די מענטשלעכע אויסגעשטרעקטע הענט אינעם קעלער האָבן צו זיך געצויגן מיט אַ פּלוצעמדיקער אונטער־ערדישער דערנענטערונג, פון וואָס זייערע פנימער האָבן זיך אויך אַלץ מערער דערנענטערט. דער פרעמדער האָט געהאַט אַ קאַלטן, ראַציקן אָטעם, וואָס האָט געזעגט די קעלער־שטילקייט. ער האָט קוים אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער. ער האָט געפרעגט, צי ער רעדט מיטן גלאָקנצייער פון לאַגעווניקי — דעם פאַן ניקאָדעם. אַז דער זקן האָט אַ פאַרחידושטער אָפּגעענטפערט, האָט דער פרעמדער ערשט דעמאָלט געצויגן צו זיך דעם גלאָקנצייערס ביידע אויסגעשטרעקטע הענט און אָנגעהויבן שטילערהייט גיך צו פליסטערן מיט אַ הייסן אָטעם. ראשית — האָט ער געבראַכט פאַר אים אַ גרוס — אַ גרוס פון זיין זון, פון טאַדעאושן. דערהערנדיק דעם

זונס נאָמען פונעם פּרעמדנס מויל, האָט דער גלאָקנצי:ער אין דער פּינצטער אַרומגעכאַפּט דעם פּרעמדן, העשענדיק מיט אַלטע, וואַרעמע טרערן.

אַ ביסל שפּעטער האָט אים דער פּרעמדער איבערגעגעבן אַ קליין צעקנייטשט צעטעלע, געשריבן טאַקע מיט טאַדעאושס האַנט. „איטשע קאָכאַני — איז געווען געשריבן מיט אַ צעפּאַלענעם כּתב — איך לעב. בין געזונט. דערפּיל אַלץ פּאַר מיין חבר. ער מוז אויספירן זיין שליחות. זיי געזונט, מיין טייערער, טייערער אַלטיטשקער. מיר וועלן זיך נאָך זען".

צענדליקער מאָל האָט דער גלאָקנציער, נאָך יענעם אָוונט, שוין איבן ביי זיך, לעבן אייל־לעמפּל, איבערגעליינט דעם זונס צעפּאַלענע ווערטער. ער האָט דאָך פון אים נישט געהערט זינט דער דייטש איז אַריין. עפּעס זיינען אַרומגעגאַנגען שמועות, אַז ער מיט נאָך אַנדערע זיינען אַוועק אין די פּאַרטשעווער וועלדער. וואָסער שליחות דער פּרעמדער האָט — האָט זיך ערשט דער גלאָקנצי:ער דערוווּסט צומאָרגנס. ס'איז אים אַפילו אין אָנהייב געווען אויסטערליש דאָס דאָזיקע שליחות. נישט אַנדערש: — דער פרעמדער מוז זיך אַריינבאַקומען קייגנאיבער... אין געטאָ... צו די יידן... ער מוז דאָרט אַריין... ער האָט אויסצופירן אַ הייליקע שליחות — זאָגט ער...

דאָס ערשטע וואָס דער גלאָקנציער האָט געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון קעמערל, איז געווען — צו וויסן טאָן אַנטאָנין.

ער האָט טאַקע זינט עטלעכע טעג מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט אַנטאָנין. דורך די פּאָר וואָכן האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן אַלץ אויסלאָזן — סיי זיינע קאַרטאָפל און סיי די ווינטער־ריבן. מען האָט געמוזט טראַכטן וואָס צו טאָן מיטן אויסבאַהאַלטענעם. ער האָט דאָך נישט געקאָנט ליגן אונטן, דער פּרעמדער, אונטערן אַלטאַר, בפרט, אַז ס'האָבן זיך פּלוצעם געשטעלט אין די נעכט אַזעלכע אויסטערלישע פּרעסט. חוץ דעם האָבן לעצטנס די קאַטשמאַרעקס אָנגעהויבן אַלץ מערער צו דרייען זיך אין דרויסן, אַרום קירכעלע, לאַנג געגאַפּט אַרויף צו די שוואַרצע טורעמלעך, דערנאָך באַקוקט די ברייטע, קאַלירטע, פענצטער־וויטראַזשן. איין מאָל אַפילו איז איינער פון די קאַטשמאַרעקס אַריינגעקומען אינעווייניק, אַדורכגעגאַנגען

געלאָסן די קלויסטער־קאָרידאָרלעך, וואָס זיינען געלעגן פאַרשפּינט אין אַ קאַלטער, קירכלעכער, איינזאַמער פינצטערניש. דערנאָך איז ער שטיין געבליבן לעבן אַלטאַרל. ער האָט לאַנג זיך צוגעקוקט צום אויסגעריבענעם טעפּיכל, וואָס איז געלעגן ביי זיינע פיס. דער גלאָקנציִער איז דעמאָלט געשטאַנען אַ שווייגנדיקער הינטער אים. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אַראָפּגענומען זיינע צעשראָקענע אויגן פונעם קרייץ. קאַטשמאַרעק האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום דיל און אַ טאַפּ־געטאָן דאָס אויסגעריבענע טעפּיכל.

— וואָסער טעפּיכל איז עס ביי דיר, ניקאָדעם? דאָס איז דאָך אַזוי צעדריוולט ווי... ווי אַ יידישער טלית!... כע־כע... מ׳עט עס דאַרפן איינטוישן פאַר דער הייליקער קירך... וואָס? — האָט ער קאַלט אַ מורמל געטאָן, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דיל. —

✶

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג מיט קאַטשמאַרעקן לעבן אַלטאַר האָט דער גלאָקנציִער פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף וואָס שנעלער זיך צעויילן. אויפן וועג, לעבן דער שענק פון די קאַטשמאַרעקס, האָבן זיך די לעצטע טעג געזען אַ סך דייטשע אויטאָס, וואָס זיינען שפּעטער אַוועק מיטן וואַרשעווער טראַקט, אויסמיידנדיק די לאַגעווניקער וועלדער. וואָס אַ מאָל מער וואַנדערנדיקע מענטשן זיינען געגאַנגען פון טיף דייטשלאַנד און נאָר אין די נעכט אַדורכגעגאַנגען די פאַרשנייטע וואַלד־וועגן. דאָס זיינען געווען פּאָליאַקן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די דייטשע אַרבעט־לאַגערן און געצויגן דורך די שיטערע נאָדל־וועלדער פון לאַגעווניקי, טיפער אין לאַנד אַריין, ביז זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן צו די פּאַרטשעווער און יאַנאָווער וועלדער. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך זעלטן דערנענטערט צו אַ מענטשלעכן ישוב. זיי האָבן דורכגעקרייצט אין דער קווער די ווינטער־פעלדער, לאָנקעס און וועלדלעך נאָר אין די נעכט, ביי אַן אויסגעלאָשענער לבנה, אָדער ביי שטאַרקע שניייווינטן. און טאָקע דורך אַזאַ איינעם, וואָס האָט אין מיטן נאַכט אָנגעקלאַפּט ביים גלאָקנציִער און נאָר אויסגעטוישט דאָ די דורכגעווייקטע אָניצעס, האָט ניקאָדעם מיטגעגעבן אַ פּאָר ווערטער צו אַנטאָנין.

זיי זיינען איצט, דיביידע אַמאָליקע יוגנט־חברים, געזעסן אין דער נאַכט־פינצטערניש אויפן שמאָלן פעלד־בעטל, וואָס האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע לענג און ברייט פון קלויסטער־חדרל. נאָענט ביים פענצטערל איז נאָר געשטאַנען אַ קליין טישל, ווו ס׳איז איבערגעדעקט מיט אַ טישטעכל געלעגן די אָפּגעהאַקטע האַנט פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזש. ביידע אַלטע מענטשן זיינען געזעסן אויפן בעט־קאַנט און שטילערהייט צווישן זיך געפּליסטערט.

דאָס איז נישט געווען קיין מענטשלעך חדרל, נאָר גיכער אַן ענגע נישע. אַזעלכע אָפּגעצוימטע, פאַרבאָרגענע נישעס זיינען זייער פיל פאַראַן אין די אַלטע פּוילישע קלויסטערס. איבער די מענטשנס קעפּ איז זיך דער פּולאָפּ צונויפגעקומען אין שפּיציקע אַרויסשטאַרצנדיקע מויער־קאַנטן, ווי די שאַרפן פון אַקראַייזנס. די נישע האָט בלויז געהאַט דריי ווענטלעך און דאָרט, ווו ס׳האָט געזאָלט זיין דאָס פערטע, האָט נאָר אַ שמאָלער, פאַרקראַטעוועטער פענצטער־שפּאַלט אַדורכגעלאָזט דאָס קאַלטע נאַכט־ליכט, וואָס איז געגאַנגען פון די פאַרשנייטע פעלדער. אַ קליין אייל־לעמפּל, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טוך, האָט זיך אַרומגעהילט מיט אַ פעטן, שוואַרצן נעפּל ביז צום פּולאָפּ. אַנטאָני האָט אָן אויפהער אַרויסגעקוקט דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. פון דאָרט איז איצט געגאַנגען אַ וואַלדיקע ווינטערשטילקייט, ווי עמעצער וואָלט געבלאָזן צווישן שניי דורך דינע, זילבערנע שופרות.

צווישן גלאָקנציִער און אַנטאָני איז שוין זינט צענדליקער יאָרן געווען אַ פריינדשאַפטלעכער בונד, וואָס ציט זיך נאָך פון זייערע ייִנגל־יאָרן. זיי געדענקען זיך אויך ביידע פון די פאַרשנייטע פעלדער ביי טאַנענבערג אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף פאַרשיידענע אופנים זיינען שפּעטער די ביידע פאַליאַקן דערגאַנגען, אַז צווישן זייערע אַלטע, פאַרשטאַרבענע מישפחות, צווישן די עלטער־פעטערס און לייבלעכע קרובֿים, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אינעם אומגליקלעכן פּוילישן אויפשטאַנד פון 1831 און שפּעטער אויך אין 1863. גאָר אייפערדיק האָט זיך געגריבלט אין אַלטע כראָניקעס און אין פאַרגעלטע, שטאָטישע רייסטערס, וואָס זיינען געלעגן פאַרשימלטע אין די קעלערן

פון אַלטע ראָטהייזער, — דער גלאָקנצ׳ער ניקאָדעם. וואָס מער ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיטן אַלטן שטויב פון די צעפאַלענע אַנאַלן, אַלץ מערער האָט זיך אים אויסגעדוכט אויסצוגעפינען אין זיי די פאַרבאָרגענע, לע־בעדיקע פעדעם, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער אַ סך דורות, ביז צו אים און צום זון זיינעם טאַדעאוש. ער האָט זיך געטיילט מיט אַנטאָנין מיט יעדן אויסגעפונענעם פּרט, מיט איטלעך נייער דאַטע, מיט יעדן טונקעלן שפור, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס איצטיקע לעבן מיט די טעג פון זיינע לאַנג־פאַרשטאָרבענע עלטער־פעטערס. אַנטאָני אַליין איז נישט געווען קיין גריבלער — ער איז געזעסן אַ גאַנץ לעבן אויף דער גלאָוונער ערד. זעלטן ווען האָט ער זיך אונטערגענומען צו זוכן אין די אַלטע ראָטהייזער. דאָס האָט שוין אין איין וועגס אויך געטאָן פאַר אים דער גלאָקנצ׳ער.ביידע מענטשן האָבן אין די געלע, צעפאַלנדיקע כראָ־ניקעס פון ווייטע, אָפּגעפּלאָסענע דורות געפונען אַ בשותפותדיק ליכט, וואָס האָט זיי אַרומגענומען און געוואַרעמט אין פּוילנס שווערסטן מלחמה־ווינטער. כאָטש זיי האָבן ביידע געלעבט אָפּגעשיידט פון זיך אויף עט־לעכע מייל, פלעגן זיי פון דעסטוועגן, ס׳רוב אין די חגאות, קומען איינער צום צווייטן און נישט אויפגעהערט זיך צו דערציילן פון זייערע טויטע עלטער־פעטערס. די צוויי אַלטע פאַליאַקן האָבן נאָך איצט געחלומט פון גרויסע מעשים פאַרן אומגליקלעכן פאָטערלאַנד. און ווען אַנטאָניס זון איז אויך פאַרשוווּנדן פון דער היים — האָט שוין דער פויער נישט געהאַט קיין רו. די דייטשן האָבן אים אַפילו געדראָט, אַז ער וועט אַוועקלייגן זיין קאָפּ — אויב דער זון וועט זיך נישט צושטעלן. ער איז איצט געזעסן אויפן בעט־קאַנט און מיט אויפגעריסענע אויגן צוגעהערט זיך צו אַלץ, וואָס ניקאָדעם האָט שטילערהייט געפּליסטערט. אַנטאָני האָט אָן אויפהער געצויגן די לאַנגע, גרוילעכע וואָנצן, וואָס האָבן דערווייל אויפגעטייעט אין דער נישע־וואַרעמקייט. פּלוצעם האָט דער גלאָקנצ׳ער דערמאָנט וועגן אויסבאַהאַלטענעם פרעמדן, וואָס ליגט אין קירכע־קעלערל. אַנטאָני האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע הענט אויף די קני און געבליבן זיצן אַ רגע אַ צעטומלטער פון פּלוצעמדיקן פּחד.

ביידע אַלטע מענטשן זיינען געזעסן אויפן בעט־קאַנט און לאַנג

געשוויגן. אין דרויסן האָט דער ווינט לייכט געוויגט די גלאָקן אין אַ צעצויגענעם נאַכט־קלאַנג אויף די טורעמלעך. דער פויער האָט אַלץ נישט אויפגעהויבן זיין קאָפּ.

— אַ שווערער ענין, ניקאָדעם... אַ גאָר שווערער ענין... — האָט דער פויער נאָך אַ לאַנגן שווייגן קוים אַרויסגעסאָפּעט, אין גאַנצן אַ באַ־גאָסענער מיט שווייס — אַוודאי... אַוודאי... מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן... מע דאַרף עפּעס פאַר אים צוטראַכטן... אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי?

— מיר דאַרפן טאָן ס׳אונדזעריקע, אַנטאָני. יעדער מענטש דאַרף טאָן דאָס, וואָס דאָס האַרץ הייסט אים. שווער, שווער... — דערפאַר איז דאָך מלחמה, אַנטאָני...

דער פויער האָט אומרויִק געגלעט די וואָנצן, וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַראָפּהענגען און זיך געהויבן אין דער הייך.

— צי וויסטו... ניקאָדעם — האָט ער שטילערהייט געפּליסטערט אים אין פּנים אַריין — וואָס... ס׳קומט פאַר אויסבאַהאַלטן... דעם־אַ...?

דער גלאָקנציִער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן.

— כ׳ווייס... כ׳ווייס... צו זיבעציק, אַנטאָני, קוקט מען אַנדערש אויף די־אַ זאַכן. צו זיבעציק איז לייכטער אַ מאָך צו טאָן אויף אַלץ מיט דער האַנט, נאָר נישט אויף דעם וואָס הייסט געוויסן... און פאַטערלענדישע פליכט פון מענטש צו מענטש? און דאָס געוויסן פון אַן ערלעכן פּאָליאַק? האָסט מיך פאַרשטאַנען? זעסט דאָרט דאָס אייל־לעמפּל? — האָט ניקאָדעם פּלוצעם אויסגעשטרעקט די האַנט אין ווינקל אַריין.

אַנטאָני האָט פאַרזשמורעט די אויגן. ער האָט געקוקט אינעם ווינקל, ווו אַ טונקעלער רויך־נעפּל האָט געפלאַטערט איבערן שוואַכן אייל־פלעמל.

— כ׳זע... ס׳וועט באַלד אויסגיין... דאָס קנייטל רויכערט זיך...

— און אַז מע וועט צוגיסן אַ ביסל אייל, וואָס דעמאָלט, האַ? — דעמאָלט וועט נאָך ווערן ליכטיק, וואָס? איך און דו און טויזנטער אַנדערע... אַלע דאַרפן זען, אַז דאָס לעמפּל זאָל נישט אויסגיין, נישט אַזוי?... אַז ס׳וועט אויסגיין — וועט די וועלט פאַרזינקען אין אייביקער פינצ־טערניש...

— ס׳איז לייכט צו זאָגן, ניקאָדעם... אַ מענטש וויל טייל מאָל טאָן

גוטס אַ צווייטן מענטשן, אַ סך גוטס אין אַ נויט — און עפּעס האַלט אים צוריק... עפּעס לאָזט אים נישט... ווי געבונדן די הענט... עפּעס אַ טייוול זיצט אין דיר און שרייט: ניין און ניין! היט דיר דיין קאָפּ! דער איז אַ ציגיינער, דער — אַ טאַטער, דער — אַ זשיד... צי קומען נישט אַלע מענטשן פון איין אייניציקן גאָט? ווי מיט וועלף איז מען דאָך דאָ אַרומגערינגלט... מיט לויטער וועלף... אַפילו אונדזערע אייגענע זיינען נישט בעסער... נישט איין פּאַליאַק העלפט היטלערן... אָט ווו דאָס אומגליק איז, ניקאָדעם...

— אמת, אַנטאָני, אמת. נאָר נישט אַלע זיינען געוואָרן וועלף... אַזעלכע ווי איך און ווי דו זיינען פאַראַן אַ סך, גאָר אַ סך... אין יעדער שטאָט, אומעטום. נאָר מע שווייגט. צופּיל, צופּיל שווייגט מען, מע ליגט ווי די מייז אין סטאָדאָלע. ס'איז אַ צייט אַזאַ — אַ מויזן־צייט... יעדער גריזשעט זיין אייגענע קאַרטאָפּליע... און מע בייסט די פויסט אוממעכטיק, ווי אין אַ קרענק... אַלץ וואַרט... נאָר פאַראַן אויך, אַנטאָני, אַזעלכע, וואָס וואַרטן שוין גאָרנישט... זיי האָבן שוין טאַקע נישט קיין געדולד... עפּעס טוט זיך שוין... נאָך פיר יאָר מלחמה... זיי טוען אַלץ, דאָס לעמפּל זאָל נישט אויסגיין... איך וועל נאָך דערלעבן צו קלינגען מיט מיינע גלאָקן צום נצחון... פון אַ ניי פאָטערלאַנד... פון אַ ניי פוילן... יעשטשע פּאָלסקאַ...

— אָבער צו ערשט, ניקאָדעם, מיין איך וועסטו קלינגען מיט דיינע גלאָקן צו דער לוויה פון אַלע יידן פון אונדזער פאָטערלאַנד, נישט אמת?

דער גלאָקנציִער האָט טרויעריק און שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זיי האָבן ביידע אַ לאַנגע ווייל געשוויגן. אין חדרל איז געוואָרן פינצ־טערלעכער. די רויטלעכע שאָטנס פונעם אייל־לעמפּל האָבן געפּרוּווט אַרויפקלעטערן איבער די שמאָלע נישע־ווענט, העכער צום פּולאָפּ. זיי האָבן זיך געגליטשט, די שאָטנס, שוואַכע און ציטערדיקע און נאָר באַ־לויכטן די אונטערשטע ראַנדן פונעם רויך־נעפּל. דאָס רונדיקע, רויטע אויג פונעם אייל־קנייטל האָט אַנגסטיק געצאַפּלט און יעדע רגע זיך איינגעלאָשן, כדי שפּעטער אויפסניי אויפצופלאַמען מיט דינע, שרעקעוו־דיקע פלעקן.

דער גלאָקנציִער האָט זיך אויפגעשטעלט, — צוגעגאַנגען צום פאַר־קראַטעוועטן פענצטערל און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. זיי האָבןביידע שווייגנדיק איצט געטראַכט וועגן דעם פרעמדן, וואָס איז געלעגן אין קעלער. כאָטש זיי האָבן אים ביידע נאָך נישט געזען אין זיין פולער מענטשלעכער געשטאַלט, איז זיין טונקעלער שאָטן אַרומגעגאַנגען דאָ אין דער נישע. ער איז געקומען, דער פרעמדער, מיט זייער שטיל פליסטערן אויפן פעלד־בעטל, געוועזן אין זייערע האַנט־באַוועגונגען און אין איטלעכן געמורמל פון זייערע אַלטע ליפּן. ער האָט זיך דערנענטערט, דער פרעמ־דער, צוזאַמען מיטן וויגנדיקן רויך־פלעק, וואָס איז געגאַנגען פונעם אייל־לעמפל. זיי האָבן אים אויך געזען אינעם גרויסן און פלאַטערדיקן שאָטן, וואָס איז געהאָנגען איבערן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. דער אויס־באַהאַלטענער פרעמדער איז געהאָנגען איבער זיי ווי אַ דראָענדיקע האַנט, וואָס מאָנט און דערמאָנט אין אַ גרויסער, אומפאַרמיידלעכער סכנה. ער איז געלעגן, דער פרעמדער, פאַרדעקט אונטן מיטן פינצטערן דיל איבער זיך, נאָר דאָ אויבן, אין דער נישע, איז זיין שטומער שרעקעוודיקער שאָטן אַרומגעגאַנגען ווי אַ יענערוועלטיקער גילגול, וואָס האָט געצאַפּלט איבער זייערע קעפּ מיט אַ פויגלישן, שוואַרצן געפלאַטער. אינעם אַלטן פויערס אויגן איז געלעגן אַ פרעמדע אוממענטשלעכע פאַרלוירנקייט. פאַרן פאַר־קראַטעוועטן פענצטערל איז געשטאַנען די לאַגעוונעקער וואַלד־נאַכט, פול מיט פחדים און געציטערט איבער דעם שמאָלן פענצטער־חלל.

דער גלאָקנציִער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעווענדט פון נישע־פענצטערל.

— כאָטש גוט, אַנטאַני, וואָס אונדזערע זין זיינען ווייט, ווייט פון דאַנען... וואָס זיי זיצן נישט ווי מיר מיט פאַרלייגטע הענט... אויך זיי שלאָפן נישט — האָט דער גלאָקנציִער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן דיל — עפּעס טוט זיך... אויך ביי זיי...

— ביי וועמען, ביי די יידן?

— יאָ... ער זאָגט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד... אַן אמתן אויפשטאַנד... אין וואַרשעווער געטאָ...

— די יידן — און אַן אויפשטאַנד? די, וואָס האָבן אַזוי מורא פאַרן טויט? די, וואָס אַנטלויפן פאַר אַ טראָפּן בלוט?

— דאָס זײַנען שוין אַנדערע ייִדן, אַנטאָני... אַנדערע... און זייערע ייִנגלעך זײַנען אַנדערע, אַזוי ווי אונדזערע... האַרטע, עקשנותדיקע, גרייטע צו שטאַרבן. היטלער האָט זיי אויסגעלערנט נישט מורא צו האָבן פאַרן טויט... די פּאָר יאָר פון שווערסטן יאָך, פון מענטשלעכער דערנידערונג... אָבער — אַליין, אַנטאָני, אַליין — וועלן זיי גאָרנישט אויפטאָן... אומעטום וואַרטן זיי אויף אונדז... אין יעדן געטאָ... אין יעדן לאַגער וואַרט מען אויף אונדזער הילף... און מיר, וואָס טוען מיר, אַנטאָני? וואָס טו איך, וואָס טוסטו און מיליאָנען אַנדערע ווי מיר? אויף וואָס וואַרטן מיר, אַנטאָני?

אַנטאָני האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט, וואָס ער האָט געזען אינעם דמיון אויפן שאָסיי, בעת ער איז געפאָרן דורכן לאַגעווניקער וואַלד: די ייִדישע מישפּחה, וואָס ער האָט אַנומלט אָפּגעפירט אין געטאָ. ער האָט אויפסניי דערפילט יענעם הייסן, נאַסלעכן, ייִדישן קוש פון אַלטן מאַשעק. דער קוש איז איצט לאַנג געהאָנגען איבער זײַנע וואַנגען ווי אַ קאַלטע פאַרגליווערטע טרער.

— און וואָס איז מיט זיי — קייגנאַיבער?... — האָט דער פּויער אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן מויל ווי ער וואָלט פון דאָרט אַראָפּגעשאַרט יענעם פאַרגליווערטן, ייִדישן קוש.

— זייער צמענטאַזש קייגנאַיבער ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער, גרעסער... קיין הונט קאָן דאָרט נישט אַריין און נישט אַרויס...

— און ער, זאָגסטו, ער וויל דווקא דאָרט אַריין?

— מיר מוזן אים העלפן, אַנטאָני, מיר מוזן אים העלפן... ער טראָגט אַהין עפּעס אַ גרויס שליחות... מיר מוזן אים העלפן...

אַנטאָני האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אין זײַנע שטאַרק־פאַרוואַקסענע אויגן איז מיט אַ מאָל פאַרלוירן געגאַנגען דער פריערדיקער קאַלטער גלאַנץ פון אומגלויבן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט־קאַנט און צוגעגאַנגען צום קליינעם אויוונדל. ער האָט זיך דאָרט איינגעבויגן, אויפגעהויבן עטלעכע האָלץ־שטשאָפּעס און אַריינגעוואָרפן אינעם פייער. דער גלאָקנציִער האָט דערווייל זיך שווייגנדיק אָנגעשטופּט אַן אַלטע, געדרייטע ליולקע מיט צעשניטענע טאַבאַק־בלעטער.

ס'איז שוין געווען לאַנג נאָך האַלבער נאַכט. דער וואַלד־שניי הינטערן נישע־פּענצטער איז געוואָרן מיט אַ מאָל בלאָלעך. אַנטאָני האָט שוין נישט געטראַכט וועגן אַהיימפאָרן. ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן און ערשט אויף צומאָרגנס וועט מען זען וואָס ס'איז דאָ צו טאָן.

מען האָט געמוזט וואָס שנעלער עפּעס טאָן פאַרן פרעמדן. ס'קאָן זיין, אַז יענער איז אונטן שוין אַ פאַרפרוירענער. איצט פאַרשטייט ער, אַנטאָני, פאַר וואָס ניקאָדעם באַדאַרף עפּעס אַזוי פיל קרויט און קאַר־טאָפל. מען קאָן דאָך נישט וויסן ווי לאַנג דער פרעמדער וועט דאַרפן אונטן אַזוי פרירן... ס'איז גוט וואָס זיי האָבן זיך ביידע צונויפגערעדט...

דערווייל האָט דער אַלטער גלאָקנצ׳ער אַרויסגעצויגן פון אונטערן פעלד־בעטל אַן איינגעוויקלטן שטרוי־זאַק און אים אַוועקגעלייגט נישט ווייט פון אויוונדל. ביידע אַלטע מענטשן האָבן זיך געגרייט שלאָפן. און ווי תמיד פאַרן שלאָף — איז דער גלאָקנצ׳ער נאָך אַרויס אויפן הייפל. ער האָט דאָס מאָל מיטגערופן אַנטאָנין. ביידע האָבן אויף זיך אַרויפ־געוואָרפן די פעלצלעך און געבליבן שטיין אויפן הייפל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ שטילן בלאָלעך־ווייסן שניי. איבער זיי האָט גע־ציטערט אַ פינקלענדיקער, שוואַרצער שטערן־הימל מיט זייער שיטערע, צעשטויבטע מילכוועגן.

אַ פראָסטיקער ווינט איז געגאַנגען פון צפון־זייט, פון הינטער די פאַרשנייטע געטאָ־פעלדער. ווייט, ווייט ביים האָריזאָנט האָט זיך געצויגן אַ בלאַס־רויטלעכער שטרייף פון די וויגנדיקע פראָזשעקטאָר־לאָמפּן, וואָס האָבן מיט זייער שאַרף ליכט געהיטן ביי נאַכט די צפון־פעלדער הינטערן געטאָ. אַ פראָסטיקערווירבל־ווינט האָט אַהערגעטראָגן אַ טרוקן שאָרכעריי פון פאַרשטייפטע נאַדל־ביימער אין לאַגעוניקער וואַלד. ביידע מענטשן זיינען געשטאַנען אין דער דאָזיקער שוואַרצלעכער שטילקייט מיט איינ־געהאַלטענע אָטעמס.

פלוצעם האָט דער גלאָקנצ׳ער אָנגעכאַפּט אַנטאָנין פאַרן אָרעם.

— הערסט, אַנטאָני, הערסט? הער זיך צו... צי הערסטו? עמעץ וויינט... אַ מענטשלעך קול, הער, הער!... עמעץ וויינט!...

— דאָס איז דער ווינט פונעם וואַלד, ניקאָדעם, דער ווינט... פון וואַלד...

— דער ווינט, זאָגסטו? אָ, הער זיך צו: דאָס איז נישט דער ווינט, ניין... נישט דער ווינט... צי הערסטו נישט? הער, הער... דאָס איז דאָך אַ מענטשלעך קול... וואָס וויינט...

— ניקאָדעם, דאָס וואָיען אַזוי די דייטשע וועלף־הינט לעבן געטאָ... און דער ווינט טראָגט אַהער זייער וואָיעריי...

ביידע אַלטיטשקע זיינען געשטאַנען אַרומגענומען פון אַ מיטנאַכטיקן, פינצטערן פחד. זיי האָבן אַרויפגעקוקט צו די שוואַרצע טורעמלעך מיט אויפגעהויבענע קעפּ. דער גלאָקנצי:ער האָט ציטערנדיק געצויגן נאָך זיך אַנטאָנין. זיי זיינען צוגעקומען צו אַן איינגעפאַלן פלויטל. דער גלאָקנצי:ער האָט באַלויכטן דעם הויף־ווינקל מיט אַ טאַשן־לעמפּל. אַנטאָני האָט דערזען אַ גרויסן, הילצערנעם, קרומען צלם צוקאָפּנס פון אַ הויך שניי־בערגל. אויבן, אויפן סאַמע שפּיץ פונעם שניי־בערגל, זיינען געלעגן אַ פּאָר בינט־לעך פאַרפרוירענע פעלד־בלומען און אויך אַ קנויל פון פאַרוויאַנעטע אַלכע־בלעטער.

דער גלאָקנצי:ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קני אינעם שניי, אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך געצלמט.

— דאָס זיינען צוויי... צוויי פון קייגנאַיבער... אַ ברודער און אַ שוועס־טער... נאָך כמעט קינדער... זיי זיינען געלאָפן איבערן פעלד... פּאָר טאָג איז עס געווען... מ׳האָט זיי נאָכגעשאָסן... ביז זיי זיינען געפאַלן... זי, די קליינטשיקע, האָט געהאַלטן אין איין שרייען: „מענטשן, כ׳האָב נישט קיין קויל אין בויך! כ׳האָב נישט קיין קויל אין בויך!...“ זיי זיינען געפאַלן דאָ, לעבן גלאָקנטורעם, די אָרעמע...

אַנטאָני האָט זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קני און געהערט ווי דער גלאָקנצי:ער רעדט אינעם שניי־בערגל אַריין:

— דאָס איז מיין נאַכט־תפילה צו דיר, זון הימלישער... מאַך, אַז זיי זאָלן צוריקקומען... די אַלע פאַרטריבענע און אומגליקלעכע... זאָלן זיי קומען... זאָלן זיי קומען, די יידן... און איך וועל זיי אַרויסגעבן... אַוועק־נעמען דעם קרייץ... זאָלן זיי צוריק ליגן צווישן זייערע טויטע. אַזוי ווי זיי זיינען געווען ביי זייער לעבן... אונדזער קרייץ האָט זיי נישט געקאָנט שיצן ביים לעבן, זאָל ער זיי כאָטש איצט אָפּהיטן, נאָכן טויט... די אָרעמע...

היט, גאָט, זייערע ביינער פאַר די לעבעדיקע, וואָס וועלן צוריקקומען... שטאַרק אונדזערע זין, וואָס פירן מלחמה מיטן שׂטן...

אַ ביסל שפּעטער האָט דער גלאָקנציִער אַראָפּגעלאָזט אַ טעפּל שפּייז אין אַלטאַר־קעלער. דערנאָך האָבן ביידע אַלטע מענטשן געגרייט זיך שלאָפן.

בעת דער גלאָקנציִער איז באַלד איינגעשלאָפן, האָט אַנטאָני בשום אופן נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון נישע־פענצטערל. ער איז געלעגן אויפן שטרוי־זאַק, אַרומגערינגלט מיט אַ ווייסלעכער, שרעקעוודיקער ליכ־טיקייט, וואָס איז געגאַנגען פון דרויסן. איצט האָט ער ערשט דערהערט דאָס אויסטערליש־וואָיענדיקע קול, וואָס האָט זיך געגאָסן דורכן פענצטערל. אפשר האָט זיך דאָס אים אויסגעדאַכט — און אפשר איז דאָס קול טאַקע געקומען פון יענעם יידיש מיידעלע אונטערן שניי־בערגל? ער איז אַריינ־געפאַלן אַ רגע אין אַ שווערן, אָפּגרונטיקן דרימל. ער האָט געזען ביידע קינדער, אַרומגענומען ביי די הענט, ווי זיי לויפן צום טורעם. ער האָט געוואָלט אַנטקעגן לויפן און אָנגעהויבן זיי רופן הויך אויפן קול. ער האָט זיך צעשריגן פון מיטן שלאָף — און זיך אויפגעכאַפּט. אין דער נישע איז געווען העל פון נאַכט־פראָסט. ער האָט באַשיימפּערלעך געזען ווי עמעץ זיצט אויפן בעט־קאַנט לעבן גלאָקנציִער. דאָס איז אָבער נישט געווען ניקאָדעם. דאָס איז געווען אַ ווייסלעכע און דורכזיכטיקע געשטאַלט ווי אַ געשפּענסט. אירע לאַנגע הענט זיינען אַראָפּגעהאָנגען אינעם פליסנדיקן ליכט פון דער דרויסנדיקער שניי־נאַכט. אַנטאָנין האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס שלאָפט ער נאָך אַזוי ווייטער און זעט דאָס אַלץ בלויז אין חלום. די געשטאַלט האָט זיך פּלוצעם צוגעשאַרט צום טישל און דאָרט אָפּגעדעקט די האַנט פון הייליקן פראַנציסקוס. ער האָט געזען ווי די פינגער פון דער אָפּגעהאַקטער האַנט האָבן זיך אויסגעגליכן און געוויזן צום פענצטערל. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ ווייס־זילבערדיקע וואַלד־נאַכט. שיטערע שניי־וואָלקנס זיינען הויך געשוווּמען ווי וואַנדערנדיקע געשפּענסטער־שיפן איבערן לאַגעווניקער וואַלד.

## קאַפּיטל ניין

# אין קעלער

אַ שמאָלער, אַ לענגלעכער, איז ער געווען פאַרלייגט, דער קעלער, ביז צום נידעריקן פּולאָפּ מיט ליידיקע פעסלעך פון אַמאָל־איינגעלייגט קרויט, מיט צעריסענע, דראָטענע מאַטראַצן, צעבראָכענע הילצערנע בעטן און כלעריליי פאַרשפּינוועבט, יידיש, וויינענדיק אַלטוואַרג. פון די ליידיקע קרויט־פעסלעך איז נאָך איצט געגאַנגען אַ פאַרגליווערט־זויערלעכער אַוויר, וואָס האָט מיט זיין שאַרפקייט אויסגעפּרעסט טרערן פון די מענטשנס אויגן. איבער דער נאַסער ציגל־וואַנט זיינען געלאָפן די טויטע וואַסער־רערן, וואָס האָבן מער נישט געטראָגן אין זיך דאָס לויפנדיקע, אונטערערדישע וואַסער־געזאַנג. זיי זיינען געהאַנגען, די רערן, קאַלטע, גליטשיקע און שוואַרצע מיט זייער אָפּגעשטאָרבן געזאַנג אין די אונטערערדישע טויטע, בלוטלאָזע אָדערן. דער קעלער איז געווען אַ טיפער. די איינציקע עפענונג האָט געפירט אַהער דורך אַ צווייט הייפל. פריער האָט מען זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין אַ ליידיק־הילצערנעם פאַס, וואָס איז געשטאַנען האַלב אין דער ערד פאַרגראָבן אונטער דער רעגן־רינווע. דער פאַס האָט געהאַט אַ טאָפּלטן דנאָ. פון אויבן איז ער געווען איבערגעוואָרפן מיט אַ טוך און איבער אים — בערגלעך שניי און אייז־גרודעס. פאַר וויגדערן איז דאָס אַריינגליטשן זיך דאָס ערשטע מאָל דורך דער פאַס־עפענונג געווען אַזוי ווי ער וואָלט זיך לעבעדיקערהייט אַראָפּגעלאָזט אין אַ שמאָלן, אָפענעם קבר.

אַ שוואַרצלעכע, טריפנדיקע דעמערונג גליווערט אינעווייניק, אַדורכגעשניטן מיט ציטערדיקע, רויטלעכע אָפּשיינען. צוויי אָנגעצונדענע ליכט אויף די שוואַרצע וואַסער־רערן צעפלאַטערן אָט די רויטלעכע, אומרויקע

קעלער־שאָטנס. קיין פענצטער־עפענונג איז נישטאָ. אין דער ערשטער רגע, בעת וויגדער איז אַריין, האָט ער קיינעם נישט געזען. ער האָט געמוזט אויסשפּרייטן פאַר זיך די הענט ווי אַ בלינדער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערפילט אַרום זיך די פינצטערע קנוילן פון אײַנצלנע מענטשן. זיי זײַנען געזעסן, די מענטשן, אַרומגעהילטע מיט כלערליי טיכער, וואָס האָבן אין גאַנצן פאַרדעקט זייערע בלוטלאָזע פּנימער. וויגדערן האָט פּלוצעם אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ: דאָס זײַנען שוואַרץ־פאַרהילטע מאַראַנען פון געטאָ. און אפשר זײַנען גאָר זייערע אבות איצט אויפגעשטאַנען דאָ תחית המתים פון יאָרהונדערטער-פאַרפלאָסענעם טויטן־שלאָף? ער איז אַרויס, וויגדער, פון אַ וועלט, וואָס איז שוין לאַנג טויט און צוריקגעקומען אין דער ערד־טיפעניש. דאָ, אינעם קעלער, האָבן אויפסניי אָנגעהויבן אויפגיין די אָפּגעשטאָרבענע מחשבות פון דרויסן, אַזוי ווי וואָרצלען, וואָס ציען זיך פון דער ערד־פינצטערניש צום גוטן ליכט פון הימל און אייביקן לעבן.

באַלד האָט זיך אַ דאַר געשטאַלט דערנענטערט צו וויגדערן. זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זײַנע אַקסלען. דעם פּרעמדנס האַנט איז געווען אַ דאַרע און וואַרעם־ייִנגלשע. ער האָט פרום און אַ ביסל פאַרשעמט אַרויס־געשטאַמלט:

— ווידאָוועך... חיים ווידאָוועך...

וויגדער האָט זיך געלאָזט פירן פונעם פרעמדנס האַנט. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם פרעמדנס פינגער אין זײַן האַנט־פלאַך. וויגדער האָט דערפילט, אַז ווידאָוועכס פינגער זײַנען קליינע, קנאָכיקע און אומרויִקע. אינעם רויטלעכן ליכט־פלאַם האָט ער אויך דערזען, אַז זײַן שטערן, אַן אָפּן־אָפּגעדעקטער און הויך־געוועלבטער, איז געווען שטאַרק פאַררונצלט און צעקנייטשט ווי אַלט פאַפּיר. זײַנע אויגן, בלאַס־בלאָבלעכע, האָבן פון זיך אַרויסגעגאָסן אַ גוט האָפעדיק ליכט אין דער פינצטערניש.

ביסלעכווײַז האָט וויגדער דאָ דערקענט די מענטשן, וואָס ער האָט שוין פריער געהאַט געזען ביי זעלדען אין דער פּאַציאַטקע. ס'איז דאָ אויך געווען דער, וואָס האָט געשפּילט אויף דער פידל, בעת זעלדעס אויסגיין אויף דער פּריטשע. דער מענטש האָט זיך אויפגעהויבן, אים צוגעפירט צו אַ ווינקל, ווו עס זײַנען געזעסן אייַנצלנע צעפלאָטערטע געשטאַלטן. אייינער

פון זיי האָט געריווכערט. דאָס רונדיק־טליענדיקע פייער־רייפל האָט ווי אַ וואָרעם אויג געלויכטן אין דער פינצטערניש. אין קעלער־חלל איז געשטאַנען אַ טויטלעכע, וואַרעמע טונקלקייט.

— יידן!... — האָט זיך אָפּגערופן פונעם ווינקל אַ שוואַך קול און ווידער האָט דערקענט, אַז דאָס רעדט חיים ווידאָווער — חברים! מיר האָבן היינט ביי זיך אַ נייעם מענטשן... ער וועט זיין איינער פון אונדז... געבונדן מיט אונדז דורך אונדזער הייליקן סוד... ווי יעטוועדער פון אונדז... ער קומט צו אונדז דורך זעלדען... און דאָס איז גענוג... ברוך הבא, חבר ווידער!...

דאָס קול האָט זיך איבערגעריסן און ס'איז געוואָרן שטיל. די שטילקייט איז געווען אַ פינצטערע און דאָך טליענדיקע. די צוויי אַנגעטריפטע, ברע־נענדיקע ליכט האָבן אַריינגעזויגן אין זיך די פינצטערניש מיט זייער שוואַך, געצוימט פייער. ווידער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קעלער־ערד. ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז עמעצנס הענט ציען זיינע פינגער צו זיך. דאָס זיינען געווען די קליינע, וואַרעמע, מיידלשע הענט פון גיטעלען.

ווידאָווערס קול האָט אויפסניי אָנגעהויבן זיך וויגן אין דער פינצטער.

— יידן, מיר מוזן זיין אָפּגעהיטן אויף טריט און שריט... נעכטן איז שיער נישט געשען אַן אומגליק... ביים איבערגעבן די ידיעות... איר ווייסט אַלע — וואָס אונדזער געטאָ איז. מיר זיינען די אָפּגעצוימטסטע און איינ־זאַמסטע. אַרום אונדז — אַ ים פון טויט־סכנה... און טויט־שינאה... אָן הילף פון דרויסן... מיר ווייסן נישט וואָס אַזוינס ס'געשעט אַ האַלבער קילאָמעטער פון דאַנען... היינט, תחילת פעברואַר ניינצן הונדערט פיר און פערציק. שטייען מיר גראָד אַזוי פאַראיינזאַמט ווי אין די פריערדיקע יאָרן... מיר זיינען איבערגעענטפערט נאָר צו אונדזער גורל... און וואָס אַזוינס פאַרמאָגן מיר?... גאָרנישט ניט... הונגער און טויט־פּחד... אונדז דערוואַרט פאַר־טיליקונג... סיידן — עפּעס אַ נס... אָבער פון וואַנען, פון וואַנען, פרעג איך? צי האָבן מיר נאָך די גייסטיקע גבורה זיך צו ראַטעווען? צי וועלן מיר טאַקע אונטערגיין ווי שאָטנס און קיינער וועט נישט וויסן פון אונדזער גורל? דערווייל איז נאָר געבליבן איינס, ברידער: נישט פאַלן ביי זיך.

יידן... יעטוועדן טאָג קאָן עפּעס געשען, כאָטש — אַזוי פיל יאָרן זיינען שוין אַדורך, אַנטוישטע און פאַרפייניקטע... חברים!... מען רעדט ווידער, אַז מען וועט אַרויסשיקן... מיר זיינען שוין די לעצטע... די לעצטע זיבעציק טויזנט... צי איז עפּעס מעגלעך צו טאָן, פרעג איך? צי וועלן יידן ווידער זיך צושטעלן דעם דייטש פאַר אַ לאַבן ברויט, פאַר אַ ביסל צוקער און מאַרמעלאַד?... קיינער ווייס נישט אין געטאָ דעם ציל פון דער נסיעה... וואָהין פירט מען די מענטשן, וואָהין?... קיינער...

אַ שאַרף קול האָט פלוצעם איבערגעשניטן די וויגנדיקע רייד פון ווידאַווערן.

— דער לעצטער בגדים-טראַנספּאָרט, וואָס איז צוריקגעקומען אין געטאָ, איז געווען דורכגעזאַפּט מיט בלוט!... צי איז דאָס נאָך ווייניק, חבר ווידאַווער?...

— פאַר אונדז דאָ — נישט... מיר ווייסן עס... נישט בלויז פונעם לעצטן בגדים־טראַנספּאָרט... אָבער — יידן, יידן אין געטאָ ווילן נישט גלייבן... יידן, אַפילו אין געטאָ, גלייבן נישט אין אכזריות... ס'איז טאַקע אומגלייב־לעך... און מיר — וואָס טוען מיר אַנטקעגן דעם אומגליק? מיר, וואָס ווייסן יאָ דעם גאַנצן אמת! — די קומענדיקע דורות וועלן אונדז קיין מאָל נישט מוחל זיין... צי האָבן מיר געטאָן דאָס, וואָס מענטשן דאַרפן טאָן?... זיי וועלן אונדז נישט גלייבן — אונדזער אומבאַהאָלפנקייט און אַליינקייט... די נסיונות אין אונדזער צייט — דאָס איז דאָך איינמאָליק אינעם קיום פון אונדזער פאָלק... צי זיינען אונדזער נשמה און אונדזער גוף צוגעגרייט פאַר אַזעלכע נסיונות? צי האָט דאָס לעבן צוגעגרייט אונדז פאַר אַזאַ גיהנום, אַז מיר זאָלן נישט פאַלן?... צי האָט דער מענטש שוין דורכגעלעבט אַזאַ נסיון?... אונדזער לעבן גייט־אויס... מיר זיינען די לעצטע יידן... צי וועט עמעצער אויסשטרעקן די האַנט? ווו איז דער אַלמעכטיקער באַשעפער? ווו איז אונדזער אייביק־לעבעדיקער גאָט?...

אין קעלער איז געוואָרן זייער שטיל. די שמעלצנדיקע ליכט האָבן געטריפט איבער די שוואַרצע וואַסער־רערן מיט קליינע, פאַרגליווערטע ליכט־טרערן. אינעם חלל אַרום די ליכט זיינען געשטאַנען שוואַרצע, קלעפּיקע רויך־נעפּלען, וואָס האָבן זיך געלייגט איבער די מענטשנס קעפּ

ווי אַ שוואַרצער, וויגנדיקער ווינט. ס׳האָט אויסגעזען ווי עמעצנס אַ פּאַר־באַהאַלטענע, בייזע האַנט האָט דעם דאָזיקן שוואַרצן ווינט אויפגעבלאָזן דורך די אונטערערדישע קעלער־ווענט. מען האָט איצט באַשיימפּערלעך געהערט דעם נאַכט־ווינט, וואָס שטייט־אויף אין צפון תמיד נאָך האַלבער נאַכט. אין דרויסן האָט זיך מסתּם אויפגעהויבן אַ נייער שניי־געווירבל איבערן ליידיקן געטאָ־שטח.

— אָבער... פון דעסטוועגן... איז אונדז פאַרבליבן בלויז: בטחון... — האָט אין דער שוואַרצער שטילקייט זיך אָפּגערופן אַ צווייט קול, וואָס איז געווען הייזעריק און געקלונגען אין דער שטילקייט לעבן די טריפנדיקע ליכט ווי דאָס וויינענדיקע קול פון אַ קינד — ברידער, מיר האָבן נאָר דערווייל די איינציקע האָפענונג: אונדזער קעסטעלע... אַזוי לאַנג ווי מיר הערן דעם דרויסן — הערן מיר די וועלט... כאָטש מיר ווייסן, אַז די וועלט איז טויב צו אונדז... קיינער זעט אונדז נישט אין אונדזער אָפּגעצוימטקייט... אפשר וועט דאָך געלינגען עמעצן אַריין צו אונדז... פון דרויסן... מיר זאָלן וויסן וואָס צו טאָן... ווו ס׳איז אונדזער הילף... צי איז מעגלעך, אַז מען האָט אונדז פאַרגעסן? פאַרגעסן לחלוטין אין אונדזער אָפּגעצוימטקייט? איך גלייב נישט, ברידער... אפשר איז שוין אין וועג צו אונדז עפּעס אַ שליח... אַ מאַן מיט דער גוטער בשורה... מיר קאָנען נישט אויסגיין אָן דעם מינדסטן סימן פון דרויסן... צי איז די וועלט שוין אונטערגעגאַנגען אין איר מבול?... צי זיינען מיר די לעצטע יידן אויף אַ טויטער ערד?

— מיר זיינען נישט די לעצטע, חבר ווינקלער — האָט עמעצער אָפּגע־ענטפערט פון הינטער אַ באַרג אייזערנע מאַטראַצן — מיר זיינען נישט די לעצטע... אונדזער פאָלק איז אין דער וועלט... און דאָס פאָלק וועט דערלעבן דעם סוף פון גיהנום... אָבער — וואָס וועלן זיי וויסן פון אונדז? זיי וועלן גאָרנישט ניט וויסן... זיי האָבן אונדז פאַרלאָזט... געלאָזט אונדז אַליין, ווי אַלע פעלקער אין דער וועלט... מיר האָבן מסתּם שטאַרק געזינ־דיקט אַנטקעגן גאָט, אַנטקעגן אונדזער פאָלק, אַנטקעגן מענטשן... דער טויט וועט נישט אָפּווישן אונדזערע שווערע זינד...

עמעצער אין קעלער האָט זיך פּלוצעם פאַרצאַפּלט און גיפטיק צעלאַכט.

ס'איז געווען ווי אין מיטן פונעם קעלער וואָלט זיך אַריינגעריסן אַ בייזער, שפּאָטנדיקער שד.

— כע, כע, כע... כי, כי, כי... — האָט דאָס גרוילנדיקע קול זיך אויפ־געהויבן פון דער צווייטער זייט קעלער און קיינער האָט נישט געוווּסט צי דאָס קול קומט פון אַ לעבעדיקן מענטשן.

— ווער דערמאָנט דאָ דעם טויט און — זינד? אפשר איז גאָר דער דייטש גאָטס פּאַרטיקע האַנט אונדז צו שטראָפן? גאָט האָט זיך אויס־געקליבן דעם דייטש, כדי זיין אויסדערוויילט פאָלק צו פאַרפּייניקן... כע, כע, כע... ס'איז אומזיניקייט, וואָס קומט פון יאוש... מיר זיינען, ברידער, אַ שפּענדל אין אַ רציחהדיקער וועלט... אַרום אונדז — משיחים, וואָס ברענגען רציחה און בלוט... דער מענטש אין זיין האַרץ איז נאָך נישט הייליק. מיר טוען גאָרנישט דורך יאָרטויזנטער, כדי צו הייליקן דעם מענטש און זיין לעבן... און מיר יידן — מיר זיינען נישט מער ווי אומ־גליקלעכע מענטשן אין דער גרויסער אומגליקלעכער מענטשן־מישפּחה אויף דער ערד...

— און דער דייטש, איז דער דייטש אויך פון דער מענטשלעכער מישפּחה?

— אויך דער דייטש איז נישט מער ווי אַ שפּענדל אינעם ווינט פון שלעכטס און רציחה... אמת — מיר יידן זיינען די שוואַכסטע, די גערודפט־סטע... די שינאה איז נישט געשיקט פון גאָט, ברידער... די שינאה קומט פון דער ערד... פונעם מענטש... און דער מענטש מוז בעסער ווערן אין זיין קורץ, פאַרשווינדענדיק לעבן...

— און ווו איז די אויסדערוויילטע שליחות פון אונדזער פאָלק? — האָט זיך ווידער אָפּגערופן חיים ווידאווער, בעת זיין קול האָט אונטער־געציטערט פון עפּעס אַ ווייטער, פאַרטרערטער געריכטקייט — צי זיינען מיר נישט די, וואָס האָבן שוין עפּעס געגעבן דער וועלט? און די נביאים? און אונדזער גלויבן? אונדזער איינאייינציקער גאָט?

— שליחות? — האָט דער שטנדיקער שוואַרצער קול איבערגעריסן ווידאווערן — אפשר איז אויך דער יידן־עלטסטער מרדכי חיים גאָטס שליח? דער אַלטער נואף און רוצח... כע, כע, כע...

— ער טראָגט דעם זעלביקן גורל ווי יעטוועדער ייד... — האָט זיך אויפסניי אַריינגעריסן דאָס שוואַכע קינדערישע קול לעבן דעם ברענענדיקן ליכט — מען ווייס נישט ווי אַזוי דער גורל קלייבט אויס מענטשן און שטעלט זיי אָוועק פאַר אַן עדה... ער האָט מסתם גוטע כוונות... איך האָב געזען נישט איין מאָל אים ווײנען ביים אַרויסשיקן יידן... אָדער ווען ער איז צוריקגעקומען פון די דייטשן, פון שטאָט... ער האָט זיך געריסן די ווייסע האָר פון קאָפּ און ביטערלעך געיאָמערט...

— ס'איז דאָס געוויין פון אַ שאַקאַל... און אַ פאַלש שפּיל פון אַ מאַ־ניאַק... ער האָט דאָך דאָס געטאָ ביז איצט געפירט צום טויט... צי האָט אַ מענטש דאָס רעכט אַ צווייטן מענטשן צו שיקן צום טויט? אויב ס'איז נישט פאַראַן אַ רעטונג פאַר אַלע — צי דאַרף מען ראַטעווען נאָר אַ הייפל, די אויסדערוויילטע פון גורל? וואָס וועלן זאָגן די קומענדיקע דורות? זיי וועלן זאָגן: אַ הייפל האָט זיך געראַטעוועט און געשיקט צום טויט זקנים, קינדער און שוואַכע... דאָס זיינען די גוטע כוונות פונעם ייד, וואָס פירט די געטאָ־עדה? צי דאַרפן מיר נישט אַלע אַנטקעגנגיין דעם טויט — אויב ס'איז נישט פאַראַן אַ רעטונג פאַר אַלע? דאָס גוטוויליקע, שטאָלצע, גבורההדיקע שטאַרבן פון אַ מענטשן אין שווער־געפּרוווטע צייטן גיט אים מער כבוד ווי אַ שרצימדיק לעבן... ס'וועט קומען אַ טאָג נאָך אונדזער חורבן, אַז נאָר דער טויט וועט זיין דער איינציקער סימן פון אַ ריין יידיש לעבן... מיט חשד וועט מען קוקן אין די אויגן פון יעטוועדן איבערגעבלי־בענעם נאָכן חורבן... אַפילו פון די ריינסטע און אומשולדיקסטע...

— צי טראָגן מיר אויך אַ פלעק וואָס דער גורל האָט אונדז געשוינט ביז איצט? צי איז נישט פאַראַן די גוטע האַנט פונעם גורל פאַר יעטוועדן לעבעדיקן?

— יידן, מיר קומען־אום פאַר אונדזערע זינד... און פאַר די זינד פון אונדזערע אבות... דאָס איז מיין אמונה, יידן... ווו איז דער שליח, וואָס דאַרף אונדז ראַטעווען?

— צי זיינען די עופעלעך, וואָס גייען־אויס אין געטאָ — שוין זינדיק? דאָס שטענדיקע געלעכטער איז ווידער געקומען פונעם ווינקל, זיך

געריסן פון דער פינצטערניש און געהאַנגען אין חלל ווי אַ שווערער, שוואַרצער, וויגנדיקער גלאָק.

— שליחות... אמונה... אייניאיינציקער גאָט... דער גאָט פון זיין אויס־דערוויילט פאָלק — פאַרטיליקט דאָס אויסדערוויילט פאָלק... ס׳איז ביטערער חוזק, כע, כע, כע... לאָזט רוען גאָט אין די הימלען... זאָל ער קיניגן אויף זיין טראָן צווישן די שטערן ביז אין דער אייביקייט אַריין... ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעקערט פון זיין אויסדערוויילט פאָלק... פון דער ערד... אונ־טער זיין חסד — אַזוי פיל פינצטערניש און בייז... אויף אונדזער ערד קיניגט נישט מלכות שדי נאָר — מלכות שדים... כע, כע, כע... און ער אַליין שווייגט... ביי מיר איז גאָט: דער מענטש... יעטוועדע לעבעדיקע בריאה... די מוראַשקע... דער ווינט... דאָס בלוט... דאָס שטיקל ברויט... דאָס וואָרט פון מענטש צו מענטש... דאָס אַלץ איז הייליק... בלויז די ערד איז הייליק... דער הימל איז ווייט און הוילע טומאה... טומאה... טומאה...

פון אַלץ, וואָס איז דאָ געפּליסטערט געוואָרן אין דער האַלב־פינצטערניש פון קעלער, האָט גענומען עפּעס אויפלייכטן אין וויגדערס מיד און הונגעריק האַרץ. די אַלע מחשבות, שטראָף־רייד און רעיונות פון די פרעמדע מענטשן האָבן זיך שוין פריער געהאָט לאַנג איינגענעסטיקט אין זיין האַרץ. אָבער ביז איצט איז ער געווען ווי אַן אָפּגעזונדערט, הילצערן שיפל מיט צעריסענע זעגלען צווישן אויפגעהויבענע כוואַליעס בעתן שטורעם. פּלוצעם, זינט ער איז דאָ אַהערגעקומען מיט גיטעלען און זיך צוגעהערט צו אַלץ — האָט אים גענומען פאַרגיסן אַ זעלטענע, ביז איצט נישט דערקענטע פרייד. אָט איז ער נאָך יאָרן פון געטאָ־אָפּגעצוימטקייט אויפסניי צוגעשווומען צו אַ פריידיקן באָרטן, וואָס האָט דאָ אויפגעלויכטן אין דער קעלער־פינצטערניש. דאָס האַרץ גליט אין אים מיט אַזאַ אויפגעצאַפּלט, טיף פייער. ערשט אין דער דאָזיקער נאָענטקייט מיט די שאָטנדיקע מענטשן אין קעלער האָט וויגדער צוריק געפונען דעם פאָדעם, וואָס האָט זיך איבערגעריסן און אים געלאָזט אַ פאַרצווייפלטן און פאַראייַנזאַמטן אין דער מחנה פון אויס־געלאָשענע און אָפּגעשטאָרבענע מענטשן. אים האָט זיך פריער אָפּט אויס־געוויזן, אַז ער איז אויף אַן אינדזל פון לויטער שוין אויסגעגאַנגענע מענטשן, נאָר דורך עפּעס אַ נס שוועבן נאָך אַרום אים זייערע דורכזיכטיקע, אָרעמע,

איינגעפאַלענע גופים. ערשט איצט, אין דער קעלער־פינצטערניש, האָבן אָנגעהויבן לייכטן פון פאַרבאָרגענע, אונטערערדישע, שוואַרצע פלאַסטן — קליינע פייערן פון גלויבן אין מענטשלעכער באַפרייונג. אַט איז זיין בלאָנ־קענדיק און זיך טרונקענדיק שיפל מיט די צעריסענע זעגלען ווידער אַריין אין שטילע פליסנדיקע וואַסערן. אויף זייער אויבערפלאַך האָט זיך באַוויזן אַ קאָליריקע אָפּשפּיגלונג פון אַ מילדער, שיינער שטראַליקייט. ער האָט זיך מער נישט געפילט אַליין. די שאָטנדיקע מענטשן האָבן פון זיך דאָ אויסגע־שטראַלט אַ ליכט־שטראָם, ווו ס'זיינען דערטרונקען געוואָרן זיינע אַלע ביטערע רעיונות פון יאוש און טויט. און כאָטש ער האָט דאָ, אינעם קעלער, ווידער געהערט, ווי פון זיין אייגן אויפגעעפנט האַרץ, די זעלביקע אומברחמנות־דיקע ספקות אין אַלץ — אין גאָט, אין מענטש, אין פרייד און לעבן — האָט ער פון דעסטוועגן מיט אַן אומגלייבלעכן ווילן אויפגענומען זייערע רייד און זייערע מחשבות. דאָס זיינען געווען זיינע מחשבות און זיינע רייד. זיינע טונקעלע רעיונות און זיינע נישט־אַרויסגעבראַכטע פּרעגענישן. אים האָט זיך געדוכט ווי ער וואָלט ערשט איצט אויפסניי אַריינגעפאַלן אין דער געטאָ־אָפּגעצוימטקייט אַ נאַקעטער, נאָר שוין אַ באַוואָפנטער מיט אַ זעלטענער גבורה, אַנטקעגן דעם דאָזיקן שוואַרצן פלאָנטער פון יידישע נסיונות. די לייבלעכע נאָענטקייט מיטן מיידל אין דער פאַציאַטקע נאָך זעלדעס קבורה — האָט פּלוצעם אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ שווימענדיקער שוואַרצער בושה־פלעק איבער דער שטראַליקייט פון זיין האַרץ, וואָס האָט דאָ, צווישן די מענטשן אין קעלער, געפונען זיין זינגענדיקן שורש. ער האָט אַפילו אויף אַ רגע אַרויסגעלאָזט פון צווישן זיינע פינגער גיטעלעס האַנט, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך געקלאַמערט אין זיינער. איר האַנט איז געוואָרן פּלוצעם קאַלט און שווער. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך, פאַר זיין פאַלנדיקער שוואַכקייט. אַט דאָ איז צו אים אַנטקעגנגעגאַנגען דער ליכטי־קער זין פון גורל: די סכנה, וואָס העגנט איבערן מענטש פון אייביקע צייטן און די גרויסע פרייד פון געמיינזאַמקייט און מענטשלעכער נאָענט־קייט, כדי צו באַצווינגען דאָס אַלדאָסבייז. ס'איז אים געווען קלאָר, אַז אויך איצט זיינען פאַרן דאָזיקן קליינעם מענטשן־הייפל אַוודאי אָנגעגרייט די ביטערסטע מפּלות, צעבראָכענע חלומות, וואָס וועלן זיך ווי שוואַכע

גלאָז־ברעקלעך צעברעכן אונטער זייערע פיס. איצט איז אָבער זייער חלום געוואָרן וואָרהאַפטיקייט — דער ווילן זיך אַרויסצורייסן פון דער געטאָ־אָפּגעצוימטקייט, צוריקנעמען די אָוועקגערויבטע, פאַרשעמטע פרייקייט. און דווקא דערפאַר וואָס איבער דעם שוואַרצן מענטשן־געזעמל אין קעלער האָט געשוועבט די ציטערנדיקע שטראַליקייט פון אַ חלום, האָט וויגדער, און מסתם אויך די אַנדערע, דערפילט איבער זיך די גבורה פון אַ פאַר־באָרגענעם, ליכט־שטראַלנדיקן גייסט. און דער דאָזיקער גבורהדיקער גייסט האָט מיט זיי איצט געזעגלט איבער דער פינצטערניש, גראָד ווי ס'האָט אין די ערשטע שעהען פון וועלט־באַשאַף אַרומגעשוועבט דער אייביק־פלאַטערנדיקער רוח אלהים איבער די שוואַרצע וואַסערן פון תהום.

די־אָ אַלע מחשבות וויגדערס זיינען געוואָרן די גאַנצע צייט באַגלייט מיטן וויכוח, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געפירט אין דער פינצטערניש. מיט אַ מאָל האָט צווישן די אַלע קולות זיך אָפּגערופן אַ שטים — אַ וואַרעמע, אַ האַלב־צעבראָכענע. דאָס לשון איז געווען נישט אין גאַנצן יידיש, געמישט מיט אַ סך דייטשישע, פאַרנעפּלטע פסוקים. דער רעדנדיקער איז געשטאַנען אָנגעלענט ביי דער וואַנט, בעת זיינע לאַנגע הענט האָבן קייגנאיבער דעם פלאַם פון אַן אָנגעטריפט ליכט זיך געוואָרפן איבער דער קעלער־סטעליע און דאָרט געפורעמט משונהדיקע, שאָטנדיקע געשטאַלטן.

דאָס דאָזיקע קול האָט געצוווּנגען וויגדערן זיך אָפּצורופן. אַ פאַרשעמ־טער האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין דער פינצטער, כאָטש קיינער האָט זיין שטייענדיק געשטאַלט נישט געזען.

— ברידער... — האָט זיך וויגדערס קול געוויגט אין דער פינצטער־ניש — אונדזער אומגליק איז דערפאַר גרויס, ווייל ווייט פון אונדז, אין קרייז פון גרויסע מרחקים, איז נישט פאַראַן ווו זיך אויסצובאַהאַלטן... אויב עמעצער וועט יאָ אַרויס פון דאַנען — וועט ער אין דרויסן גיך פאַרלוירן גיין... אין דרויסן לויערן די, וואָס דינען דעם דייטש... זיי רינגלען אַרום אונדזערע צוימען... מיר האָבן נישט דאָ קיין קאַנאַלן אונטער דער ערד, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן... מיר האָבן נישט קיין וואַלד... מיר האָבן נישט קיין יידן־פריינד אין דער נאָענט... מיר זיינען איבערגעלאָזט אויף זיך... בלויז אויף אונדזער איינזאַמקייט און גבורה...

אין דער רגע האָט חיים ווידאוועד אַרויסגעלאָזט פון ווינקל אַ לאַנגן „פּפּ־ס־ס־ס". ס'האָט זיך דערהערט פון זיין ווינקל אַן אויסטערליש געזויש. אין קעלער האָט זיך נאָך מערער אַראָפּגעלאָזט אַ שווערע, פאַרדעמערטע שטילקייט. די טריפנדיקע ליכט־צינגלעך זיינען מיט אַ מאָל געוואָרן קלע־נער, און מער נישט געציטערט ווי פריער. זיי האָבן אין זיך איינגעהאַלטן זייער ברענענדיקן ליכט־אָטעם, וואָס האָט דאָ, אין דער קעלער־פינצטער־ניש, געוואָרפן די איינציקע העלע שיין. אָבער וואָס מערער די טריפנדיקע ליכטלעך זיינען איינגעפאַלן און ס'איז געוואָרן כמעט פינצטערלעך — האָט זיך דעמאָלט איבערן קעלער אויפגעהויבן אַ גאָר צווייטע ליכטיקייט. די שטראַליקייט איז געקומען פון יענעם פאַרשאָטנטן ווינקל, וווּ ווידאוועד איז געזעסן אַן איינגעבויגענער איבער אַ שוואַרץ קעסטעלע. איצט האָט מען שוין געהערט גאָר דייטלעך אַ מענטשיש קול. דאָס קול האָט זיך מתחילת געבראָכן, זיך געשלענגלט און לסוף זיך אַריינגעריסן מיט דער שאַרפקייט פון אַ בליץ, וואָס שניידט אַדורך אַן אָנגעזאַמלטע פינצטערניש אונטערן הימל. דאָס קול איז געווען ווייט ווי פון הימלדיקע, אַן־סופיקע מרחקים — און דאָך אַזוי נאָענט, אַז יעטוועדער האָט געהערט ווי ס'איז אַראָפּגעפאַלן גאָר נאָענט איבער זיין אייגן האַרץ. די מענטשן אין קעלער האָבן טיפער אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ. וויגדער האָט אַרומגענומען גיטעלען און אויפסניי דערפילט אַ וואַרעמען, מיידלשן צאַפּל פון אירע יינגלשע היפטן. ס'איז געווען דאָס ווייטע, פרייע, וויגנדיקע קול, וואָס האָט פון דרויסן, פון הינטער שווימענדיקע הימלען און וואָלקנס, אויפסניי זיי צונויפ־געבונדן מיט אַלע שאָטנדיקע פעדעם פון טויט און ליבשאַפט. דאָס קול האָט זיך געוויגט אונטערן געוועלבטן שוואַרצן קעלער־פולאָפּ און אַראָפּ־געפאַלן פון פאַרבאָרגענע, הימלדיקע, דרויסנדיקע שטחים. ס'איז געווען די שטים פון אַ פרוי, וואָס האָט געציטערט מיט אַלע שיינקייטן און האַפע־נונגען אין מענטשלעכן לשון. תחילת איז געקומען דער גרויסער טרויער נאָך אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט, די אבלות מחמת דעם טויט, וואָס דער איינאייציקער געשפּענסטיקער מאַן, געשיקט פונעם שטן, האָט אַראָפּגע־צויגן אויף דער אומגליקלעכער ערד. דאָס קול האָט וויברירט מיט וואַרעמען רחמנות צו אַלע די, וואָס דער גורל האָט זיי אויסגעוויילט צו זיין אַ קרבן

פאַר אַ נייער, אויפקומענדיקער וועלט. „זאָלן נישט מיינען די קרבנות, וואָס לעבן נאָך, און ווייסן נישט וואָס ס׳דערוואַרט זיי — אַז די וועלט וועט נישט באַצאָלן דעם רוצח... די צייט פון באַצאָלונג איז נאָענט... דער צאָרן פון די אונטעריאָכטע פעלקער וועט געשטילט ווערן — די מפּלות פונעם רוצחים־פאָלק האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. סטאַלינגראַד איז געווען דער ערשטער בלוטיקער קלאַפּ... דער שונא וועט זיך איצט וואַרפן אויף די שוואַכסטע. נאָך די יידן וועלן קומען — פּאָליאַקן און די אַנדערע פעלקער. דער איינציקער וועג פון רעטונג איז — ווידערשטאַנד! יידן אין די געטאָס! פּאָליאַקן אין די לאַגערן! דער אָקופּאַנט איז צוגעטרעטן צום לעצטן אַקט פון אייער פאַרטיליקונג! גייט נישט ווילנלאָז צום טויט! פאַרטיידיקט זיך! נעמט אַ האַק, אַן אייזן, אַ מעסער! באַריקאַדירט אייער הויז! אין קאַמף האָט איר א מעגלעכקייט פון רעטונג! קעמפט! די הילף איז נאָענט! דאָס וואַרשעווער יידן־געטאָ איז אויסגעגליכן מיט דער ערד!... אַ טויט דעם שונא! קעמפט פאַר אייער לעבן! נקמה פאַר טרעבלינקע, אוישוויץ, פּאָנאַר און סאָביבאָר! דער זיג איז נאָענט! דער נצחון וועט זיין מיטן מענטשן, וואָס האָט נישט פאַרטריבן פון זיין האַרצן גאָט און רחמנות! רחמנות פאַר אַלע ליידנדיקע מענטשן אויף דער טרויעריקער ערד!...״

## קאַפּיטל צען

# שוואַרצע פייגל

ער האָט בשום אופן נישט געוווסט, פראַנץ אָטטאָ יעססיקע, וואָס אַזוינס ס'איז די סיבה פון דער אויסטערלישער פוסטער קלעמונג, וואָס האָט זיך באַוויגן אונטער דער לינקער, באַרגיקער און שטאַרק־באַוואַקסענער ברוסט. די דאָזיקע קלעמונג האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער זיין ברייטן ברוסט־קאַסטן אַ מאָל לינקס, אַ מאָל רעכטס און אונטערגעציטערט ביים האַרץ ווי דאָס אַרומטאַנצנדיקע לופט־בלעזל אין אַ וואַסער־וואָג. אַחוץ דעם האָט דער אָבערשטורמבאַנפירער פראַנץ אָטטאָ יעססיקע געליטן אויף אַ בויערנ־דיקן קאָפּ־ווייטיק, פון וואָס זיינע צו פיל אַראָפּהענגנדיקע אויגן־לעפּלעך האָבן די לעצטע טעג באַקומען אַזאַ אויסטערלישע, אַראָפּציענדיקע שווער־קייט, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געווען אויסגעשלאָפן. וואָס, וואָס — אָבער אויסגעשלאָפן איז דער קאָמענדאַנט פונעם קליינעם וואַך־הייזל אויף די צפון־פעלדער פון געטאָ שוין געווען צופיל. און אפשר דערפאַר האָט אַ ליימענדיקע פוסטקייט בייזלעך געגריזשעט זיינע ברייטלעכע, רונדיקע ביינער, דעם אַלטן, אַראָפּהענגנדיקן נאָך ראָזלעכן בירבויך, וואָס האָט זיך קוים, קוים געהאַלטן אויף די קורצע, באַשטיוולטע פיס. טאָ פון וואַנען קומט צו אים דאָך די דאָזיקע פּלוצעמדיקע מידקייט אין אַלע גלידער? ער וואָלט שוין געוואָלט וואָס גיכער אָוועק פון דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער רו הינטערן געטאָ און זיין וואָס ווייטער פון דאַנען... און טאַקע — פאַר וואָס זאָלסטו זיך נישט אַליין, מיין ליבער פראַנץ אָטטאָ, צושטעלן און טאַקע פאָדערן, מע זאָל דיך אַפּשיקן אויפן מיזרח־פראָנט? נישט אַלע קאַמפן ענדיקן זיך דאָך מיט סטאַלינגראַד... און דערווייל, דערווייל זיצן נאָך די פאַרשאָלטענע רוסן ערגעץ הינטערן דניעפּר... ביז זיי וועלן זיך דערנענטערן

צו דער ווייסל, וועלן נאָך אַ סך וואַסערן אָפּפליסן... און די באָלשעוויסטישע פעסט — דאָס איז זיכער אַ יידיש קאָפּ־שפּיצל... נישט אַנדערש... עס קאָן אויך געשען, אַז די קאָמעראַדן, וואָס האָבן געהאַלטן דאָ וואַך און אַוועק אויפן מערב־פראָנט, זאָלן נעמען אין געפאַנגענשאַפט... כאַ־כאַ־כאַ, דאָנער־וועטער, טאַקע אים אַליין, דעם אַלמעכטיקן יידן־פּרעזידענט פון אַמעריקע, דעם הינקענדיקן מיסטער ראָז—ראָז ראָזענפעלד!... כאַ־כאַ־כאַ... יאַ, וואָס אַזוינס האָט ער נאָך געוואָלט זאָגן, פראַנץ אָטטאָ יעססיקע? — אַהאַ! דער־אָ ראָזענפעלד מוז אַוודאי האָבן אַ יידישן קאָפּ, נישט אַנדערש... נאָר געדולד, געדולד, מיין ליבער יודן־קריפּל. אין דעם־אָ קריג ווערט יעדער יידישער קאָפּ מיט איין קאָפּ קירצער... — — — פערשטאַנדן?... כאָ, כאָ, כאָ!... — — —

ער האָט לעצטנס זייער אָפט, דער קאָמענדאַנט פראַנץ אָטטאָ יעססיקע, געפּירט מיט זיך אַליין הויכע שמועסן אינעם ליידיקן וואַך־הייזל און תמיד אַריינגעקוקט די גאַנצע צייט אינעם אַראָפּהענגנדיקן, קרומלעכן, וואַנט־שפּיגל. ער פלעגט דעמאָלט מאַכן די אויסטערלישסטע גרימאַסן און תנועות מיט זיינע ברייטע אָנגעגאָסענע פּנים־פּאַלדן. ער פלעגט פאַרזשמורען און באַלד צוריק עפענען די אויגן, פאַרלייגן די פינגער אויפן שטערן, אָדער גאָר שטיין אַן אויסגעצויגענער, ווי אויף פּאַראַד... דאָס אַלץ שטאַמט, האָט יעססיקע געוווסט, נאָך פון זיין אַמאָליקער, יוגנטלעכער ליידנשאַפט צו טעאַטער־שפּיל, בעת ער איז נאָך געווען אַ „שנאַוצבוב". אָבער — ס׳ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע יוגנטלעכע ליידנשאַפט האָט לאַנגע יאָרן געדרימלט אין אים און ערשט לעצטנס האָט זי אויפסניי אויפגעוואַכט — אינעם דאָזיקן ליידיקן וואַך־שטיבל הינטערן געטאָ. ער האָט ווידער זיך צעלאַכט פון דאָזיקן הויכן שמועס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געפירט מיט זיך אַליין. ער האָט געלאַכט הויל, ציטערנדיק און פוסט, מיט קרעכצנדיקע ווערטער, בעת זיין קול האָט זיך געריסן ווי פון אַ צעפּלאַצטן ביר־פּאַס. די הענט, קורצע, פעטטע און רויט־באַהאָרטע, האָבן די גאַנצע צייט אונטערגעהאַלטן זיין נידעריקן, אונטערטאַנצנדיקן בויך.

— אין דיזן קריג, דאָנערוועטער, ווירד יעדער יידישער קאָפּף מיט איי—נעם קאָפּף קיר—צער, כאַ־כאַ־כאַ!... פערשטאַנדען?...

אין דער זעלביקער רגע האָט דעם דיק־בייכיקן יעססיקע אויפסניי עפּעס אַ שטאָך געטאָן אין דער ברוסט. ער האָט אויף דער גיך געכאַפּט דאָס הויכע פולע ביר־גלאָז, געטרייסלט עס אין דער פעטער האַנט־פלאַך אַזוי לאַנג ביז אַ ווייסלעכער, ציטערנדיקער שוים האָט זיך געגומען גליטשן איבער זיינע רויטלעכע פינגער. ער האָט עס גיך אויסגעליידיקט אין דער אויפגעפּראַלטער קעל. אַ שווערע, פלאַטערנדיקע צונג, באַלייגט מיט בלאָ־רויטלעכע וואָרצעלעך, האָט בלויז אויף איין רגע אַ פּיר־געטאָן איבער אַ שורה אָפּשטייענדיקע גאָלדענע ציין, בעת זיינע איבערגעלאָפענע עפּילעפּסיע־אויגן האָבן זיך נעפּלדיק, חשדיק און פאַרשעריש אַרומגעקוקט איבערן וואַך־שטיבל.

דאָס גאַנצע וואַך־הייזל איז איצט געלעגן אין אַ לייכטן, טונקעלן נעפּל פונעם שיטערן ווינטער־אָוונט, וואָס איז אין דרויסן געפאַלן איבערן פעלד. כאָטש די ווענט זיינען געווען פון האָלץ, איז איצט אינעם שטיבל געשטאַנען אַ היץ, אַ טרוקענע און טשאַדיקע. אַפילו די אַריינשטראָמענדיקע קאַלטע פראָסט־לופט דורכן אָפענעם פענצטער האָט נישט געקאָנט אָפּקילן די היץ, וואָס האָט געשלאָגן פונעם אויוונדל, — פון די קנאַקנדיקע, טרוקענע וואַלד־צווייגלעך. פון דער היץ האָט פראַנץ אָטטאָ יעססיקען אָן אויפהער געדורשט. נאָך גוט וואָס אין דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם, יידישן העק איז שטיין געבליבן די פּוילישע ביר־שענק. אַ גרויס, פיר־קאַנטיק קעסטל מיט אויסגעליידיקטע ביר־פלאַשן האָט אַרויסגעקוקט פון אונטערן אויסלייג־בעטל מיט פאַרוואָרפענע, דאַרע העלדזלעך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, יעססיקע, לעבן אָפענעם פענצטער און דאָרט לאַנג געקוקט אין פעלד אַראָפּ. די זון האָט געהאַלטן גראָד ביי איר פאַוואָליען אונטערגיין. אויפן מערב־הימל פון געטאָ האָט זי נאָך זיך איבערגעלאָזט ראָזיקע, צאַפּלענדיקע און דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך. די וואָלקנדלעך זיינען איצט נידעריק אַראָפּ־געפאַלן איבערן שניי און פאַרפּלייצט די פעלדער מיט אַ בלאַסלעך־פיאָלעטער ליכטיקייט.

אַזוי פיל חדשים זיינען שוין אַדורך דעם קאָמענדאַנט יעססיקען מיטן זיצן ביים פענצטער און אָן אויפהער צו קוקן צום געטאָ־צוים, ווו ס׳האָבן פּאַטרולירט פון דרויסן די קאַמעראַדן, — אָבער קיין מאָל איז אים נישט

אויסגעקומען אָנצוקוקן די זון אַזוי ווי היינט. איר רויטער, רונדיקער קאָפּ הענגט איצט אַוודאי אויך איבערן ריין. נאָך אַ ווײַלע און זי וועט אַריבער־שפּרייזן טירינגען, דערנאָך — פּאַמעלעך זיך אַראָפּלאָזן איבער האַמבורג צום ים. אין אַזעלכע רגעס רעדט אויך יעססיקע שטילער צו זיך אַליין ביים אָפענעם פענצטער. יאָ, דיזע הערן פאָן בערלין זינד גאַנץ פעררייקט! קרייצדאָנערוועטער! צוערשט האָט עס געהייסן: טוט וואָס איר ווילט מיטן יודען־דרעק! פּרייע הענט! פרייהייט! דאָס וואַר רעכט! מען האָט געקאָנט טאָן וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אין אָנהייב איז עס נישט אַוועק אַזוי גלאַטיק. וואָס אמת — איז אמת. נו, יאָ, דער מענטש איז דאָך נישט קיין האָז און נישט קיין פויגל. אַ האָז אָדער אַ פויגל האָבן נישט אַזעלכע אויגן... ווי זיי!... די פאַרשאָלטענע יידישע אויגן!... ער איז טאַקע געווען, יעססיקע, אין דער היים דער בעסטער שיסער (אך... די זאָנטאַגס אין טירינגער וואַלד, מיין גאָט!...) ביי די אויסזידלונגען וואַר עס נעט... פריער האָט מען אויך געקאָנט זיצן אָט־דאָ, ביים פענצטער, און פון דאַנען צילעווען צו די געטאָ־דראָטן צו אַ דורכלויפנדיקן יידן... זיי האָבן טאַקע אויסגעזען פון דער ווייטנס, די יידן, ווי שוואַרצע, לויפנדיקע האָזן, כאָ־כאָ־כאָ... ניין, נישט ווי האָזן, נאָר ווי גרויסע רעב־הינער, ווי ווילדע רעב־הינער... אָדער שוואַרצע פייגל... אָבער — זינט חדשים: שטרענג פאַרבאָטן! פאַרבאָטן צו שיסן! דאָס איזט דומהייט, מיינע הערן! ווען נישט די יידן, וואָלט זיך דער גאַנצער קריג נישט געלוינט! זיי מאַכן עס אַ ביסל לייכטער, ניכט וואַר? יאָ, יאָ — פאַר וואָס גראָד איצט, ווען אַלץ איז דאָ אַזוי טויט־לאַנגווייליק, גראָד איצט, האָבן די בערלינער הערן פאַרווערט זיך צו מאַכן הייטער מיטן יידן־פאָלק? — ווייס איין גאָט... פּאָליטיק... האָהע פּאָליטיק!... דער פראָנט — טויט; אויסזידלונג — טויט... נאָך גוט וואָס איבערן פעלד פליט אַ מאָל פאַרביי אַ קראָ... דער שוואַרצער יידן־גייסט פון געטאָ... און דעמאָלט — פּיף! פּאַף!... דאָנערוועטער, ניין, די בערלינער הערן זינד גאַנץ פעררייקט... גאַנץ פעררייקט!... פערשטאַנדען?...

ער איז געזעסן, דער קאָמענדאַנט פונעם וואַך־הייזל, ביים אָפענעם פענצטער, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צו די צפון־פעלדער הינטערן געטאָ. פראַנץ אָטטאָ יעססיקע איז אַן אויפהער געזונקען אין די אייגענע שווערע,

קלעפּיקע מחשבות. דער איינציקער אופן פון איבעררייסן די אײנטאָניקייט און דעם שפּיציקן ווייטיק, וואָס האָט ווידער אָן אויפהער אים געגריזשעט די ברוסט ווי אַ פאַרבאַהאַלטענע, בייזע מויז — איז דאָך געבליבן ביי אים די אַמאָליקע, יינגלשע, אומבאַזיגבאַרע תאווה צום — שיסן. ס'איז נישט געגאַנגען אים אַזוי ווייט אינעם צילעווען, אין טרעפן, ווי אינעם בלויזן פריילעכן, פייערלעכן שיסן אַליין... דער פלוצעמדיקער, הילכיקער פּולווער־אויפרייס, דער געפּרעסטער לופט־דרוק, די פאַרטויבנדיקע שטילקייט אין די אויערן — דאָס אַלץ האָט געהאַט עפּעס גרויסעס און פייערלעכעס, גראָד ווי ער אַליין, פּראַנק אָטאָ יעססיקע, וואָלט יעטוועדעס מאָל מיט די אייגענע הענט געשאַפן די גרויזאַמע, פאַרניכטנדיקע כוחות פון דער סודות־דיקער נאַטור. דערפאַר פלעגט ער באַלד, ווי נאָר ער האָט פונאַנדערגעשיקט די וואָכלייט צו די געטאָ־דראָטן, האַלטן אין האַנט דאָס קורצע, שוואַרצע ביקסל און מיט די אויגן שאַרף אַרומנישטערן אונטערן נידעריקן הימל. יעטוועדער דורכפליענדיקער פויגל, נאָענט איבער די געטאָ־פעלדער, האָט זיך דאָ געמוזט אַראָפּקייקלען מיט אַן אונטערגעשאָסענעם פליגל, אָדער אין גאַנצן אַ געטויטער פאַלן אינעם טיפן, ווייכן שניי אַריין. צו מייסטן האָבן אים געמאַכט שפּאַס, יעססיקען, די לעבנגעבליבענע וואָראַנעס, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן בלויז מיט דורכגעשאָסענע פליגל. ס'איז געווען אַזוי שיין צו זען ווי דער פליענדיקער, שוואַרצער פויגל־פלעק איז מיט אַ מאָל געבליבן הענגען אַ רגע אינעם חלל, דערנאָך פון דער הייך גענומען זיג־זאַגיש אַראָפּפאַלן אינעם שניי, אַרויסלאָזנדיק פון זיך אַ געשפּאָלטענעם און אַ פאַרוווּנדיקטן, פויגלשן הילפסרוף. אַזאַ איינער האָט אַפילו געפּרוווט שפּעטער אויפהייבן זיך פונעם שניי מיט איין פליגל און אַוועקפליען. ער האָט אָבער בלויז באַוויזן צו היפּן אַ פּאָר שפּאַן אין דער הייך און דערנאָך אויפסניי אַראָפּגעפאַלן, נישט אויפהערנדיק צו שיקן איבער די פעלדער זיין פויגלשן הילף־רוף. און אויסטערליש: — ווי נאָר איבערן פעלד האָט זיך צעטראָגן דער דאָזיקער קריציקער, פויגלשער סכנה־רוף, זיינען פון די נאָענטסטע געטאָ־פעלדער, אַפילו פון די ווייטערע וועלדלעך, אַנגעפלויגן גאַנצע טשאַטעס פון די דאָזיקע שוואַרצע פייגל. לאַנג האָט דאָס שוואַרצע וואָראַנע־געזעמל געקרייזט אויפן פעלד, איבער דעם פאַרוווּנ־

דיקטן פויגל. ערשט איצט האָט פראַנץ אָטטאָ יעססיקע פייערלעך אָפּגעזיפּצט און זיך געקאָנט אין גאַנצן איבערגעבן זיין תאווה: אפשר צען פייגל זיינען מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלן אויפן פעלד. אַלע זיינען זיי געווען גע־טראָפענע. זאָלן זיי נאָר נישט אַרויסווייזן קיין הילף און קיין מיטלייד, די דאָזיקע פאַרשאָלטענע, שוואַרצע יידן־פייגל! יאָ, יאָ — נור אָהנע מיטלייד! קריג איזט קריג — פערשטאַנדען?...

און ס׳איז באמת געווען אויסטערליש מיט די דאָזיקע פייגל. וואָרעם זינט יעססיקע האָט אָנגעהויבן אַרונטערצושיסן די פעלד־וואָראָנעס, פלעגן די דאָזיקע איינזאַמע און טרויעריקע פייגל אין גאַנצן אויסמיידן די פעלדער הינטערן געטאָ. זעלטן, זעלטן פלעגט אַזאַ טרויער־פויגל אַדורכשוועבן די פעלדער. מען האָט נאָר געהערט ווי זיי זאַמלען זיך מחנותווייז אין לאַגעווניקער וועלדל, פאַרבאַהאַלטענע צווישן די העכסטע נאָדל־ביימער, ווו זיי האַלטן אָפּ זייערע סודותדיקע אסיפות. די ווידער־קולות פון זייער שפּיציק, פאַרטרויערלעך קראַקעריי האָט זיך אָהערגעטראָגן פון לאַגעווניקער וואַלד ווי די געדעמפטע קולות פון מענטשן, וואָס ליגן אין צוגעקלאַפּטע ארונות. דער הימל איבער די צפון־פעלדער פון געטאָ איז געוואָרן נאָך ליידיקער. אָבער פראַנץ אָטטאָ יעססיקע האָט שוין געהאַט זיך דערווייל אָפּגעזוכט אַ נייעם אופן ווי אַזוי נישט צו פאַרגעסן די געניטקייט פון האַנט־שיסן.

דאָס איז געווען אַן אַלטער, טויטער בוים, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פונעם וואַד־הייזל. זיינע פּרוכנעוואַטע, נאַקעטע, שוואַרצע צווייגן האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי זיין צעוואַקסענעם, דורותדיקן שטאַם. ער איז געבליבן דאָ שטיין, דער בוים, צווישן די הויכע שניי־גרודעס אַן אָפּגעדעק־טער און צו דער ערד צוגעקאָוועטער, אין גאַנצן אַן איינזאַמער, נאָך דעם ווי די ווינהייזלעך זיינען פון דאַנען דורך די דייטשן אָפּגערוימט געוואָרן. ווייט, ווייט אַרום האָט מען אים געזען אַרויסשטאַרטשען ווי אַ ריזיקן שוואַרצן גילגול פון לאַנג־אונטערגעגאַנגענע תקופות. זיין אויסטערליש־דיקלעכער שטאַם איז געווען גרינבלעך־שוואַרץ פון מאָכיקן פּליוש און זיין צווייגן־געפלעכט אַזוי געדיכט, אַז אונטער זיי, אויף דער ערד, איז קיין מאָל נישט געלעגן קיין שניי און דאָס שטיקל פעלד אונטער אים איז

געלעגן שוואַרצלעך, נאַקעט און פײַכט. אין די אַמאָליקע תקופֿות האָט ער געמוזט טראָגן אויף זײַנע צווײַגן שײנע קאָלירטע פּירות, ביז ער איז דאָ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם דאָזיקן לײדיקן, טויטן בוים. פֿריער, אַז מ׳האָט נאָך געקאָנט שיסן צו די פֿײגל, האָט דער קאָמענדאַנט פֿראַנץ אָטטאָ יעססיקע דעם בוים לחלוטין נישט געזען. ער איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן פֿונעם שנײ ערשט דעמאָלט, ווען די פֿײגל האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ זעלטענער ווײַזן אויפֿן דאָזיקן שטח. ער איז געשטאַנען, דער טויטער בוים, ווי אַ שוואַרצער יענערוועלטיקער גיבור, וואָס האָט דאָ באַגראָבן בײַ זײַנע פֿיס זײַן גיבור־קינד און וויל נישט מער פֿאַרלאָזן די ערד. און מיט דעם דאָזיקן אַלטן אָפּגעשטאָרבענעם בוים איז פֿראַנץ אָטטאָ יעססיקע געגאַנגען אין אַ הײסן און העפטיקן פֿאַרמעסט מיט זײַן קלײן שוואַרץ ביקסל. ער האָט אָן אויפֿהער געשיקט צו זײַן ברײטער, שוואַרצער שטאַם־ברוסט די רונדיקע שפּיציקע פֿײַער־קוילן, וואָס האָבן דעם בוים פּיצלעכווײַז געשײלט זײַן אַלטע, פֿאַרטרוקנטע הויט. די צווײַגן זײַנען געהאָנגען צעשונדענע, צעריסענע און אַרומגעטוליעט זײַן בידעריקן שטאַם אין זײער מאַכטלאָזיקײט ווי אַרונטערגעשאָסענע מענטשלעכע אָרעמס. אָבער דאָס נאַקעטע בוים־האַרץ איז ווײַטער געשטאַנען אומבאַרירט, טראָגנדיק דורך זײַנע פֿאַרהוילענע אָדערן אַלטע זאַפֿטן, וואָס האָבן דעם שטאַם געהאַלטן צוגעוואָרצלט צו דער ערד. דאָס איז געווען אַן עקשנותדיקער, בײזער געראַנגל צווישן קאָמענדאַנט יעססיקע און דעם אַלטן, געשטאָרבענעם בוים. ער האָט דווקא געוואָלט, דער דײַטש, מיט זײַן קלײן ביקסל צווינגען דעם בוים זיך אַוועקצולײגן אין די טיפֿע שנײ־בײטן, אים אַראָפּבײגן זײַן הויכע, אָפּגעשטאָרבענע קרוין. אָבער אַפֿילו אין זײַן אָפּגעשטאָרבנקײט האָט דער בוים געהאַלטן אויסגעשפּרײט איבערן פֿעלד זײַן ברוסט. ער האָט נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם שנײדנדיקן ברי פֿונעם מענטשנס אַהערגעשלײדערטן בלײַ. וואָס מער יעססיקע האָט געוואָרפֿן אַהער דאָס פֿײַער, אַלץ מערער האָט זיך געדוכט זינקט טיפֿער דער בוים מיט זײַן שטאַם אין דער ערד. ס׳איז געווען אַ טויטלעך שפּיל צווישן אַלטן, אָפּגעשטאָרבענעם בוים און די בלײַענע פּולווער־קוילן, וואָס האָבן געהאָגלט גאַנצע שעהען איבערן פֿעלד פֿונעם דײַטשס האַנט אַרויס.

אויך דאָס דאָזיקע שפּיל צווישן מענטש און טויטן בוים איז אים גיך נמאס געוואָרן. ער האָט זיך צוריקגעצויגן, דער קאָמענדאַנט, פונעם פענצטער און לאַנגע שעהען פלעגט ער אויפסניי שטיין לעבן וואַנט־שפּיגל, סאַלוטירנדיק צו זיין אייגענער ריזיקער, אומבאַוועגלעכער געשטאַלט.

*

ער וואָלט מסתמא, דער וואַך־פירער פונעם געטאָ, פראַנץ אָטטאָ יעססיקע, באַגאַנגען איבער זיך עפּעס אַ בייזע טאַט, ווען נישט דער לעצטער באַפעל, וואָס איז געקומען פון בערלין. ענדלעך! ס׳איז אים שוין געווען גאָר דערווידער דאָס זיצן לעבן דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם, אָפּגעצוימטן יידן־פּערטל. אַ מענטש דאַרף דאָך עפּעס טאָן — אָדער מיט די הענט, אָדער מיטן קאָפּ... ניכט וואַר?... האָט טאַקע דער באַפעל ווי אויפגעוועקט יעססיקען. דאָס בלוט האָט אויפסניי אָנגעהויבן אים פליסן הייס אין קאָפּ. אַפילו דאָס שטעכעכטס אין דער ברוסט איז פאַרשוווּנדן. ס׳האָט געהייסן גאַנץ פשוט אינעם פאַרטרוילעכן, בערלינער שרייבן: מען דאַרף אומעטום, ווו נאָר אַ דייטשער פוס שטעלט זיך אַוועק, שטאַרקער, ווי ביז איצט, זיך אויסהיטן פאַר די באַנדיטן־פאַרטיזאַנער. דאָס איז שוין געוואָרן אַ פּלאָג אין גאַנצן באַזעצטן פוילן. נישט בלויז אין די וועלדער אָדער דערפער. אמת — קיין גענויע מקומות, ווו צו קעמפן מיט די באַנדיטן־נעסטן — זיינען אין געהיים־שרייבן נישט אָנגעגעבן געוואָרן. דערפאַר איז אָבער געזאָגט געוואָרן קלאָר, אַז יעטוועדער נישט־דייטש קאָן זיין אַ פאַרטיזאַן־באַנדיט. יעטוועדער נישט־דייטש איז אַ שונא פונעם דייטשן פאָלק. אַחוץ, פאַרשטייט זיך, די פאַרבינדעטע, וואָס שלאָגן זיך זייט ביי זייט מיט די דייטשע זין און ווען נאָכן זיג באַהערשן די וועלט אויף טויזנט יאָר...

„באַזונדערס דאַרף מען האַלטן אויפן אויג — ווערט ווייטער געשריבן — די וווינגעביטן פון די יידן... די שמירה אַרום זיי דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן, וואָרעם עס זיינען שוין געווען פאַלן ווען דאָס יידן־געזינדל באַקומט זיך אַרויס פון הינטער דעם אָפּגעצוימטן שטח און פאַרשטאַרקט אַזוי אַרום די באַנדיטן־און־פאַרטיזאַנער־גרופּן אין די וועלדער. און דערפאַר ווערט

באַפוילן צו אַלע קאָמענדאַנטן פון די געטאָס, אַז דאָרט, ווו לעבן די געטאָס שטייען נאָך באַוווינטע אָביעקטן פון אַריער, אָדער עס געפינען זיך שוין לײַדיקע אָביעקטן — מוזן די דאָזיקע בנינים תיכף באַזייטיקט ווערן. זייערע באַוווינער זיינען אין גרעסטן טייל פאַרבינדלער צווישן די פּאַרטיזאַנער־באַנדיטן און דעם יידן־געטאָ... דאָס אַלץ העלפט צו דעם שונא צו פירן זיין קאַמף קעגן דייטשן פאָלק... פאַר אויספירן די דאָזיקע פאַראָרדענונג זיינען פאַראַנטוואָרטלעך די ס״ס־קאָמענדאַנטן פון די געטאָס... הייל היטלער!...״

ער האָט טיף און פריידיק אָפּגעזיפצט נאָכן איבערלייענען דאָס דאָזיקע פּאַרטרווילעכע שרייבן פון בערלין. ענדלעך! ער האָט אַזש אָנגעהויבן אַרומ־שפּרייזן איבערן דיל מיט קורצע, אונטערטאַנצנדיקע שריט. צוויי מאָל האָט ער זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל מיט אַן אויפגעהויבענער ברוסט, ווו ס׳האָט מאַט געלויכטן דער בראָנדזענער פאַרדינסט־קרייץ פון ערשטער קלאַס. ער האָט אויך צוויי מאָל סאַלוטירט צו זיך אַליין, אונטערברומענדיק מיט אַ נידעריקן ביר־באַס: „דוי—טש— לאַנד—, ד—ו—י—טש— לאַנד אי—י—י—בער אַ—אַ—אַ—ללעס!״. צום סוף האָט ער זיך גענומען גרייטן אָנצושרייבן מיט אַ שפּיציקן גאָטישן כתב צוויי פאַראָרדענונגען... איינע — אין דער ביר־שענק אַריין, צום פוילישן באַלעבאָס קאַטשמאַרעק און די צווייטע — די צווייטע... די צווייטע... כאַ־כאַ־כאַ־אַ־אַ־אַ!...

דאָ האָט דער קאָמענדאַנט יעסקע אַזוי הילכיק זיך צעלאַכט אַזש די אַריבערהענגענדיקע העלדזלעך פון די ליידיקע ביר־פלעשלעך האָבן אונטערגעציטערט מיט אַ צעשפּאָלטן, גלעזערנעם קלאַנג. ער האָט זיך אויך געמוזט אונטערהאַלטן דעם אונטערשפּרינגענדיקן נידעריקן בויך, וואָרעם אַזוי אויפגעצאַפּלט האָט דאָס פלוצעמדיקע געלעכטער זיין גאַנצן איבער־געגאָסענעם, שווערן גוף.

ער האָט געוווּסט, דער קאָמענדאַנט, אַז מיט דער ביר־שענק וועט עס נישט גיין אַזוי גלאַטיק... ס׳וועט זיין אַ גאַר האַרטע נוס... דער דאָזיקער קאַטשמאַרעק גרייכט טאַקע אָן ביז צום וואָרטעגאַר־לייטער אַליין... ער פאָרט אָפּט קיין פּויזן... מיט זיינע עסקים... ער פאָרט אָבער קיין מאָל נישט אַליין — דער דאָזיקער פוילישער שווין... כע־כע־כע... דאָס שיינע שוועס־

טערל קומט אים דאָרט זייער צו הילף... דאָס קליינע פּוילישע דירנדל קאַטש־קאַטש—קאַטשמאַרעק. דאַנערוועטער!... אָבער דאָס מאָל, הער קאַטשמאַרעק, איז: באַפעל — און אַ ביסעלע ווייטער ווי פון פּויזן... פון סאַמע בערלין, מיין ליבער קאַטשמאַרעק... מען וועט זען, צי דער אַלטער הונט וועט אויך איצט ביי מיר זיך באַנוצן מיטן שוועסטערל... נו, נו — מיר וועלן זען... און דערווייל וועט מען אָנהייבן פונעם צווייטן בנין — פון יענעם הילצערנעם געשפּענסט...

ס'איז אים נישט געווען קלאָר וועמען דאַרף ער איבערגעבן דאָס שרייבן וועגן אַפּרוימען פון פעלד דעם שוואַרצן אויסטערלישן בנין, וואָס איז געשטאַנען הינטער די געטאָ־דראָטן, אויפן מיזרח־פעלד. ס'איז אים אויך געווען אַ וווּנדער — פאַר וואָס האָט ער די דאָזיקע אַלט־צעפאַלענע, געשפּענסטיקע געביידע אַליין נישט אַפּגערוימט... ער האָט דאָרט קיין מאָל נישט אַריינגעבליקט אַפילו... איצט איז אים באַפאַלן אַ הייסע, פלאַ־מיקע מחשבה: אַז דער חזיר קאַטשמאַרעק וועט צו אים שיקן דאָס דירנדל — אפשר טאַקע אין יענעם בנין מאַכן מיט איר אַ נאַכט־וויזיט? כי־כי־כי, דאָס וועט זיין אַזוי געהיימניספול־שיין..., און — אַ ביסל ווייט פון די תמיד אייפערזיכטיקע קאַמעראַדן... כי־כי־כי...

ער האָט אויפגעהויבן זיינע שווערע, איבערגעגאָסענע אויגן־אַפּלען און געקוקט דורכן אָפענעם פענצטער איבערן ליידיקן און פאַרשנייטן פעלד־שטח. די זון איז שוין געהאַט לאַנג אונטערגעגאַנגען. אויף די ווייסע געטאָ־פעלדער איז נאָך געלעגן איר מידע און זייער טרויעריקע ליכטיקייט. דער שוואַרצער בוים מיט די אָפּגעשטאָרבענע צווייגן איז געשטאַנען אַרומגע־וויקלט אין אַ ראָזלעכן, שיינעם נעפּל, ווי מיט אַ מאַנטל. אויף זיינע אַראָפּהענגענדיקע פאַרשטאָרבענע צווייגן זיינען געזעסן די קליינע זון־פלעקן, וואָס האָבן אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי טויטע, גאָלדענע וורובלעס.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויפסנייַ אָוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם שפּיגל און סאַלוטירט צו זיך אַליין. דאָס מאָל איז שוין אינעם שפּיגל נישט געווען צו זען זיין געשטאַלט, מחמת דער גיך־אַראָפּפאַלנדיקער ווינטער־דיקער פינצטערניש. ער האָט נישט געוווּסט, צי איז ער אַזוי צופרידן פונעם

בערלינער שרייבן צי גאָר דערפון, וואָס דאָס דאָזיקע קליינע, פריילעכע פוילישע דירנדל איז ווידער זייער גיך אויפגעשווומען אין זיין שוואַך־געוואָרענעם זכרון. ער האָט זי געזען אַזוי בולט אין איר פריילעכער, טייוולאָנישער פאַרשייטקייט, ווי זי וואָלט שוין איצט געשטאַנען מיט אים אַ נאַקעטע אין דער פינצטער. ער האָט גאָר פּאַוואָליע אויסגעצויגן די האַנט און געעפנט אַ שמאָל שאַנק־טירל. ס'וואָלט נישט געשאַדט — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט — צו האָבן גרייט און מיטצונעמען דאָרט אַהין דעם רויטן, פראַנצויזישן קאָניאַק... ער האָט אין דער ביידל־פינצטערניש אַ שאָקל געטאָן מיט דער פלאַש און צוגעבויגן צו איר דעם קאָפּ. די פליסיקייט האָט אינעווייניק צווישן די פלאַש־ווענטלעך אַ געדעמפטן פליס־טער געטאָן. אָבער פראַנץ אָטטאָ יעססיקען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זיינען גאָר נאָר וואָס איבער זיין איינגעבויגענעם קאַרק אַדורכגעגאַנגען מיט אַ פליסטער דעם פריילעכן מיידלס הייסע, דיקלעכע און בלוט־אָנגע־גאָסענע ליפּן.

## קאַפּיטל עלף

# אין טהרה־שטיבל

מע ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז שוין די ערשטע טעג ביים אויפשטעלן דעם געטאָ־צוים איז דער קליינער, איינגעבוקטער שולכל־בנין שטיין געבליבן אין דרויסן מחוצן געטאָ־בית־עלמין. דער הויכער, פאַרזשאַווערטער צוים האָט איצט אַרומגענומען דאָס גרויסע יידישע טויטן־פעלד פון מיזרח־זייט און אָפּגעטיילט די גרויסע, ליידיקע שטחים, ווו ס׳זיינען געלעגן די פאַרוואָקסענע בייטן און די הויך־בליענדיקע קאַרטאָפל־קשאַקעס. דער שולכל־בנין איז געוועזן אַ קליינער, געטיילט אין צווייען און געבויט פון שטאַרק־רויטלעכע ציגל־שטיינער און מיט קליינע פענצטער־לעך ביים סאַמע דאַך. די רויטלעכע ציגל־ווענט זיינען דורך די אָפּגעפּלאָסענע דורות געוואָרן מתחילת גראָלעך, שפּעטער שוואַרץ־בראַנדיק, ווי ס׳וואָלט איבער זיי אַדורכגעגאַנגען דער בייזער, פאַרצערנדיקער פלאַם פון שרפות. אין פאָדערזייט פונעם שוואַרצן בנין איז טאַקע געלעגן דאָס שולכל, און אויף זיין הינטערזייט — דורך אַ צווייטן, באַזונדערן אַריינגאַנג — דאָס ליידיקע, שמאָלע טהרה־שטיבל. דאָס שולכל אַליין, אַן אַלטס, אַן איינגע־בוקטס, אויפגעשטעלט בעת דער כאָליערע־מגפה און נאָך איידער מ׳האָט גענומען לייגן די פאַרשטאָרבענע אויפן נייעם פעלד, האָט געדינט אויך פאַר חתונות און בריתן. שפּעטער, אַז דאָס פעלד איז געוואָרן צוגעגרייט פאַרן נייעם בית־עלמין — האָט מען אויך צוגעבויט פון הינטערזייט דעם טהרה־בנין. זינט דעמאָלט איז דאָס שולכל פול געוועזן יעטוועדן טאָג מיט הספּדים און געוויינען פון יידישע לוויות. זינט די געטאָ־אָפּצוימונג האָט איינגעגלידערט דאָס בית־עלמין־פעלד אינעם געטאָ — איז דאָס שולכל מיטן טהרה־שטיבל שטיין געבליבן אין דרויסן. דער דייטש האָט שוין אין ערשטן טאָג פון זיין קומען אויף דער פּוילישער ערד אַוועקגענומען פונעם

ייד גאָטס הויז און אויך דאָס הויז צו הייליקן אין זיין לעצטן רעכט דעם טויטן, יידישן גוף. קיינער פון די געטאָ־יידן האָט מער שוין נישט, זינט יאָרן, באַגלייט זיינע פאַרשטאָרבענע מיט תפילות און אויך נישט געוואַשן דעם געפאַלענעם גוף. דורך די פּאָר געטאָ־יאָרן איז דער בנין אין דרויסן געוואָרן נידעריקער, פאַרשעמטער און איינגעפאַלענער, ווי ער וואָלט פאַוואָליע איינגעזונקען אין דער שוואַרצער, פוילישער ערד. דער דאַך איז געווען אַ שיפלעכער מיט איינגעמויערטע, אָפּשטייענדיקע שטיין־לוחות אויף זיין סאַמע פאָדערשטן שפּיץ, וואָס האָבן זיך געקרישלט דורך דורות אין די שאַרפע פוילישע ווינטן, שנייען און רעגנס. פיצלעך פון קרישלענדיקן לוחות־שטיין און צעבראָכענע יידישע אותיות זיינען געפאַלן נישט ווייט פון דער פאַרלאָזטער, איינזאַמער און אָפּגעצוימטער געטאָ־ערד. די ווענט אינעם שולכל זיינען איצט געווען גראָלעכע, מיט סימנים פון אַלטע, פאַרגעסענע יידישע תפילות, איינגעקריצטע און געגאָסענע אינעם בלאָלעכן טינק. די ווענט זיינען איצט געשטאַנען איבערגעוואָרפן מיט אַ דיקער שטויב־שיכט, וואָס האָט געגלאַנצט איבער זיי ווי דער אָפּשיין פון אויפגעהאַנגענע, פלאַטערנדיקע טויטן־העמדער. אַ געדעמפטע, פאַרשפּינוועבטע פינצטערניש, דורכגעשניטן מיט אַ זייער שיטער, קראַנק ליכט פונעם דאַך־פענצטערל, איז געשטאַנען אין חלל אונטער די בעלקעס. קיין מאָל האָט דאָ זינט די געטאָ־יאָרן נישט אַריינגעקוקט אַ מענטש. די דייטשע וואַכפּאָסטנס, ס׳רוב פון אַלטן לאַנדשטורם, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעשיקט צו היטן דאָס געטאָ, פלעגן אַרומקרייזן דעם צוים טאָג און נאַכט און תמיד אויסמיידן דעם בנין אויף צענדליקער שריט. זיי פלעגן קיין מאָל אַפילו נישט אַהינ־בליקן צו אים, גראָד ווי אין דאָזיקן איינגעבויקטן, פאַרלאָזטן בנין וואָלט געווען פאַרבאַהאַלטן דער שרעקעוודיקער און אומבאַגרייפלעכער כוח פונעם יידישן גאָט, וואָס וועט אַוודאי אַ מאָל נקמה נעמען. זיי פלעגן אַהינבליקן מיט חשד אויף די פּלוצעם־קרישלענדיקע לוחות־שטיינדלעך, וואָס זיינען געפאַלן אין דער נאַכט־שטילקייט אויף דער ערד מיטן אָפּהילך פון ווייטע נאַכט־דונערן. די פאַרהאַקטע, שוואַרצע טירן זיינען געווען באַשלאָגענע מיט ריזיקע, פוילנדיקע קרשים. פון די קליינע פענצטערלעך און ברעטער־שפּאַרעס האָט תמיד צו זיי געצויגן אַ סודותדיקער, שרייענדיקער פעלד־ווינט.

דער בנין האָט זיי תמיד געשראָקן מיט זיינע תפיסה־פענצטערלעך און זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי היטן נישט מער דאָס פאַרצוימטע טויטן־פעלד, פון וואַנען ס'איז געגאַנגען אַ בהלהדיקער, וויינענדיקער רעש פון יידישע לוויות, נאָר זיי באַוואַכן גאָר דעם אויסטערלישן בנין מיט זיינע תפיסה־צעלן. דאָרט אין זיין פינצטערניש, ליגט מסתם אַ געבונדענער און ראַנגלט זיך אין טויט־יסורים דער לעצטער, געפאַנגענער, אָפּגעצוימטער ייד.

בעת אין פאָדער־זייט פונעם בנין זיינען די טירן פונעם שולכל געווען פאַרקלאַפּט מיט שווערע, פוילנדיקע קרשים, וואָס די יידן האָבן פאַרן אַריינגיין אין געטאָ איבער זיי אַרויפגעוואָרפן, כדי אַזוי אַרום צו פאַרשטעלן דעם אַריינגאַנג אין גאָטס הויז — איז דער הינטערשטער טייל פונעם שולכל, מיטן טהרה־שטיבל, דורך אַלע געטאָ־יאָרן געשטאַנען אָן אָפענער. אייגנטלעך זיינען די טירן שוין לאַנג נישט געווען. דער שיינער, שוואַרצער מירמלשטיין פונעם דיל איז געוואָרן אויסגעריסן און צעכאַפּט דורך די פּויערישע שקצים פון די נאָענטע דערפער באַלד אין די ערשטע טעג. בעת אין די ווינקלען זיינען נאָך געלעגן אָפּגעריסענע שטיקער מירמלשטיין — איז שוין די גאַנצע דיל־ערד געלעגן אַ נאַקעטע און אָפּגעדעקטע. פון אירע טונקעלע, טיפע ערד־לעכער האָבן אַרויסגעשפּראָצט קליינע, בייגעוודיקע גראָזן. דאָס גאַנצע טהרה־חדרל איז געווען ליידיק, בלויז אינעם אָפּגעצוימטן פּרוזדורל, ווו ס'איז געטאָן געוואָרן דאָס לעצטע רעכט צו די פאַרשטאָרבענע, איז נאָך געבליבן שטיין אויף אַ פיר־פיסיק געשטעל דאָס ברייטע, הילצערנע טויטן־ברעט. אַ קליין, פאַרצוימט פענצטערל האָט אַראָפּגעקוקט אין צפון־זייט — צו די אָפּגעצוימטע טויטן־פעלדער אין געטאָ. אַן איבערבלייבעכץ פון אַ שוואַרץ, גרויס טויטן־טוך איז געלעגן אינעם ווינקל ווי אַ דרימלענדיקער, ריזיקער פויגל מיט איינגעבראָכענע פליגל. גאָר אויבן, אין סאַמע ווינקל פון פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, איז נאָך געהאָנגען אַ ליידיקע נעסט פון אַנטלאָפענע בית־עלמין־וורובלעס. פון אַלע ווינקלען האָבן זיך איבערן פענצטערל געצויגן ציטערנדיקע נעצן פון וויגנדיק שפּינוועב. גאָלדיק־גראָלעכע פליגן, פאַרטרוקנטע און שוין לאַנג אויסגעגאַנגענע, האָבן זיך אין זיי געוויגט אינעם פעלד־ווינט ווי זיי וואָלטן געלעגן אין גראָ־זילבערנע הענגל־בעטן.

דאָ, לעבן אָפענעם טהרה־שטיבל, זיינען די וואַכפּאָסטנס קיין מאָל נישט אַדורכגעגאַנגען, וואָרעם דער דאָזיקער בנין־טייל איז געלעגן צו צפון־זייט, דאָרט ווו ס'האָט זיך קיין מאָל נישט באַוויזן אַ מענטשלעכער פוס. אויך דער איינגאַנג איבער דער שוועל איז דורך אַזוי פיל יאָרן געוואָרן פאַרוואַקסן מיט הויכע, שטעכיקע גרעזער און נאַקעטע בית־עולם־קשאַקעס. זייער אָפט האָט אינעם ווילדגראָז דאָ פלוצעם אויפגעשפּראָצט אַ משונה־דיקע, פרעמדע בלום, וואָס מען פלעגט קיין מאָל דאָ נישט זען צווישן די פּאַ־ליענדיקע, נידעריקע טויטן־גרעזער. זי האָט געהאַט, די בלום, שאַרפקאַנטיק־געפורעמטע, רויטלעכע בלעטער־הערצער. פון דער סאַמע מיט פונעם בלום־בעכער זיינען אויפגעשטיגן אין דער הייך, איבער די בלעטער, דין־געשטרעקטע ווייסע, נאַקעטע שטענגלעך ווי קליינע שאַרף־אויפגעהויבענע שפּיזן.

ס'איז אָפט געשען, נאָך אין די צייטן בעת קאָמענדאַנט פראַנץ אָטטאָ יעססיקע פלעגט אַראָפּשיסן די פעלד־פייגל, אַז אַזאַ אונטערגעשאָסענע פעלד־וואָרנע פלעגט צוהיפּן צום ליידיקן, אויסטערלישן בנין. זי פלעגט זוכן שוץ אינעם אָפענעם חדר פונעם טהרה־בנין און ס'רוב בלייבן ליגן אונטערן טהרה־ברעט. דאָ האָבן זיי זיך לאַנג, לאַנג געראַנגלט, ביז זיי זיינען פאַוואַליע אויסגעגאַנגען אין זייער שטילער, פויגלשער גסיסה. דאָס פלעגט טייל מאָל דויערן אַ פּאָר טעג און אין צווישן האָבן די וואַכפּאָסטנס פאַרנומען די אויסטערלישסטע קולות פונעם אָפּגעלעגענעם טויטן־בנין. דאָס האָבן די שוואַרצע, פאַרוווּנדעטע פייגל אַרויסגעגעבן פונעם טהרה־שטיבל זייערע שאַרף־שפּיציקע קלאָגערייען, טייל מאָל אַ לאַנג־ציטערדיק יאָמערן ווי פון אויסבאַהאַלטענע, אויסגייענדיקע קינדער־עופעלעך.

נאָכן אָפּשיקן דעם בריוו אין דער שענק אַריין, האָט דער קאָמענדאַנט זיך געגרייט אויפצונעמען דאָס פוילישע דירנדל. ער האָט געוואָלט מיטן פריילעכן מיידל זיין ביי זיך און שפּעטער מאַכן אַ שפּאַציר צום אויסטער־לישן בנין. ס'איז געווען אַ קורצער, קרענקלעכער ווינטערטאָג. שוין אַ מעת־לעת ווי דער שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלן איבער די געטאָ־פעלדער. טרוקענע, שאַרפע ווינטן זיינען געגאַנגען פון צפון. זיי זיינען געווען דינע, שניידנדיקע ווי נאָר וואָס אָפּגעשאַרפטע מעסערס. זיי האָבן

אָבער מער נישט אָנגעטריבן קיין נייע שניי־וואָלקנס. בלויז צעפליטערטע, דימענטענע שניי־פונקען האָבן זיך געטראָגן אינעם ווינט פון נישט געזעענע שניי־פליינען. אַנטקעגן אָוונט איז געוואָרן זייער שטיל. דער צפון־ווינט האָט זיך געלייגט מיט אונטערגעשניטענע פליגל. פון די טויטן־בערגלעך איז דורך די דראָטן, שוין פון דער געטאָ־אָפּגעצוימטקייט, געגאַנגען אַ ליב־דער, ווייכער פעלד־ווינט. שטאַרק־באַשטערנטע הימל־פעלדער האָבן אַראָפּ־געלויכטן איבערן טויטן־שטח. זיי זיינען געהאַנגען, די ליכט־פעלדער, ביז אין די ווייטסטע צפון־הימלען, פאַרגליווערטע אין זייער אומבאַוועגלעכער, גרינלעכער ליכטיקייט.

*

די וואַכפּאָסטנס זיינען שוין לאַנג געהאַט אַרויס צום ערשטן נאַכט־גאַנג אַרום דעם געטאָ־צוים. ער איז געשטאַנען, דער קאָמענדאַנט, ביים פענצטער פונעם וואַך־הייזל, אַן איינגעהילטער אין זיין שווערן, שאָפּענעם פעלץ. פון די זייטיקע פעלץ־קעשענעס האָבן אַרויסגעשטאַרט די טונקעלע, רונדיקע העלדזער פון קאָניאַק־פלאַשן. ער איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק, דער קאָמענדאַנט, וואָרעם לויטן נעכטיקן באַזוך ביי די קאַטשמאַרעקס — האָט די קליינע שוין געדאַרפט זיין. איבעריקנס — ער האָט מיט איר אַפילו אָפּגערעדט ווען און ווו. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער גיך־אָנקומענדיקער פעלד־דעמערונג. אינעם אַראָפּפאַלנדיקן פראָסטיקן נאַכט־נעפּל האָבן אַרומגעטאַנצט אין דער ווייטקייט די רויטלעכע ליכט־פלעמלעך פון דער שענק. אָט — נאָך אַ פּאָר טעג און די שענק וואָלט געדאַרפט לחלוטין פאַרשווינדן. וואָס אמת איז אמת — ס׳וואָלט געווען אַ שטיקל פאַרלוסט סיי פאַר אים און סיי פאַר די קאַמעראַדן. מע וועט אפשר מוזן שרייבן קיין בערלין... און דערווייל — דעם ענין אָפּשלעפּן... כאָטש די געטאָ־וואַך איז פּינקטלעך פאַרזאָרגט געוואָרן מיט גוט עסן און טרינקען פון דער שטאָט, איז פון דעסטוועגן גוט צו האָבן נאָענט אויפן פעלד די ביר־שענק... ער האָט זיך איצט שאַרפער איינגעקוקט אין דער פעלד־ווייטקייט. אים האָט זיך געדוכט, אַז פונעם וועג לעבן דער שענק, האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין שום מענטשלעכער

שאָטן. מיטן פעלץ אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען איז ער אומגעדולדיק אַרויס פונעם וואַד־הייזל.

דער חלל אין דרויסן איז נאָך געווען קלאָר און ווינטערדיק־ראַזיק. אַן איינזאַמער, גרינער שטערן האָט שוואַך געציטערט אין די הויכקייטן. אין צפון איז שוין געלעגן די נאַכט. זי איז אַהערגעשווומען דאָ אויף די פעלדער ווי אַ ריזיקער, שוואַרצער וואַלפיש פונעם נאַכט־ים אַרויס. באַלד איז די פינצטערניש געפאַלן איבער די פעלדער. דער קאָמענדאַנט איז געגאַנגען פּאַוואָליע מיטן טרוקענעם שניי־ווענל, וואָס האָט אים געפירט צום געשפּענסטיקן בנין. ער האָט געמוזט מתחילת אַדורכקרייצן אין דער פינצטערניש די שטאַרק־אויפגעשפּראָצטע ווילד־קשאַקעס לעבן פאַר־העמערטן שולכל. ער איז דערנאָך געבליבן שטיין ביים אָפענעם אַריינ־גאַנג פונעם טהרה־שטיבל. נאָך אַ מאָל האָט ער אַראָפּגעקוקט מיטן פעלד. איצט האָט ער געזען עמעצן לויפן. דאָס איז טאַקע געווען זי — דאָס פּוילישע דירנדל. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען אַ פּאָר שריט, אויפ־געעפנט אַנטקעגן איר דעם ריזיקן שאָפן־פעלץ און זי אַריינגעכאַפּט אַ לויפנדיקע אינעם אויפגעפּראַלטן פעלץ. ער האָט זיך אַ סאָפּענדיקער קוים אַריינגעשלעפּט מיטן מיידל דורכן שוואַרצן, אָפענעם אַריינגאַנג צום טהרה־חדרל.

דאָס איז נישט געווען פאַר אים דאָס ערשטע מאָל דאָ, אין באַזעצטן פּוילן, אַזאַ מין געשעעניש. ביז איצט איז אָבער אַלץ געווען גאָר, גאָר אַנדערש. דאָס וואָס געשעט איצט — איז פאַר אים ממש אויפן גבול פון עפּעס אַ פּייערלעכער און באַצויבערנדיקער געהיימנישפולקייט. דווקא דאָ — אין דאָזיקן פאַרהעקסעטן, יידישן, הייליקן טויטן־בנין... כע־כע־כע, ס'איז אַזוי דראָענדיק־זיס אַריינצוקוקן מיט שפּאָט אין געזיכט פונעם אומפאַר־שטענדלעכן און אַלמעכטיקן יידן־גאָט... כע־כע־כע, אָבער דאָס איז נישט אַלץ. אַזוי פיל יאָרן האָט ער אין דער שטיל, הינטערן געטאָ, נאָכגעקוקט דעם שענקערס אויסגעפּראַנטעוועט שוועסטערל און מיט אַ מאָל — איז זי צו אים אַזוי אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין די הענט, ווי אַ פייגעלע. דאָס אַלץ איז געווען פאַרן קאָמענדאַנט אַ צו שטאַרקע און פּלוצעמדיקע איבער־לעבעניש... וואָס, וואָס — אָבער דער זעקסטער קרייץ וועט באַלד אַראָפּ־

פאַלן איבער זיין רוקן... ער איז געווען אַזוי אומגעדולדיק אין זיין גלייקער, טעאוטאָנישער תאווה, אַז ער האָט אַפילו באַשיימפערלעך געהערט דאָס הויכע, בייזע האַרץ־קלאַפּן אונטער דעם אייזערנעם פּאַרדינסט־קרייץ. ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף זיך אַפילו היטן אין אַזעלכע פאַלן... ער געדענקט נאָך גוט די הייסע רייד פון זיין אַננאַ־מאַרי: „אַך, אַטטאָ! אַטטאָ! ווען דו איין מאָל שטירבסט — דאַן איזט עס אין דער לי־בע...״ נו, נו, די אַלטיטשקע אין בערלין האָט תמיד געהאַט אירע זינלאַזע, נאַרישע רייד — ווי אַלע אַלטע ווייבער... אָבער פאַר וואָס איז אים דאָס אַלץ גראָד איצט אַרויפגעשווומען אויפן זכרון? גראָד איצט, בעת ער פּירט די קליינע אין דער פינצטער, איבערן ווייכן דיל־זאַמד פון דאָזיקן אויסטערלישן, ליידיקן בנין? דאָס מיידל איז די גאַנצע צייט נאָך געלעגן אַ פּאַרטוליעטע ביי אים אין שאָפּן־פּעלץ. ער האָט גיך פאַרגעסן אַננאַ־מאַריס וואָרענונג און צו זיך געשמייכלט אין דער פינצטער. ביידע זיינען אַריין אינעם נישע־אַלקערל. ער האָט פאַוואָליע אַרויסגענומען די צוויי פלאַשן, אויסגעטאָן פון זיך דעם פּעלץ און, נאָך דעם ווי ער האָט אַרויפגעוואָרפן דעם פּעלץ אויפן נידעריקן שוואַרצן טהרה־ברעט, — האָט ער דאָרט אַרויפגעשטעלט די צוויי שוואַרץ־גלאַנציקע קאָניאַק־פלאַשן אין דער פינצטער.

זיי זיינען ביידע, דער קאָמענדאַנט מיטן פּוילישן דירנדל, לאַנג געזעסן אין דער פינצטערניש און געצויגן האַסטיקע, בריענדיקע שלוקן פונעם גוטן פראַנצויזישן געטראַנק. זיי האָבן זיך ביידע פּלוצעם צעלאַכט, וואָרעם דאָס מיידל האָט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. זי איז אויפגעשפּרונגען פונעם ברעט. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן: אַ ווייסע, איינגעבוקטע געשטאַלט האָט אַדורכגעפלאַטערט איבערן ברעט. זי האָט וועגן דעם געפּליסטערט צום קאָמענדאַנט. ביידע האָבן זיך צעלאַכט. דאָס געלעכטער איז געווען פחדימדיק־שוואַרץ און געפאַלן איבער די ווענט הויל און דראָענדיק. זיי האָבן ביידע דערזען, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ גרויסער, ווייסער פלעק פון דער לבנה. נישט מער. דער גרויסער, זילבערנער פלעק האָט זיך געגליטשט פונעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל אַראָפּ צום טהרה־ברעט. דאָס מיידל האָט זיך אָבער מער נישט געקאָנט איינשטילן. זי האָט זיך מערער איינגענורעט אינעם קאָמענדאַנטס שווער־סאָפּנדיקער ברוסט. אַטטאָ פראַנץ

האָט שוין געהאַט צופיל געטרונקען. אין קאָפּ ביי אים איז אַרומגעגאַנגען אַ רויט־געקליידט מענטשל און מיט אַ ווייס בייטשל אים געשלאָגן אין מוח־חלל. ער האָט דאָס מיידל אַ קוש געטאָן צוויי מאָל אין אירע אויפ־געלאָפענע, פייכטע ליפּן. זיינע אַלטע, אונטערציטערנדיקע הענט זיינען געהאָנגען אויף איר צערייצטן, וויכן האַלדז.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי דער קאָמענדאַנט, אַן אויסגעצויגענער אויפן נידעריקן טויטן־ברעט, האָט אָנגעהויבן סאָפּנדיק צו דרימלען. דער שלאָף איז עפּעס אים פּלוצעם אַזוי שטאַרק באַפאַלן, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט ווי דאָס מיידל איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ געשריי אין דער פעלד־פינצטערניש. ער איז געלעגן אויפן ברעט, אַ צוגעדעקטער מיטן פעלץ, בעת זיין קאָפּ, אַ פאַרוואָרפענער און כאָרכלענדיקער, האָט זיך געהאַלטן אינעם נאַקעטן האַלץ. ער האָט געמוזט זיין שטאַרק שיכור — פראַנץ אָטטאָ... נאָר פאַר וואָס איז אים פּלוצעם אַזוי שווער געוואָרן אויף דער ברוסט? ער האָט מיט פאַרשלאָסענע אויגן אַ ריס געטאָן פון זיך דעם אייזערנעם פאַרדינסט־קרייץ און אים אָװעקגעשליידערט אין דער פינצטער. דער קרייץ האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער וואַנט און מיט אַ מעטאַלענעם, בייזן קרעכץ געפאַלן אויף דער ערד. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נאָר ער, דער דאָזיקער מעטאַלענער קרייץ, שווערט דאָס אַזוי אים אויף דער ברוסט. און ווידער זיינען אים אַננאַ־מאַריס רייד אַרומגעשוווּמען אין די אויערן: „ווען דו איינמאָל שטירבסט... ווען דו איינמאָל שטירבסט...״ און וואָס וועט טאַקע זיין, אויב דער אַלטער קראַקערייִ ווערט איצט מקוים, פראַנץ אָטטאָ, האַ? „ווען דו איינמאָל שטירבסט...״. אָבער דאָס מאָל האָט ער זיי געהערט אַזוי שוואַך, ווי די אַלטע וואָלט נישט גערעדט, נאָר שטיל און וויינענדיק געכליפּעט... ער איז גיך דערנאָך אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן שלאָף און אָנגעהויבן כאָרכלען.

און דעמאָלט האָט דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־וואַך, פראַנץ אָטטאָ יעססיקע, ליגנדיק אויפן טהרה־ברעט, געהאַט די זעלטענע, לעצטע אויס־טערלישע זעונג. אפשר איז עס גאָר געווען אַ שיכור־חלום, וואָס איז דאָ צו אים געקומען דאָס לעצטע מאָל אין דער פינצטערניש — און אפשר איז עס טאַקע געווען די וואָרהאַפטיקייט אַליין אויפן שוואַרצן טויטן־ברעט.

דאָ, אינעם ליידיקן טהרה־שטיבל, הינטער די פאַרצוימטע געטאָ־פעלדער.

ער האָט געהערט באַשיימפּערלעך ווי זיי זיינען אָנגעקומען. מתחילת צו איינצלנע, דערנאָך אין צווייען, אין דרייען און שפּעטער שוין אין שוואַרצע, ריזיקע מחנות. זיי זיינען געקומען אָנצופליען פונעם נידעריקן הימל, צי פון דער ערד, וואָרעם אַזוי פּלוצעם איז דאָס אַלץ געשען. פון זייער אָנפלי זיינען די וואָלקנס און דערנאָך דער נידעריקער געטאָ־הימל געוואָרן שוואַרצלעך ווי טינט. דאָס איז געווען אַ שוואַרצע, אונטער־הימל־דיקע פויגל־פּראָצעסיע, וואָס האָט גענידערט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער ערד. זיי האָבן פּאַוואָליע זיך דערנענטערט צו אים, אונטערהיפּנדיק אויף איין פוס, אָדער נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך איבער דער ערד אַ האַלבן, אַראָפּהענגענדיקן פליגל. זיי האָבן אַלע צוערשט אַרומגעטאַנצט אַרום זיין קאָפּ און, פליענדיק ווייטער, האָבן זיי זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט אויפן פעלד. איצט האָט ער ערשט געזען, אַז דאָס זיינען די אומצאָליקע שוואַרצע יידן־פייגל, וואָס ער פלעגט אָנומלט אַראָפּשיסן פונעם געטאָ־הימל. די שטאַרקערע צווישן זיי האָבן אויף זיך געטראָגן די פאַרוווּנדעטע און אַפילו די פאַרשטאָרבענע, מיט זייערע איינגעבראָכענע פליגל. פון די איינגעבראָכענע פייגלשע פליגל איז נאָך אַפילו איצט גערונען טראָפּנווייז בלוט אינעם שניי אַראָפּ. דער שניי איז געוואָרן רויטלעך און אַרומגעריזלט דעם געטאָ־צוים ווי אַ רויטער בלוט־טייך. זיי האָבן זיך ווידער צונויפגענומען און גאָר נידעריק אַרומגעקרייזט ביי זיינע שלייפן. איינער פון די פייגל האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעלאָזט פון דער מחנה און נאָך אים — האָבן אויך אָנגעהויבן ציען די אומצאָליקע מחנות גלייך צו זיין ברוסט. זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף זיין ברוסט מיט גיכע, שאַרפע שנאָבלען. ער האָט דערפילט אַ האַסטיקן, ברייענדיקן ווייטיק און געוואָלט שרייען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַרויסגעבן פון זיך אַ הויך. זיי זיינען מיט אַ העפטיקן ווינט אויפסניי באַפאַלן זיין ליגנדיקן גוף. ער האָט נישט געקאָנט אויפהייבן די הענט, כדי זיך צו ווערן. ער איז געלעגן אין גאַנצן אַ פאַרדעקטער מיט שוואַרצע פייגל־מחנות, וואָס האָבן נאָך אַלץ געפלאַטערט פון הימל אַראָפּ. מיט אַ מאָל האָבן זיך די פייגל־מחנות אויפגעהויבן. אַ ריזיק, שוואַרץ געפלאַטער האָט געפאָכעט איבער דער

ערד. זיי האָבן אַלע געצויגן אַנטקעגן דער לבנה, וואָס איז געהאָנגען אַ פּאַרגליווערטע איבערן איינגעצוימטן טויטן־פעלד. זי האָט זיך צווישן קליינע דורכזיכטיקע וואָלקנס צוגעקוקט צום פויגלשן משפט. איין מאָל האָט דער קאָמענדאַנט יאָ אויפגעעפנט די אויגן. לעבן אים איז געשטאַנען אַ מענטשן־געזעמל מיט אָנגעצונדענע ליכט. ער האָט קוים דערקענט די קאַמעראַדן־פּנימער. ער האָט זיך געוואָלט אונטערהייבן אויף די עלנבויגנס און נישט געקאָנט. זיין שווערער, גוססדיקער גוף האָט שטאַרקער אַ צאַפּל געטאָן אויפן נידעריקן, שוואַרצן טויטן־ברעט.

זיי האָבן אים שפּעטער אַרויסגעטראָגן, די קאַמעראַדן, אַ נישט פאַר־דעקטן און קאַלטן. זיי האָבן אים געטראָגן איינגעבוקטערהייט צום וואַל־הייזל. ער איז געלעגן שווער אויף זייערע הענט. זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי טראָגן אַ טויטע סטאַטוע פון מירמלשטיין. די לבנה האָט אויף אַ רגע באַלויכטן די טויטן־פּראָצעסיע איבערן שמאָלן, טרוקענעם שניי־וועג. אין פּלוצעמדיקן לבנה־ליכט האָבן זיי דערזען, אַז דעם טויטנס מויל איז געווען ברייט אויפגעפּראַלט צו אַ געשריי. פונעם אויפגעעפנטן מויל, איבער זיין געגווידערטן האַלדז, איז אָן אויפהער געפלאָסן אַ פליסיקייט. די פליסיקייט איז געווען שוואַרץ. זי האָט אַרומגערינגלט זיין ווייסן האַלדז ווי מיט אַ שוואַרצער, דין־געפלאָכטענער שטריק.

## קאַפּיטל צוועלף

# מלבושים

בעת דאָס פּוילישע שענק־דירנדל מאַרטאַ קאַטשמאַרעק איז פונעם טהרה־הייזל אַ מבולבלע נאָך געלאָפן איבערן שטיקל פינצטערן פעלד און שפּעטער אַריבער די שוועל פון דער שענק — זיינען דעמאָלט אירע ביידע ברידער, סטעפאַן און אַדאַם, געשטאַנען ביים פענצטער און זיך געסודעט. אין רחבותדיקן שענק־חדר איז גראָד קיינער נישט געווען. ס'איז שוין געווען די שפּעטע, שוואַרצע נאַכט־שעה הינטער די געטאָ־פעלדער. דאָ, אין דער פּוילישער שענק, איז געווען נעפּלדיק־קיל. אַ צעגאָסענער, זייער בלייכער פלעק פון דער ברענענדיקער קאַרביד־לאָמפּ האָט זיך געוויקלט אַרום דער גאָלדענער בילד־ראָם פון דער הייליקער מוטער. דער פלעק איז געווען אַ ציטערדיקער, אַ שיטערער און אויסגעזויגן ווי בלייך לבנה־ליכט וואָלט זיך געגאָסן דורך די שענק־שויבן. אין חלל איז געשטאַנען אַ שאַרפער, בייסיקער גערוך פונעם קאַרביד, וואָס האָט געררייצט מיט האַרבקייט פון פאַרטריקנטן קנאָבל און בראָנפן. דער האַרבער, שווערער גערוך האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ זויערלעכן אָוויר פון איינגעלייגט קרויט, וואָס שטייט לאַנג אין פּוילישע שענקען אין הילצערנע, בייכיקע פעסלעך.

ביידע ברידער זיינען געשטאַנען נאָענט לעבן זיך מיט רויט־צעגליטע פּנימער. זיי האָבן געהאַלטן דאָס פּאַפּירל, וואָס קאָמענדאַנט יעססיקע האָט זיי געהאַט צוגעשיקט וועגן פאַרלאָזן דעם שענק־בנין הינטערן געטאָ. זיי האָבן אַוודאי געמוזט זיך שטאַרק אַמפּערן וועגן עפּעס, וואָרעם, בעת מאַרטאַ איז אַריבערגעלאָפן די שוועל, — זיינען ביידע נאָך געשטאַנען אַריינגערוקטע הינטער דער גרויסער גלאָז־שאַנק, וואָס איז געווען איבער־

פול אויף אַלע פּאַליצעס מיט ביר־פלאַשן, מיט ליימיקע, קליינע קריגעלעך און אויף שנורן — פּאַרטרוקנטע, דינע יאַגד־ווורשט. דורכן אויסגעהאַקטן קיך־פענצטער האָט זיך געטראָגן אַ שאַרף צישן פון סמאַליענדיקע צווייגלעך. בעת סטעפאַן קאַטשמאַרעק האָט געהאַט אַ וויגנדיקע, לויזע און העלע טשופּרינע, וואָס האָט זיך איצט געוואָרפן איבער זיין פּנים ווי אַן אונטער־געצונדן קאָרן־בינטל — האָט אַדאַם געהאַט אַ גלאַט־ראַזירטן קאָפּ־שיידל, וואָס איז געווען גאָר שטאַרק בלאָלעך. אַדאַם האָט צוגעהאַלטן סטעפאַנען ביי ביידע פויסטן און אַן אויפהער אין אים אַריינגערעדט. סטעפאַן האָט זיך געהאַלטן אין איין רייסן פון אים און געצישעט צווישן די פולע, איבערגעגאָסענע ליפּן:

— נישט אַזוי גיך וועט דער שקאָף רירן אַ קאַטשמאַרעק פון אָרט!... דערווייל איז עס נאָך אונדזער ערד!... אונדזער פּוילן!...

ער האָט ווילד צעריסן דעם לאַנגן פּאַפּיר־בויגן און די צעקנייטשטע פּאַפּיר־שטיקלעך צעוואָרפן איבערן דיל, טרעטנדיק איבער זיי מיט די הויכע שוואַרץ־גלאַנציקע שטיוול.

ביידע ברידער האָבן געוווּסט וועגן היינטיקן באַזוך פון מאַרטאַן ביים קאָמענדאַנט. זיי האָבן דעריבער אומגעדולדיקע אָפּגעוואַרט איר צוריק־קומען. אַדאַם האָט דעם עלטערן ברודער אָנגעקוקט מיט שרעק. דעם ברודערס כעס האָט זיך געריסן און געשוימט ווי אַ יאַגנדיק וואַסער דורך אַן איינגעפאַלענער דאַמבע. אין סטעפאַנס דראָבנע, אַריינגעזעצטע קאָש־טשושקאָ־אייגעלעך איז איצט אַרומגעשווומען אַ פאַרבאַהאַלטענער, הייסער גלאַנץ, וואָס האָט געהאַט די בלאָלעכע שאַרפקייט פון אַ קאָסע. ער האָט געוווּסט, אַדאַם, אַז דער ברודער איז פעיִק אויף אַלץ, אָבער צי איז ער אויך בכוח די דאָזיקע נייע גזירה אָפּצווענדן פון קאַטשמאַרעק־הויז? די נייע גזירה פונעם דייטש האָט אויסגעזען צו זיין פאַר זיי די גרעסטע זינט די עטלעכע מלחמה־יאָרן. דאָס איז זיי אַראָפּגעפאַלן גאָר אומגעריכט און גראָד איצט, בעת ס׳וועלן זיך אוודאי פאַר זיי אָנהייבן נייע, אומ־אויסשעפּלעכע קוואַלן פון כל־טוב... מען הערט, אַז באַלד דאַרף דער דייטש לייגן באַן־רעלסן נישט ווייט פון דער שענק, אַרום דעם מאַרישינער באַן־פלאַנט און אויך ווייטער צו מערב־צו. וואָס דאָס מיינט פאַר די קאַטש־

מאַרעקס — איז פאַר זיי געווען געוויינ(ג)ענוג קלאָר. שוין נישט לאַנג וועט דאָרט, אין געטאָ, זיין אַזאַ שלווהדיק שטיל לעבן. וועגן דעם רעדט מען גאָר אָפט אין אַלע פוילישע דערפער אַרום דער בזורע. און גראָד איצט דאַרפן זיי, די קאַטשמאַרעקס, זיך אָפּטראָגן פון דאַנען און אָפּרוימען די שענק?

זינט נעכטן האָט אַדאַם לחלוטין נישט דערקענט דעם ברודער אין זיין אויפגעברויזטן כעס. דאָס איז געשען נאָך סטעפאַנס צוריקקער פונעם פּלוצעמדיקן באַזוך אין קירכעלע פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזש. סטעפאַן איז עטלעכע מאָל אַרויסגעלאָפן אויפן שענק־גאַניקל און אָן אויפהער געקוקט צו די גלאָקן־טורעמלעך, וואָס האָבן זיך געהויבן פון דער ווייטנס איבערן לאַגעווניקער וואַלד. ער איז גאַנצע שעהען אַרומגעגאַנגען איבער דער שענק אַ צערייצטער, אַ פאַרשוויגענער, מיט דער גערייצטקייט פון אַ יאַגד־הונט, וואָס דערפילט גאָר נאָענט אויף דער ערד אַ פאַרוווּנדעטע, געפאַלן געווילד. עפּעס האָט אין אים געמוזט אָנצינדן דאָס בלוט, פון וואָס אַדאַם האָט נאָך גאָרנישט ניט געוווּסט. סטעפאַן האָט זיין אויסטערלישע אָנטפּלעקונג דערוויל געהאַלטן נאָר פאַר זיך, און אַפילו פאַרן ברודער נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. ער האָט נאָך נישט געוווּסט, סטעפאַן, וואָס אַזוינס צו טאָן. ער האָט געוואָלט די דאָזיקע זעלטענע אַנטפּלעקונג פאַרווערטן פאַר עפּעס גרויסעס און גאָר וויכטיקס. נישט אָפט געשעט דאָ, אין דעם דאָזיקן טויטן־העק הינטערן געטאָ, אַזאַ־אַ פּאַסירונג. און אַז ס'איז יאָ געשען אַזאַ זעלטנקייט בעת דער לעצטער נאַכט־שיסעריי — וועט ער דעם סוד אַזוי לייכט קיינעם נישט איבערגעבן. ער האָט געהאַט איינאיינציקן פּחד: זאָל נאָר נישט איבערנאַכט עפּעס געשען — און די אַנטפּלעקונג זאָל נישט אַ מאָל אויסגערונען ווערן... ער האָט אָבער שטיל־שווייגנדיק אין זיך געטראַכט: — אָ, אַזוי גיך וועט דאָס פייגעלע נישט אַרויס... ער וועט זיך אַוודאי פון שרעק האַלטן אונטן, אין דער פינצטער, אַ ביסל צייט, כדי צו קומען צו די כוחות... ס'וואָלט אָבער געווען אַ לייכט־זיניקייט פון אים, סטעפאַנען, אָפּצוּוואַרטן... און צוליב וואָס? מען קאָן קיין מאָל נישט פאַרויסזען זייערע כיטרע גענג... שוין מאָרגן אין דער פרי וועט ער אַריין צום שקאָפ און אים פאַרשלאָגן אַ טויש: — ער וועט אים זאָגן גאַנץ פּשוט: נאַדיר, קאָמענדאַנט, אַ זעלטן פייגעלע — און לאָז

די שענק אויפן אָרט... דער דייטש וועט באַשטימט דערויף איינגיין... ווער ווייס וואָסערער פויגל ס׳ליגט דאָרט... ס׳איז טאַקע געווען זיין מזל, סטעפּאַנס, וואָס דאָס שיסערייַ האָט זיך באַלד איינגעשטילט... עפּעס האָט אים אַזוי געצויגן צום קירכעלע... צום אַלטן דזשאַד זאַלוצקי... ס׳איז נישט געווען אַזוי שווער זיך אַרויפצודראַפּען אויפן נישע־פענצטער, כאָטש דער געזימס איז געווען אין גאַנצן פאַרלייגט מיט האַרטן, קרישלענדיקן שניי. ער האָט דייטלעך אינעווייניק געזען די געשטאַלט פון גלאָקנציער — ווי ער פאַרעט זיך ביים דיל לעבן אַלטאַר... אַך, טי, פאַרשאָלטענע זרע, פאַרקויפטער יידן־הונט! אַזוי גאָר?... אַזוי באַדינסטו אונדזער הייליקן פראַנצישעק פון אַסיזש?... און ווו? דווקא אונטערן הייליקן אַלטאַר? צופוסנס פון הייליקן זון, וואָס די גאָטלאָזע און פאַרשאָלטענע זשידעס האָבן אַ נאַקעטן מיט נעגל צוגעשלאָגן צום קרייץ?

וויפל מאָל סטעפּאַן קאַטשמאַרעק האָט נאָר איבערגעטראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳געשעט מיט די יידן זינט אָנהייב מלחמה — ווי אַזוי זיי האָבן געטריבענע אין די געטאָס, פאַרלוירן ביסלעכווייז זייער עשירות, וואָס זיי האָבן דאָ, אין פאַריאָכטן און אָרעמען פוילן, אָנגערויבט דורך צענדליקער דורות; וויפל מאָל ער האָט געטראַכט וועגן די אַלע קלעפּ און שלעק, וואָס האָבן זיך געשיט איבער די יידנס שוואַרצע, געקרייזלטע קעפּ, איבער די, וואָס האָבן דורך כיטרע קונצן און געהיימע, יידישע גענגעלעך געוווסט ווי אַזוי צו ווערן די באַלעבאַטים פון לאַנד, אונטעריאָכן דעם פּויער און אַרבעטער — אַלע ריינע פּאַליאַקן, וואָס האָבן מיט זייער קריסטלעך בלוט פעט געמאַכט די אָרעמע, פּוילישע ערד, — וויפל סטעפּאַן האָט זיך אַריינגעלאָזט אין די־אָ פאַרנעפּלטע און נישט אין גאַנצן קלאָרע מחשבות וועגן דעם, וואָס ס׳געשעט מיט די יידן אין פוילן — איז ער תמיד נאָר צוגעקומען צום זעלביקן: נישט אַנדערש ווי גאָטס האַנט שטראָפט די גאָטלאָזע, די ווידערשפּעניקע, די אָפּטריניקע, די, וואָס האָבן זיך אָפּגעווענדט פון הימלישן זון און אין אים בוגד געווען... איצט איז פאַר אים קלאָר, אַז די אייבערמאַכט אין דער וועלט ליגט אין די גנאָדיקע הענט פון יעזוס קריסטוס... אין דער קירכע... זיי, די זשידעס, האָבן דערמאָרדעט דעם אייניינציקן גאָט — גיסט זיך די נקמה פון די הימלען אויף זייערע קעפּ.

און די נקמה וועט נישט געשטילט ווערן אַזוי לאַנג ביז וואַנען ס'וועט נאָך אַרומפּויזען אויף דער ערד כאָטש איינאיינציקער יידישער שרץ...

ער האָט זיך שיער נישט, סטעפאַן, געזען אַליין ווי אַ הייליקן און איינזאַמען, שטאָלצן ריטער, וואָס איז דורך אַ געהיימען אָרדן פאַרבונדן מיט טויזנטער, טויזנטער זיינס גלייכן... זיי אַלע גייען צוריקברענגען אויף דער ערד דאָס קיניגרייך פון פאַרפּייניקטן גאָט... דורך אים אַליין, דורך סטעפאַנס הענט, פליסט גאָטס לויטערע נקמה... זי מאַכט אים אויפ־שוידערן מיט אַלע תענוגים, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אינעם זיג פון בלוטיקן, הייליקן קרבן... אינעם רייַנעם, געטלעכן לייב פון יעזוס קריסטוס... סטעפאַן האָט זיך געפילט גאָר חשיבותדיק אין די אייגענע אויגן, ווי אַ פּריסטער, וואָס טראָגט הויך איבער זיך דעם קרייץ. כדי נישט איבערצורייסן דאָס דאַזיקע פּריסטערישע, ריטערלעכע שליחות — זיינען אַלע מעשים זיינע אינעם געטאָ־העק געווען באַגלייט מיט אַן עקשנותדיקער, קאַטוילישער פרומקייט, מיט אַ געפיל פון אייבערמאַכט, וואָס פאַראייניקט צווישן זיך די אַלע, וואָס טראָגן אויף זייער ברוסט גאָטס אין רחמנות איינגעטונקענעם קרייץ...

*

ווען מאַרטאַ איז אַריבערגעלאָפן די שוועל און אין איין אָטעם געגומען דערציילן וועגן געשעעניש מיטן קאָמענדאַנט, זיינען די ברידער געבליבן שטיין מבולבלע און דערשראָקענע. אַ קאַלטער, גלאַזיקער, אומקלאָרער פּחד איז געגאַנגען פון מאַרטאַס רייד. זי האָט זיך גיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער הילצערנער, ברייטער שענק־באַנק און אימפּעטיק אַרויסגעוואָרפן פון אירע אויפגעלאָפענע ליפּן אַ הייסע כוואַליע פון קולות. אַלץ איז געווען פאַר זיי נישט קלאָר. דאָס געשעעניש מיטן קאָמענדאַנט האָט געקאָנט וואַרפן אַ חשד אויף מאַרטאַן און אויף די ברידער. סטעפאַן, אַן איינגע־בויגענער אין דער העלפט, האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאַרטאַס צערייצט פּנים, וואָס האָט אין דער וואַרעמקייט פון דער שענק אויפגעטייעט און געגלאַנצט ווי אַן אַלטער עפּל, וואָס גייט־אָפּ פון פראָסט.

— איז ער טויט? — האָט סטעפאַן נישט אויפגעהערט צו פרעגן מאַרטאַן און עטלעכע מאָל זיך איבערגעצלמט.

— ער איז זיכער טויט... אַפּאָפּלעקסיע...

איצט איז אין סטעפאַנען אויפגעשטאַנען אַן אומרו. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן מיט ברייטע שריט פון דער שענק־טיר ביז צום קיכל. דער קאַרביד־פלאַם האָט זיך געטוקט און געוואָרן איינגעשרומפּן־געל. פון דער געלער קאַליר זיינען אויף אַלע קאַטשמאַרעק־פּנימער געלעגן צעגאַסענע פּעטע ציטרין־פלעקן. די באַקן ביי די מענטשן זיינען געווען בלייכע און דורכזיכטיקע. מען האָט דורך זיי אַדורכגעזען די ציטערנדיקע געזיכט־ביינער. אַממייסטן האָט זיך געגעלט דער נאַקעטער קאָפּ־שיידל פון אַדאַמען. זיין קאָפּ האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער געל־קאַליריקער אַרבוז. אויך סטעפאַנס הענט און פינגער זיינען געווען בלייך־געל, בעת אונטער זיינע פינגער־נעגל האָט זיך נאָך שוואַך געיאָגט אַ רויטלעכער בלוט־בליאַסק. די לאַנגע פינגער־ביינער זיינען געווען אין גאַנצן אָנזעעווודיק און אַרויס־געדרוקט פון צווישן דער הויט. אין זייערע אומרויקע, פלינקע באַוועגונגען האָבן זיי אויסגעזען ווי אינעם חלל וואָלטן זיך באַוועגט טויטע, אָפּגעשטאָרבענע הענט.

דער פלוצעמדיקער טויט פון קאָמענדאַנט האָט סטעפאַנען אָנגעגאָסן מיט אַ זעלטענעם, ביז איצט נישט געפילטן אומרו. ער האָט די גאַנצע צייט זיך איינגעקוקט אין מאַרטאַן ווי זי וויקלט צווישן די פינגער דעם קליינעם גילדענעם קרייץ, וואָס איז געהאַנגען אויף איר האַלדז. ווער ווייס וואָסערער טייוול ס׳וועט קומען איצט אויפן אָרט פון קאָמענדאַנט יעססיקע. אפשר וועט שוין גאָרנישט העלפן אַפילו די אַנטפּלעקונג אינעם אַלטאַר־קעלער, אין קירכעלע פון הייליקן אַסיזש...

אַ מחשבה איז אים פלוצעם אויפגעגאַנגען ווי אַן אָנגעצונדן ליכט. ער האָט גיך אַראָפּגענומען פונעם ווענטל אַ בינטל שליסלען. ער האָט לאַנג דאָרט געזוכט צווישן קאַלטן, שוואַרצן אייזן. מאַרטאַ און אַדאַם האָבן געשוויגן. הינטערן שענק־פענצטער האָט מען געהערט ווי דער ווינט ציט אַן מיט נייע שניי־געווירבלען צו די צפון־פעלדער פון געטאָ. זיי האָבן לאַנג נאָכגעקוקט ווי סטעפאַן איז מיטן בינטל שוואַרצע שליסלען

פּאַוואַליע, ווי מיט איבערגעשניטענע טריט, געגאַנגען צו די קיך־שטיגלעך און מיט זיי — געלאָזט זיך צום בוידעם־חדרל, וואָס איז געלעגן אונטערן סאַמע דאַך פונעם שענק־בנין. שטייענדיק גאָר אויבן, האָט ער אַ פּאַכע געטאָן צו ביידע מיטן פּאַק שוואַרצע שליסלען אין דער האַנט. מאַרטאַ און אַדאַם האָבן זיך שווייגנדיקע אויפגעהויבן פון די ערטער. זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען מיט די קיך־שטיגלעך, בעת די קאַרביד־לאָמפּ אין מאַרטאַס האַנט האָט געוואָרפן פאַר זיך אַ רויטלעכן, געשפּענסטיקן פלאַם.

*

הינטער דער טיר פונעם דאַך־חדרל זיינען אַלע דריי געבליבן אַ רגע שטיין. דאָס איז געווען אַ שמאָל, קליין, פאַרשפּינוועבט פּרוזדורל, ווו מען האָט געמוזט זיך שטעלן איינער הינטער דעם צווייטן. אַ פאַרזשאַווערטער, קראַנקער גרילץ פון אַלט אייזן האָט צעשניטן די שטילקייט. דאָס האָט סטעפאַן געפירט עטלעכע מאָל דעם שליסל אין דער טיר. שוין גאָר לאַנג ווי דאָס בוידעם־חדרל איז נישט געוואָרן געעפנט פון מענטשלעכע הענט. די טיר האָט זיך שווער אָפּגערוקט מיט אַ סקריפּ. דער ערשטער איז דורך דער שמאָלער, שוואַרצער עפענונג אַריין סטעפאַן. ער האָט געמוזט אַריין זייטיק, וואָרעם די טיר האָט זיך ברייטער נישט געעפנט. נאָך אים איז אַריין אַדאַם און לסוף — מאַרטאַ, מיט דער קאַרביד־לאָמפּ אין דער האַנט.

אַ שווערער, בייסיקער גערוך פון פאַרלעגענע אַלטע מלבושים, פון פוילנדיקע שווערע טשעמאָדאַנעס, רענצלעך און זעקלעך, פון אומצאָליקע שוואַרצע האַנט־בייטלען אויף לאַנגע געפלאָכטענע פּאַסקעס און שנורן, איז ווי אַ נעפּל געפאַלן פונעם פינצטערן בוידעם־חלל. דאָס גאַנצע בוידעם־חדרל, פון נישט־אַנזעעוודיקן דיל ביזן פאַרבאַרגענעם, קרומען פּולאָפּ, איז געווען איבערפולט מיט שוואַרצע, טויטע יידישע מלבושים־שטויסן. אָפּשטייענדיקע הויכע, שוואַרצע בערגלעך, פאַרקנוילטע אין זיך און אַרום־געבונדענע מיט קאָפּ־טיכלעך, זיידענע שאַלן און קאַלירטע האַנטיכער, צעטיילטע אין כלערליי בייגונגען — האָבן אונטערגעהאַלטן דעם פינצטערן פאַלנדיקן פולאָפּ. פון צונויפגעבונדענע קלומעקלעך האָבן אַרויסגעקוקט

קופערנע, בראַנדזענע און פאַרגילדעטע כלים. האַלב־צעריסענע, בלייכע פיסלעך פון געשטאָפּטע, קליינע ליאַלקעס, פאַרוויקלטע אין די בלאָלעכע אָרעמס פון קרישטאָל־קריגלעך, געעפנטע טיי־טשייניקלעך און פאַרראָסטע רערן פון זילבערוואַרג, פון שבת־ און חנוכה־לייכטער — האָבן אינעם קאַלטן פלאַם פון קאַרביד־ליכט געשאַפן אין פינצטערניש פון בוידעם־חדר אַ משונהדיק נאַכט־געפלאַטער פון נישט־ערדישע פלעק־געשטאַלטן אין זייערע פאַרגליווערטע, שוואַרצע תנועות. בעת איין וואַנט־טייל איז געווען אָנגעהויפט מיט פעק, זעק און וואַליזעס ביז צום פולאַפּ — איז די קייגן־איבערדיקע וואַנט געלעגן אַ פאַרשטעלטע מיט אַ שוואַרצער מויער פון לויטער מלבושים־שטויסן: שווערע, אַלטע פעלצן, מיט סאָבאָלנע, טכוירענע און קאַראַקול־קראַגנס, ווייבער־קליידער פון אַטלאַס, סאַמעט און זיידנס, אויסגעלייגטע איינס איבערן צווייטן, האָבן זאַנפטע אַרומגעהילט די פעלצן, זיך געקלאַמערט אין די פונאַנדערגעפּראַלטע, שווערע שלאַף־רעק און אין די טוכענע רעקלעך. דאָס בוידעם־חדרל האָט נאָר געהאַט איין־און־איינציק פאַרקראַטעוועט שפּאַלט־פענצטערל אינעם עק פונעם סופיט. איבער זיין קליין פירעקיק שייבל איז איצט געלעגן אַ גראַנאַטענער פּוילישער ווינטער־הימל. איינצלנע צפון־שטערן האָבן געמיניעט גאָר הויך צווישן די לויפנ־דיקע שניי־וואָלקנס ווי גרינע, אָפּגעריסענע קנעפּ.

סטעפאַן האָט מיט אימפּעט אָנגעהויבן איבערצוואַרפן דעם הויכן מלבושים־שטויס. פאַר אים איז געווען קלאָר: באַלד באַגינען דאַרף מען דאָס אַלץ אַרויספירן. וווהין? אַמבעסטן וועט זיין צום פעטער מיכאַלאַק, דעם לענטשיצער וואָיט. ס׳איז געווען איצט אַ סכנה, נאָכן טויט פון קאָמענ־דאַנט יעססיקע, די אַלע מלבושים צו האַלטן דאָ אין שענק. די דייטשן שיקן אָפּ די יידישע מלבושים אין פויזנער געגנט און אַפילו אין טיף דייטש־לאַנד. ס׳וואָלט געווען אומזיניק פון די קאַטשמאַרעקס לענגער צו האַלטן די מלבושים אין דער שענק.

מאַרטאַ האָט די קאַרביד־לאָמפּ אַוועקגעשטעלט אויף אַ טשעמאָדאַן און דערנאָך מיט אַדאַמען געהאָלפן סטעפאַנען איבערקלייבן די שוואַרצע מלבושים־שטויסן. זיי האָבן אויך געעפנט די טשעמאָדאַנעס, די קלומעקלעך, די געפלאָכטענע קוישלעך. זייערע הענט האָבן גיך און בהלהדיק געזוכט

צווישן דער טוכלער וועש, געשוואָלענע, ווילגאָטענע קאָפּ־קישעלעך און צווישן די שוואַרצע בגדים, שטוב־זאַכן און קינדער־שפּילצייג. פון די אַלע איינגעשלאָסענע, געפאַנגענע יידישע מלבושים, וואָס זיינען פאַרהוילענע געלעגן דאָ זינט די לעצטע יידן־טראַנספּאָרטן פון און צום געטאָ — האָט זיך געטראָגן פאַר די דריי נישטערנדיקע מענטשן אַן אויסטערלישער, פרעמדער שטויב. פונעם שטויב־וואָלקן זיינען אַרויסגעגאַנגען פאַר זייערע אויגן דאָ, אינעם בוידעם־חדרל, די פאַרטריבענע באַלעבאַטים פון די אַלע פאַרלאָזענע, איינזאַמע, שוואַרצע מלבושים. זיי זיינען אַלע אויפסניי אַדורכ־געגאַנגען, די יידן, מיט די טשעמאָדאַנעס אויף זייערע איינגעבויגענע אַקסלען. זיי זיינען געלעגן איבער די פּעק בעטגעוואַנט מיט כלערליי אָנגעהאָנגען שטובוואַרג, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן אַרום זייערע לענדן. אַ, גאָט, וואָסערער שלל פון שטוב־קליינ־קייטן, פון ווערטלאָזע שטוב־זאַכן די מענטשן האָבן געטראָגן מיט זיך צו די וואַגאָנעס אויפן באַן־פּלאַנט, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון די געטאָ־פעלדער הינטערן בית־עלמין. זיי זיינען אַלע, די יידן, געגאַנגען מיט די פנימער פאַרזונקען אין דער ערד. וואָס אַזוינס האָבן זייערע אויגן געזוכט אין דער שטומער פאַרשווי־גענער ערד, אינעם פעלד־זאַמד, וואָס האָט געשפּראָצט מיט בייגעוודיקן, פוילישן פעלד־גראָז? וואָס מער די דריי מענטשן האָבן איבערגע־וואָרפן די מלבושים און געקליבן צווישן זיי דאָס ווערטפולסטע און איידלסטע — אַלץ מער האָט זיך זיי געדוכט ווערט דאָס חדרל איבערפולט מיט אימהדיקן גאַנג פון די אומצאָליקע שוואַרצע יידן־מחנות. זיי האָבן געהערט איבער זיך אַ רעש, אַ וויסט געפילדער, ווי איבערן חלל וואָלט געצויגן אַן אימפּעטיקער געוויטער. שוואַכע און דינע קולות, געשפּאָלטענע און צעפּאַלענע, האָבן געיאָגט אין דער פינצטערניש. דאָס זיינען געווען די קולות פון ווייבער און קינדער, וואָס האָבן נישט געקאָנט נאָכאיילן נאָכן בהלהדיקן געלויף פון די געטריבענע.

ס'איז שוין געווען איבערגעוואָרפן אַ הויכער טשעמאָדאַן־שטויס און אַ באַרג מלבושים — ווי די הענט פון די זוכנדיקע זיינען אָנגעקומען צום סאַמע דיל. דאָ, אויפן דיל, האָבן זיי פּלוצעם אָנגעטראָפן אויף אומ־צאָליקע, גאָר אויסטערלישע פּירעקיקע, קליינע פליושענע זעקעלעך. אַ טייל

פון די טאַרבעלעך האָט געהאַט אויף זיך כלערליי אויפשריפטן, אויס־געגנייטע אין זילבער, אָדער אין גאָלד־פּאָדעם. די שריפט איז געווען לחלור־טין פרעמד פאַר די נישטערנדיקע מענטשן. זיי געדענקען גאָרנישט, אַז ביים אַריינוואַרפן אינעם בוידעם־חדר די־אָ זאַכן האָבן זיי ווען עס איז אַריינגעקוקט אין אַזאַ זעקעלע. אפשר האָבן זיי עס יאָ געטאָן — און אפשר איז עס זיי לחלוטין פאַרבייגעגאַנגען אין די ערשטע טעג פון בהלה. ס'איז נישט געווען דעמאָלט קיין צייט צוצוקומען צו די אַלע אויס־באַהאַלטענע, טייערע זאַכן און צירונג, וואָס די יידן האָבן מיט זיך אַריין־און אַרויסגעטראָגן פון געטאָ. די אַלע פירעקיקע זעקעלעך זיינען געלעגן גאַנצע יאָרן צוגעדעקט מיט די טשעמאָדאַן־שטויסן. ערשט איצט, צוקו־מענדיק צום סאַמע דיל, האָבן זיך פאַר זייערע אויגן אַנטפּלעקט די דאָזיקע סודותדיקע יידישע קליינע, שיין־געניייטע, קאָלירטע טאַרבעלעך.

אינעם בלאָלעכן ליכט פונעם ציטערדיקן קאַרביד־פלאַם האָט זיך גע־הייכט דער שטויס פון די־אָ פירעקיקע זעקעלעך. סטעפאַן האָט אָפּגעקליבן עטלעכע און גענומען זיי אויפוויקלען מיט ציטערדיקע פינגער. מאַרטאָ האָט נידעריקער איינגעבויגן דעם קאַרביד־פלאַם, בעת אַדאַם, אַ קניענ־דיקער אויף דער פּאָדלאָגע, האָט צוגעשאַרט די סודותדיקע זעקעלעך צו סטעפאַנס טויטלעכע, אויסגעשטרעקטע פינגער.

פּאַוואַליע, פּאַוואַליע האָבן זיינע פינגער גענומען אויפוויקלען די קליינע פּליושענע, לענגלעכע טאַרבעלעך. ער האָט דורך די שמאָלע עפענונגען אַריינגעפּירט אין זיי די פינגער און פון דאָרט אַנגעהויבן אַרויסציען שוואַר־צע קליינע קעסטעלעך, פאַרשנירטע מיט שוואַרצע רימענס. אויך פון די איבעריקע זעקעלעך האָט ער אויסגעשיט אַזעלכע ענלעכע הילץ־קלעצע־לעך — ביז ס'איז געבליבן ליגן פאַר זייערע אויגן אַ שוואַרץ בערגל פון די פירעקיקע קעסטעלעך. ער האָט דערנאָך גענומען אַראָפּציען פון די קעסטעלעך זייערע רימענס און באַלד זיינען פון זיי אַראָפּגעפאַלן קליינע שוואַרצע שיידלעך. די דריי מענטשן האָבן געשפּאַנטע און נייגעריקע זיך איינגעקוקט אין די־אָ אויסטערלישע, יידישע זאַכן. דאָס ערשטע מאָל זעען זייערע אויגן די דאָזיקע שוואַרצע, כישופדיקע קעסטעלעך. זיי האָבן געוואָלט דערגיין זייער סוד ביזן סוף. ס'האָט אין זיי געגליט אַ חשד, אַז טאַקע

דאָ, אין די קונציק־פאַרשנירטע, פּירעקיקע שוואַרצע קעסטעלעך, האָבן די יידן אויסבאַהאַלטן דאָס טייערסטע פון זייער האָב און גוטס.

מיט אַ שאַרף ספּרוזשינע־מעסער האָט סטעפאַן איצט געשניטן די ווענטלעך פון די אומצאָליקע שוואַרצע, הילצערנע קעסטעלעך. די ווענטלעך זיינען געווען דין און שוואַך, האָבן זיי זיך לייכט אונטערגעגעבן דעם שאַרפן מעסער־שטאָל. פון זייער אינעווייניקסטן, פינצטערן חלל האָבן אָנגעהויבן אַרויספאַלן קליינע, פאַרוויקלטע, בלייכע פּאַרמעט־בייגעלעך. אינעם וויגנדיקן קאַרביד־ליכט האָבן די פּאַרמעטלעך געהאַט אַ גרינלעך־זילבערנע קאָליר. בעת די געעפנטע ווענטלעך האָבן געוואָרפן פון זיך אַ שוואַרץ־סאַמעטענעם, סודותדיקן בליאַסק. וויפל קעסטעלעך ער זאָל נישט עפענען — איז פון יעדן אַרויסגעפאַלן אַזאַ זעלביק, איינגעוויקלט פּאַרמעט־בייגעלע. ער האָט זיי פאַרזיכטיק גענומען צווישן די פינגער, אָנגעהויבן אויפוויקלען און געפילט אויף זיין הויט זייער גליטשיקע פּאַר־מעט־קילקייט ווי פון אייז. פאַר זיין פּנים איז געלעגן דער פּאַרמעט, פאַרוואָרפן מיט פרעמדע, יידישע אותיות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי איינ־גראַווירט. טייל אותיות זיינען געווען שפּיציקע, טייל קיילעכדיקע און טייל אויך געבויגן־פּאַלנדיקע. די שוואַרצע דינע שורות האָבן אונטערגעציטערט אינעם קאַרביד־ליכט ווי לעבעדיקע, טאַנצנדיקע פלאַטערלעך. בעת סטעפאַנס פינגער האָבן אָן אויפהער געוויקלט די פּאַרמעטלעך פונעם דיל, האָט איבער די מענטשנס געבויגענע קעפּ געשוועבט אַ שטילקייט און אַ דראָענדיק ווינט־זומשעריי, וואָס האָט זיך געזיפּט אינעם חדר־חלל דורכן איינאיינציקן, קליינעם דאַך־פענצטער.

ס׳איז שוין אָנגעהויפּט געווען אַ שפּאַר בערגל מיט די פּאַרמעט־בייגעלעך ווי אין דרויסן, איבערן דאַך, האָט זיך פּלוצעם אויפגעהויבן אַ גאַר שטאַרקער ווינט. קליינע, ווייסע שטערן האָבן אָנגעהויבן שאַרף שימערן אינעם שייבל. דער מלבושים־באַרג האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאַס שווימענדיק זילבער פון אַ זייער בלייכער לבנה, וואָס איז אַ פאַר־גליווערטע געשוואומען אין דרויסן. זי איז געהאַנגען איצט, די לבנה, גראָד איבערן סופיט־פענצטערל און געבליקט אויף די איינגעבוקטע מענטשן און אויף דעם אָנגעזאַמלטן פּאַרמעט־שטויס. מאַרטאַ האָט זיך גיך אויפ־

געשטעלט פון דיל. דאָס שווימענדיקע לבנה־ליכט האָט זי פּלוצעם אָנגעפּילט מיט פּחד, גראָד ווי דאָס איז געשען נישט לאַנג צוריק דאָרטן, אינעם לײדיקן פעלד־בנין... אויך דאָרטן איז דאָס לבנה־ליכט געקומען ווי אַ שלעכ־טער סימן... זי האָט אָנגעהויבן גאָר גיך זיך איבערצוצלמען און הויך גערופן די נעמען פון אַ סך הייליקע... זי האָט גערופן די ברידער זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויסגיין פון דאַנען... אָבער סטעפאַן און אַדאָם זײנען ביידע געלעגן אויפן דיל מיט די אויגן פאַרקלעפּטע אינעם ווייסן באַרג פון פאַרמעט.

— צו מיכאַלאַקן... צו מיכאַלאַקן... — האָט סטעפאַן אַרויסגעצישעט פון זיין נישט געעפנט מויל.

— קיין לענטשיץ צו מיכאַלאַקן? — האָט אַדאָם איבערגעפרעגט און זיך אויפגעשטעלט פון די קני.

מאַרטאַ און אַדאָם האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון חדרל, סטעפאַן האָט זיך אויף אַ ווייל אומגעקערט און אַריין אינעווייניק. ביידע אין דרויסן האָבן געוואַרט אומגעדולדיק הינטערן טירל.

בעת סטעפאַן האָט זיך ווידער באַוויזן — האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ קליין, פול תפילין־זעקעלע. די רצועות האָבן נאָך געפלאַטערט אין דרויסן. ער האָט דאָס אַלץ גיך אַריינגעשטעקט צו זיך אין דער הינטער־קעשענע. מאַרטאַ און אַדאָם האָבן זיך געלאָזט גיין מיט די שטיגלעך אַראָפּ. די פינצטערניש איז אָפּגעטרעטן פאַר דער שווימענדיקער קאַרביד־ליכטיקייט. סטעפאַן איז געגאַנגען דער לעצטער. ער האָט צו זיך אַליין געשמייכלט. דער שמייכל איז געווען אַ פינצטערער. אַ שאַרפער, בייזער גרימאַס האָט צעשניטן זיין בלייך פנים אויף דער שטיגן־פינצטערניש. אין דרויסן, איבערן לײדיקן פעלד־חלל, האָט זיך אַלץ שטאַרקער געהויבן אַ ווירבל־ווינט און געגאַנגען ביז אַרויף צו די קלײנע שניי־וואָלקנס אין צפון.

## קאַפּיטל דרייצן

# דער טורעם

אין דער זעלביקער נאַכט, כמעט אין דער זעלביקער שפּעטער שעה, בעת אין אויבער־חדרל פון דער שענק האָבן די קאַטשמאַרעקס געהאַט איבערגעוואָרפן די יידישע מלבושים־שטויסן — האָט אינעם קירכעלע פון הייליקן פראַנציסקוס פון אַסיזש אַנטאָני בשום אופן נישט געקאָנט איינ־שלאָפן. ער האָט געזעסן האַלב אין שלאָף, האַלב וואַכערהייט אַ שוועבנדיקע געשטאַלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז די סודותדיקע געשטאַלט זיצט לעבן בעט פון שלאָפנדיקן גלאָקנציער. אַנטאָני איז געבליבן זיצן אַ פאַרשווי־גענער אינעם קאַלטן נישע־קעמערל. ער האָט נישט געגלייבט, אַז ער זעט אַן אמתע געשטאַלט. ער איז געווען זיכער, אַז ער חלומט נאָך און בעת ער האָט מיט דער פויסט אַ שטאַרקן רייב געטאָן איבערן שטערן, — איז טאַקע די אויסטערלישע געשטאַלט תיכף פאַרשוווּנדן.

דער פויער אַנטאָני האָט זיצנדיק אויפן שטרוי־זאַק זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּראָסטיקער, פייכטער פינצטערניש. אינעם שמאָלן נישע־פענצטער האָט דערווייל אָנגע־הויבן שלאָגן אַ העפטיקער נאַכט־שניי, און דער ווינט, אַ צערייצטער און אָנגעשאַרפטער ווי אַ חלף, האָט געשניטן די קרומלעכע דאַך־שינדלען פונעם קלויסטער. דער גלאָקנציער ניקאָדעם זאַלוצקי האָט אַלץ נאָך גע־כראָפּעט אין זיין פרידלעכן, אַלטן שלאָף. בלויז איין איינציק מאָל האָט ער פּלוצעם אַ געשריי געטאָן פון שלאָף. ער האָט זיך מיט עמעצן געראַנגלט, געפּאָכעט מיט די הענט איבער זיך, ווי ער וואָלט געווען אין געשלעג מיט אַ געשטאַלט אין חלום. אַנטאָני האָט לייכט אָנגערירט זיין שוועבנדיקע האַנט. דער זקן האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך געזעצט אויפן בעטל און געגנומען ווישן דעם שווייס פון זיין שמאָלן, פאַרוואָקסענעם שטערן.

— אָ, באָזשע... באָזשע... — האָט דער גלאָקנציער שטילערהייט גע־פּליסטערט — צי ביסטו עס, אַנטאָני?

— איך... איך... וואָס ביסטו אַזוי איבערגעשראָקן, אַלטער?

— כ׳האָב געהאַט אַ חלום... אַן אויסטערלישן חלום, אַנטאָני...

— געדענקסטו עפּעס פונעם חלום, ניקאָדעם?

— כ׳געדענק... כ׳געדענק... כ׳האָב געהאַט אַ זעונג... אַן אויסטער־לישער חלום...

— דערצייל... דערצייל... — האָט זיך צו אים צוגעזעצט אַנטאָני — כאָטש וואָס נוגע מיר, ניקאָדעם, האַלט איך קנאַפּ פון חלומות...

— אַן אויסטערלישער חלום, אַנטאָני... ס׳איז די צייט פון ווייגאַכטן... אַ גרויסער המון אונטן, אינעם קירכעלע... פון אַלע דערפער... פון גאַנצן פּאָוויאַט... אַלץ קניט און זאָגט תּפילה. און פּלוצעם, אָ, אַנטאָני, איך זע: די געשטאַלט פון אונדזער הייליקן פראַנצישעק שטייט אויבן אַן און פירט אַן מיט דער תּפילה... ער גיט אַ פּאַכע מיט זיין האַלבן, אָפּגעהאַקטן אָרעם און זע — אַ נס! פונעם גרויסן הילצערנעם קרייץ גייט פּאַוואָליע אַראָפּ גאָטס זון. ער גייט אַ באָרועסער, אַ נאַקעטער פאַרביי דעם קניענדיקן המון. ביי יעדן טריט, וואָס ער מאַכט, בלייבט אַ בלוט־פלעק אויף דער פּאָדלאָגע. דער הייליקער פראַנצישעק פירט אים אונטער די בלייכע, טויט־לעכע אָרעמס אַרויף צו דער אַמבאָנע... די קניענדיקע הייבן נישט אויף די קעפּ פונעם דיל... און מיט אַ מאָל: גאָטס זון גיט אַ ווענד צו מיין זייט זיין פּנים... איך האָב אַוודאי אַ געשריי געטאָן פון שרעק... אָ, אַנטאָני, דער חלום איז אַ צייכן פון הימל!...

— איך גלייב נישט, ניקאָדעם, אין סימנים פון הימל, וואָס קומען אין חלום... איך בין אַ פּויער, אַ פּאַסטעך. דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין אַפּיקורס. איך היט־אָפּ די קירכע ווי אַ טרייער קאַטאָליק. נאָר וואָס נוגע די סימנים אין חלום — פאַר וואָס ווייזט זיי נישט גאָט אויף דער וואָר — זיי זאָלן זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך — אויב ער וויל שוין יאָ עפּעס ווייזן דעם מענטשן?...

— דו רעדסט ווי אַ נישט־גלויביקער, אַנטאָני... אַפילו די טאָטערן גלייבן אויך אין חלומות...

— איך ווייס נישט אין וואָס די טאָטערן גלייבן — האָט אים צוריק־געענטפערט גאָר שטיל דער פויער — איך ווייס נאָר, אַז אַלץ, וואָס איז אין חלום — איז אַ שפּיל פון טייוול, וואָס רייצט זיך מיטן מענטשן... בוג וויאַראַ — סען מאַראַ... — ס'איז הוילער טייוול־שפּיל... שפּיי אויס, ניקאָדעם... וואַך אויף... אונדזערע זין האָבן שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן די זאַבאַבאַנעס...

— אַנטאַני, זעען דאָס געטלעכע פּנים פון הייליקן זון — הייסט ביי דיר זאַבאַבאַנעס?

— האָסטו באמת געזען דאָס לעבעדיקע פּנים פון הייליקן זון?

— געזען באַשיימפּערלעך... איך שווער ביי אַלע הייליקע... אָבער — אַנטאַני, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אָ, גאָט, זיי מיר מוחל פאַר מיינע זינדיקע מחשבות און מענטשלעכע רייד... ווייסטו, אַנטאַני, ווען איך האָב געזען?... ווען דער הייליקער פראַנצישעק האָט געפירט אונטערן אָרעם?

— דו זאָגסט דאָך: דעם הייליקן זון פון קרייץ...

— ניין, ניין, אַנטאַני... דאָס איז געווען ער... ער פון אונטן...

— ווער?...

— דער פרעמדער... דער ייד פון אונטערן אַלטאַר... פון קעלער...

— נו, זעסטו — ס'איז אַ שפּיל פון טייוול... אַלטער...

— יאָ, ס'איז געווען דער פרעמדער... אין גאַנצן ער... אַזאַ ווי איך האָב אים איבערגעלאָזט אונטן... און זיין קול האָב איך געהערט... און דער אַסיזשער האָט אים געהאַלטן די גאַנצע צייט אונטער די אָרעמס... געפירט אים ערגעץ ווו, ביז צום עק לעבן די פענצטער, ווו ס'איז תמיד טונקל־טריב... און דאָרט, ביי די קלויסטער־פענצטער, זיינען זיי ביידע פאַרשוווּנדן... ווי זיי וואָלט געריטן אויף אַ וואָלקן... אָ, באָזשע, באָזשע!...

— נו, נו, ניקאָדעם, איך זע, אַז ביסט שוין אין גאַנצן פאַרכאַפּט פונעם בעלזעבוב... כ'פרעג דיך, אַלטער, צי האָסטו ווען געזען, אַז מענטשן זאָלן רייטן אויף אַ וואָלקן?

— צי שטייט נישט געשריבן, אַז דער הייליקער... איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען... האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד אויף אַ וואָלקן און

אַרויף גלייך אין הימל ?... הער מיך אויס, אַנטאָני, דאָס איז געווען אַ בפירושער סימן פון הימל... פון דער השגחה... נישט אַנדערש. — האָט דער גלאָקנציער עטלעכע מאָל זיך איבערגעצלמט, בייגנדיק זיין גראָען קאָפּ אַזש ביז צום דיל.

— אַ סימן, זאָגסטו, אַז וואָס ?

— אַז שוין איצט, איצט, דאַרף מען דעם פרעמדן אַרויספירן... מאָרגן קאָן זיין פאַר אים צו שפּעט... כ'וועל אים ווייזן דעם וועג... צום געטאָ־צוים... איבערן פעלד. גאָט וועט אים ווייטער פירן און שיצן...

— צי גלייבסטו, ניקאָדעם, אַז דער חלום קומט פון גאָט ?

— נישט אַנדערש, אַנטאָני. יעדע מחשבה, וואָס אַ מענטש האָט, ווערט פריער געבוירן אין האַרץ פון גאָט. נאָר דער אייביקער און אומשטאַרביקער גאָט — איז דער פאָטער פון יעטוועדער מחשבה... און אויך פון יעטוועדן חלום... וואָרעם — וואָס איז דען אַ חלום אויב נישט גאָטס וואָרט, אַנגע־קליידט אין בילד ?

— וואָס נוגע מיר, ניקאָדעם, מיין איך, אַז ס'איז בעסער זיך צו האַלטן ווייט פון דער סכנה... אַ פּאָליאַק דאַרף זיך נישט מישן אין דעם, וואָס קומט פאָר צווישן דייטשן און יידן... כאָטש איך אַליין האָב מיט יאָרן צוריק, בעת די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, געהאָלפן אַ יידן... אַנטלויפן פון דאָרף... נאָך ביז היינט, ניקאָדעם, קוקן די שכנים מיט אַ בייז אויג אויף מיר... און וואָס וועט זיין, אַז דער פרעמדער וועט געכאַפּט ווערן דורכן דייטש ? וואָס דעמאָלט ?

— אַנטאָני, ס'איז איצט די טיפסטע פינצטערניש... הערסט נישט דעם שניי־שטורעם פאַרן פענצטער ? איצט, אַנטאָני, נאָר איצט... גאָט אַליין האָט מיר צוגעשיקט די מחשבה אין חלום...

דער אַלטער גלאָקנציער ניקאָדעם זאַלוצקי איז אויפגעשטאַנען פון זיין שמאָלן געלעגער. ער האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן די מלבושים, בעת אַנטאָני האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם פענצטער, וווּ דער שניי־שטורעם האָט געקלאַפּט מיט צעריסענע, ווייסע פליגל.ביידע, שוין אָנגעטוענע, האָבן גענומען אַרויסגיין פונעם נישע־חדרל, געשאַרט זיך ביי די שמאָלע, געדרייטע קלויסטער־שטיגעלעך, ביז זיי זיינען אָנגע־

קומען אינעם אונטערשטן ליידיקן חדר, וואָסביים גרויסן תּפילה־זאַל פונעם קירכעלע.

די צוויי אַלטע לייט האָבן פּאַוואָליע אויפגעמאַכט די טיר צום תּפילה־זאַל. אינעווייניק איז געווען פינצטערלעך. די ווייסקייט פונעם פאַלנדיקן, געדיכטן שניי האָט בלויז מיט ווייסע שטרייפן פאַרליכטיקט די הויכע ווענעציאַנער קירכע־פענצטער. דער אַלטאַר איז געשטאַנען אַרומגעהילט אין אַ קלעפּיקער פינצטערניש. ס׳איז נישט געווען צו זען די מינדסטע זאַך אויף עטלעכע שפּאַן. דער גלאָקנציער האָט געקענט יעדעס ווינקעלע אין דער פינצטער. ער האָט נישט געדאַרפט אָנקומען צו ליכט. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געצויגן הינטער זיך דעם פויער — ביז זיי זיינען ביידע צוגעקומען צום אַלטאַר.

ביידע מענטשן זיינען געשטאַנען אַ ווייל פאַרגליווערטע און זיך איינגעהערט לעבן אַלטאַר. ס׳איז נישט געווען צו הערן דעם מינדסטן שאָרך אַחוץ דעם שניי־שטורעם, וואָס האָט זיך געראַנגלט אין דרויסן. ס׳איז געווען נאָך ווייט צום ווינטערדיקן זון־אויפגאַנג, וואָס איז פול מיט דער טיפסטער פינצטערניש. דער גלאָקנציער האָט אין דעם געזען אַ גוטן סימן פון דער השגחה. ביידע מענטשן האָבן געשוויגן און זיך צוגעהערט צום קעלער ביי זייערע פיס. זיי האָבן געוואָלט אויפכאַפּן אַ שאָרך, אַן עטעמען פונעם שלאָפנדיקן פרעמדן. זיי האָבן אָבער גאָרנישט נישט פאַרנומען פון אונטן. איינאיינציק מאָל האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי זיי וואָלטן געהערט אַ שטילן, דינעם שלוכץ. ס׳איז אָבער נישט געווען פונעם קעלער לעבן אַלטאַר. דאָס זיינען אַזוי קלויסטער־מייז געלאָפן ביי דער קייגנאיבערדיקער וואַנט. זיי האָבן געפּישטשעט מיט ווייגענדיקע קולות אין דער פינצטערניש און צוגעקומען ביזן הויכן, הילצערנעם קרייץ.

דער גלאָקנציער האָט זיך פּלוצעם איינגעבויגן און געעפנט דעם אַלטאַר־שופלאָד. אין זיין האַנט האָט געפלאַטערט אַ ווייסער פּריסטער־קיטל.

— דאָס וועט אים העלפן, אַנטאָני, דורכגיין אינעם שניי... דער ווייסער אָרנאַט פון פּראָבאָשטש יאַנקאָווסקי...

ער האָט זיך דערנאָך איינגעבויגן, אַוועקגעשאַרט דאָס טעפּיכל איבערן קעלער־דיל און פּאַוואָליע געעפנט דעם שוואַרצן צודעק.

זיי זיינען ביידע געשטאַנען לעבן אָפענעם קעלער און געשפּאַנט אַפּגעוואָרט אַ הויך פון דער אונטערשטער פינצטערניש.

— פרעמדער!... פרעמדער!... — האָט דער גלאָקנציער אין אַ שטיל קול אַראָפּגעפּליסטערט אינעם קעלער־חלל.

ס'איז נישט געקומען דער מינדסטער ענטפער פון דער טיפעניש.

— מענטש!... מענטש!... רוף זיך אָפּ!... דאָס זיינען מיר, מענטשן, — געקומען דיר העלפן...

ערשט איצט האָט זיך פון אונטן געהערט אַ שוואַך קול:

— קטאָ?...

— מענטש... פרעמדער... דאָס בין איך... און מיין שכן... שרעק זיך נישט, פרעמדער... ס'איז די צייט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט... ס'איז דאָ אַ סכנה... מירן דיר ווייזן דעם קירצסטן וועג אַהין... איבערן פעלד... און גאָט אין הימל וועט דיר העלפן און דיך שיצן...

דער גלאָקנציער האָט נאָך עפּעס געזאָגט און אויך אַנטאָני האָט אַ קניענדיקער אַראָפּגעפּליסטערט אינעם קעלער. זיי האָבן אים געעצהט זיך צואיילן, וואָרעם יעטוועדע רגע דערנענטערט דעם זון־אויפגאַנג איבער די געטאָ־פעלדער. באַלד האָבן ביידע מענטשן דערזען, ווי פון קעלער הייבט זיך אַרויס אַ פאַרקנוילט, שטיק פינצטערניש.

דער פרעמדער איז געבליבן שטיין צווישן ביידע מענטשן ווי אַן אויפ־געהויבענער זייל פון שוואַרץ ליכט. ס'איז נישט געווען צו זען די מינדסטע קאָנטור פון זיין גוף, — נישט פון זיינע הענט און נישט פון זיין קאָפּ. די דאָזיקע געדיכטע פינצטערניש, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויסגעגאַנגען פונעם קעלער־חלל, האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער קירכע־חשכות און גע־שטאַנען פאַר ביידנס אויגן שווער און אומדורכזיכטיק. ווען נישט דאָס פרעמדע, גיכע אָטעמען פון דער־אָ פאַרקנוילטער פינצטערניש אַנטקעגן זיי, וואָלטן זיי לחלוטין נישט געוווּסט צי איז טאַקע עפּעס דאָ געשען לעבן אַלטאַר. דעם פרעמדנס אָטעמען איז געווען אַ קורצס, אַן אָפּגעהאַקטס ווי ביי אַ האַרץ־קראַנקן. ער האָט געציטערט פון קעלט. ביידע מענטשן האָבן

פלוצעם דערפילט אויף זייערע אָרעמס דעם פרעמדנס פינצטערע הענט. זיי זיינען געווען אייזיק און שווער. אַלע דריי זיינען זיי געשטאַנען אַזוי אַ רגע און געשוויגן. אַקייגנאַיבער, אינעם ווענעציאַנער־פענצטער, האָט אַלץ העפטיקער געקלאַפּט דער שניי־שטורעם. הינטערן הויכן קירכע־קופּאָל האָט זיך געוויגט דער ווינט און געענטפערט דעם דרויסנדיקן נאַכט־שטורעם מיט געדעמפטע, פינצטערע זיפצן.

איצט האָט דער גלאָקנציער דעם ווייסן גלח־קיטל דערלאַנגט דעם פרעמדן און אים געהאָלפן גיך אַרויפציען אויף זיך. אויך אַנטאַני האָט אונטערגעהאַלטן די אַרבל, געצויגן דעם קיטל איבער דעם פרעמדנס, הויכן גוף. דער ווייסער אָרנאַט איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַרן פרעמדן, וואָרעם אויף פראָבאָשטש יאַנקאָווסקי איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער מאַנצביל. דער קיטל האָט אים באַדעקט ביז איבער די פיס. באַלד איז צווישן די צוויי מענטשן אין דער קירכע־פינצטערניש דער פריערדיקער שוואַר־צער זייל צעשוווּמען. אַנטקעגן זיי האָט זיך, ווי אַ סנאָפּ גראָ, דער־מערנדיק זון־ליכט, אַוועקגעשטעלט דעם פרעמדנס געשטאַלט אינעם ווייסן, איבערגעוואָרפענעם בגד.

דער גלאָקנציער האָט דעם פרעמדן געפירט דורכן הייפל צום זייטיקן טויער־טירל, פון וואַנען מען האָט געקאָנט צוקומען צום געטאָ־פעלד. ער האָט גייענדיק נישט אויפגעהערט אים צוצופליסטערן ווי אַזוי צו דערגיין, אָן סכנה, צום צוים פון געטאָ־בית־עולם. אַמזיכערסטן איז טאָקע איצט, פאַר טאָג, בעת די וואַכפּאָסטנס דרימלען אין דיביידלעך. ווי נאָר ער וועט אַדורכגיין דאָס פּיצל קאַרטאָפל־פעלד, הינטערן קירכעלע, דאַרף ער, פויזנדיק, פאַרקירעווען אויף לינקס — הינטערן איינגעפאַלענעם לײדיקן בנין. ער דאַרף זיך האַלטן, דער פרעמדער, נאָר ביים שניי, וואָס ליגט דאָרט אין הויכע שטויסן... פונעם איינגעפאַלענעם בנין גייט דאָס פעלד אַראָפּ משופּעדיק — און אַפילו פאַרן דייטשן וואַכפּאָסטן איז שווער עפּעס צו זען... פון דאָרט ציט זיך דער שטח די גאַנצע צייט אַ גרוביקער, מיט פאַרטיפונגען. עס איז גוט זיך אין אים אַ ביסל אויפצוהאַלטן, זיך אָפּצורוען... איצט שיקט פאַר אים די השגחה דעם שניי־שטורעם... און אַז ער וועט אָנקומען, דער פרעמדער, צום איינגעפאַלענעם בנין — זאָל ער אָפּוואַרטן...

נישט רירן זיך פון אָרט — ביז... ביז ער וועט נישט הערן פון אים אַ צייכן...

— אַ צייכן? — האָט דער פרעמדער גאָר שטיל אַ פּליסטער געטאָן. דאָס ערשטע מאָל האָבןביידע מענטשן דערהערט איצט זיין קול. ס'איז זיי אויסגעקומען, אַז ס'רעדט נישט אַ מענטש נאָר אַ פּאַרכישופטער, ווייסער גייסט, וואָס האָט זיך איצט זיי אַנטפּלעקט אין דער פינצטערניש.

— יאָ, זאָל דער פרעמדער פריער נישט אַדורכפויזען די דראָטן — ביז ער וועט הערן דעם צייכן... דאָס גלאָקן־קלינגען פון טורעם... דאָס קלינגען וועט זיין פאַר אים אַ סימן... צו גיין ווייטער... דער גלאָקן־קלאַנג וועט פאַרשטילן יעדן שאָרך פון די דראָטן... די דייטשן ביים צוים זיינען געוווינט צו הערן תמיד זיין נאַכט־קלינגען אויפן טורעם...

בעת דער פרעמדער האָט זיך איינגעבויגן, כדי אַראָפּצולאָזן די פיס פונעם קלויסטער־טרעפּל, האָט דער גלאָקנציער אויפגעהויבן די הענט. ער האָט געמאַכט אַ קרייץ איבער דער שטייענדיקער געשטאַלט אין ווייסן פּריסטער־קיטל. אויך אַנטאָני האָט עפּעס פרום און גאָר שטיל אַ מורמל געטאָן.

*

פונעם קירכעלע צום קאַרטאָפל־פעלד איז דער פרעמדער דורכגעלאָפן מיט לויפנדיקע שריט, כאָטש דער גלח־קיטל האָט אים לכתחילה געשטערט אינעם לויפן. ס'איז טאַקע געגאַנגען אַ שווערער שניי־שטורעם פון צפון. צוגעקומען צום קאַרטאָפל־פעלד — איז ער געבליבן ליגן אויף דער ערד אין אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. ער האָט באַהאַלטן אינעם זכרון אַלץ, וואָס דער גלאָקנציער האָט אים געזאָגט: פאַרנעמען זיך אויף לינקס, צום אייב־געפאַלענעם בנין — און פון דאָרט — דורך דעם פעלד־שפּוע, אויף אַ הונדערט שריט, ליגט שוין דער בית־עולם... דאָרט, הינטערן צוים, זיינען די יידן... זיי, וווהין ער קומט מיט זיין שליחות...

ער איז געלעגן אויף דער ערד, דער פרעמדער, איבער זיך די שניי־זאווערוכע, אַן איינגעהילטער אינעם גלח־קיטל און אינגאַנצן אַריינגע־פרעסט צווישן דער איינגעפאַלענער ערד־גרודע פון טויטן קאַרטאָפל־פעלד.

פאַר אים האָבן זיך געשוואַרצט די צעפּאַלענע ווענט פונעם בנין — בעת דורך זיינע אייבערשטע לעכער איז געווען צו זען אַ שוואַכן ליכט־אָפּשיין. דער שניי, וואָס איז געפאַלן, איז געווען האַרט און שטעכיק, מיט שפּיציקע קאַנטן איבער די געפרוירענע אייז־קייקעלעך. פונעם פרעמדנס שטערן איז געפלאָסן דער שווייס. ער האָט יעטוועדע ווײַלע אומגעקערט דעם קאָפּ צום באַהאַלטענעם טורעם אויפן קירכעלע. דאָרט, אינעם ליידיקן קירכעלע, איז ער געווען באַשיצט. אונטן, אינעם קעלער, זיינען אים צוריקגעקומען די כוחות און צוזאַמען מיט זיי — דער בטחון, אַז ער האָט גוט געטאָן מיטן לאָזן זיך אין וועג אַריין... ווי לאַנג ער איז געלעגן אַרומגערינגלט מיט די פייכטע ווענט פונעם קירכע־קעלער, איז ער געווען אומרויק און וואָס גיכער געוואָלט אַרויס פון דער פינצטערניש. דאָס שליחות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, האָט אים געטריבן ווי מיט אומגעזעענע, פייערדיקע בייטשן. טייל מאָל איז אים באַפאַלן אַ שרעק נישט צו פאַר־שפּעטיקן. צי וועט ער נאָר אויספירן דאָס, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען? אַריינקומען צו די יידן, הינטערן צוים... ווי גרויס די סכנות זאָלן אין דרויסן נישט לויערן, האָט ער מיט איינגעצוימטער פרייד פאַרלאָזט דאָס באַהעל־טעניש... און איצט — ווי גוט וואָס ער ליגט שוין אונטערן פרייען הימל, פון וואַנען ס׳גייט דער דאַזיקער העפטיקער שניי־שטורעם... איבער אים — דער פרייער, צעשטורעמטער שניי־הימל! און אויסטערליש: דווקא דאָ, פאַרזונקען אין דער פאַרשנייטער ערד־גרודע, צווישן דעם וואָיענדיקן צפון־ווינט, אינעם ווייסן פריסטער־קיטל, וואָס האָט אים אויסגעגליכן מיט דער פעלד־ווייסקייט — האָט ער זיך דערפילט פריי און אָן סכנות. ער איז געווען אַ ווייסע, אָטעמדיקע חיה, וואָס בלויז די נאַטור שיצט זי. די פעלד־פינצטערניש הינטערן צעפּאַלענעם בנין האָט דעם מענטשן אָנגעגאָסן מיט אומפאַרשטענדלעכע כוחות, ווי איינער וואָס פאַרלאָזט נאָך אַ לאַנגער תקופה אַ געפענקעניש. די פאַלנדיקע, פאַראייזטע שניי־שטערן האָבן אין דער פינצטער געבליצט מיט אומצאָליקע ליכט־פונקטן. אויף זיין קאַלט פאַרשלאָסן מויל זיינען זיי געפאַלן, די פונקען, און דאָרט געצונדן נייע, פאַרבאַהאַלטענע זאַפטן. פון אַלע ליכט־פונקען, וואָס דער דאַזיקער נאַכט־שניי האָט געבוירן אין דער סכנהפולער שעה, איז אים באַפאַלן אַ פלאַם,

אַ הייסער, אַ גלוטיקער, וואָס האָט אים געצויגן גיכער פּאָרויס... לאָזן זיך אַהין — צו די יידן הינטערן צוים... צו די יידן... צו די יידן... צו די יידן...

ער האָט אַוודאי געמוזט אַריינפאַלן אין אַן אייזיקער פּאַרגליווערטקייט, פון מידקייט און קעלט, וואָרעם די קני־קנעכלעך האָבן אים פּלוצעם אָנגע־הויבן שווער צו ציען אַראָפּצו. אויך די הענט זיינען אים אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ שווערקייט. די אויגן האָבן זיך אים געגומען שליסן מיט בליי־דעקלעך. דער צעפאַלענער בנין, ווו ער האָט איצט געדאַרפט צופויזן, האָט זיך פאַר אים געשוואָרצט ווי אַ צעריסן נאַכט־באַשעפעניש. דעם מענטשן איז פּלוצעם באַפאַלן אַ פּחד, אַז ער וועט נישט דערהערן אין דער בלייענער פאַרזונ־קענקייט דעם צייכן פון טורעם... אפשר איז שוין גאָר לאַנג געווען דער גלאָקן־רוף פון טורעם און צו אים איז ער נישט דערגאַנגען? אָט, אָט און ער זינקט אַראָפּ אין אַן אומגעזעענעם תהום פון פינצטערניש. ווער ווייס ווי לאַנג ער ליגט שוין דאָ אויפן קאַרטאָפל־פעלד מיט די־אָ מחשבות... צי וועט ער דערהערן אינעם שניי־שטורעם דאָס קלינגען פון די גלאָקן אויפן טורעם?

ער האָט אָנגעהויבן פויזען צום בנין אויף לינקס. איצט האָט ער גע־קאָנט זען פונעם בערגל דעם שטח, וואָס ער האָט שוין הינטער זיך. דער צעפאַלענער בנין האָט געמוזט אַ מאָל זיין אַוודאי אַ קוזשניע, וואָס ליגט שוין לאַנג אין אַ חורבה... ס'איז נישט געווען שווער צו אים צוצופויזען. און אָט ליגט ער שוין ביי דער וואַנט. פון דאַנען קאָן ער אויפהייבן דעם קאָפּ און קוקן הינטער זיך. דאָ, ביים בנין, קאָן אים קיינער נישט זען פון די וואַך־ביידלעך. הינטער אים ליגט דער אָפּגעפויזעטער שטח... ווייט, איבערן פעלד־חלל, באַהאַלט זיך דער אויפגעהויבענער ווייסער טורעם... דער טורעם... דער טורעם... דער ווייסער טורעם...

ער האָט זיך איינגעהערט אין וואָיענדיקן ווינט אַרום זיך. אויף דער צעקרישלטער ציגל־מויער איז געלעגן עפּעס שוואַרצס און דיקס. ער האָט עס אַ ריר געטאָן מיט דער האַנט. דאָס איז געווען אַן אַלט שטיק אייזן, אַוודאי פון אַן אַקס, אָדער פון אַ קאָסע. דאָס אייזן איז געלעגן אין דער מויער־שפּאַלט פאַרטונקען אין צעשמאָלצענעם שניי־וואַסער. ער האָט פּאַוואָליע אַרויסגעצויגן דאָס שטיק אייזן און דערנאָך אָנגעהויבן פון דער

האַנט־פֿלאַך צו זיפּן דאָס קאַלטע שניי־וואַסער. ער האָט אַן אויפֿהער געקוקט צו דער טורעם־זייט. ער איז אָבער געלעגן פֿאַרהוילן, דער טורעם, אין דער נאַכט־פֿינצטערניש. איבערן פֿעלד־חלל איז פֿון צפֿון־הימל געגאַנגען אַלץ אַ שטאַרקערער ווינט. פּלוצעם האָט זיך דער ווינט איינגעשטילט. דער שניי איז געוואָרן שיטערער און רחמנותדיקער. איבערן צפֿון־הימל האָט אַ שניט געטאָן אַ פֿליסיקער ליכט־פּאַס. תּחילת האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז אַ שיין־וואַרפֿער פֿון די דייטשן ביים געטאָ־צוים. דאָס איז אָבער געווען אַ סנאָפּ העל, פֿליסנדיק ליכט פֿון דער לבֿנה, וואָס האָט זיך אויף אַ רגע דורכגעריסן פֿונעם פֿאַרפֿאַנצערטן נאַכט־הימל. די לבֿנה האָט אַ שמיץ געטאָן מיט איר ליכט איבער די צפֿון־פֿעלדער. אין דער איינאיינציקער רגע פֿון פּלוצעמדיקער ליכטיקייט, וואָס איז געפֿאַלן פֿון די פֿאַרפֿאַנצערטע שניי־וואָלקנס — האָט דער מענטש דערזען דעם טורעם. ער איז געווען באַגאָסן, דער טורעם, פֿונעם ציטערדיקן, מילדן ליכט פֿון דער ווינטער־לבֿנה. ער האָט געלויכטן מיט זיינע טורעם־דעכלעך און געווען שטאַרק ווייס. אויך די פּירעקיקע דאַך־שפּיצן האָבן געלויכטן אין דער העלקייט ווי ביין. אונטן, בידעריקער פֿונעם טורעם, זיינען די קירכע־ווענט געלעגן אין פֿינצטערניש. דער ווייסער טורעם האָט ווי אַ נס זיך באַוויזן אינעם שווימענדיקן נאַכט־שטורעם פֿון שניי און פֿינצטערניש. אָבער לאַנג האָט עס נישט געדויערט. דער טורעם איז פּלוצעם פֿאַרשוווּנדן פֿון דער בליציקער אויפֿגעהעלטקייט. דער שניי האָט ווידער אָנגעהויבן פֿאַלן. שווערע אייז־שטערן האָבן אויפֿסניי גענומען באַדעקן דעם פֿרעמדנס פּנים. דער הימל האָט זיך גיך פֿאַרשלאָסן מיט די צפֿון־וואָלקנס. איבערן פֿעלד האָט זיך גאָר נידעריק געטראָגן די יללה פֿונעם נאַכט־ווינט.

אין דער־אָ רגע האָט אַ דיך, מעטאַלן זשומען ווי אַ טרוקן געוויין צעשניטן דעם פֿעלד־חלל. דער מענטש האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס. איינגענורעט אינעם שניי האָט ער זיך געגרייט צו פּויזען פֿאַרויס. אַ צעצויגן, שווער גלאָקן־קלינגעריי פֿונעם באַהאַלטענעם טורעם האָט זיך צעפּיצלט איבער די נאַכט־פֿעלדער. זיין קלאַנג איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער, צוגעקומען נענטער צום בנין און מיט שווערע, געמאָס־טענע קלעפּ געפֿאַלן פֿון די טורעם־גלאָקן אין דער פֿינצטערניש.

## קאַפּיטל פערצן

# שטריק

צום קליינעם, מאַרישינער באַן־פּלאַנט, וואָס ליגט אַ פאַרשנייטער אויף די מיזרח־פעלדער הינטערן געטאָ, האָבן זינט וואָכן, פון סאַמע פריסטן באַגינען, געצויגן טאָג־טעגלעך אומצאָליקע, פוילישע פויערים־קאַלאָנעס פון די אַרומיקע דערפער. זיי זיינען געגאַנגען מחנותווייז, די פויערים, פונעם גאַנצן לאַגעווניקער קרייז ביז גלאָוונע און אַפילו פון די קליינע ישובים ביים בזורע־טייך, וואָס גרענעצן מיטן לענטשיצער פּאָוויאַט. די פויערים זיינען געגאַנגען מרה־שחורהדיקע און פאַרטוליעטע אין אַלטע שעפסענע קאָזשוכן, אין סערמיענגעס און אין וואַטענע, קורצע, צעדריוולטע קורטקעס. אויף די פּיס האָבן זיי אַלע געטראָגן ברייטע, הילצערנע כאָדאַקעס. זיי האָבן זיך מתחילת אויפגעזאַמלט אויף די קליינע, אָפענע דאָרף־פּלעצער, הינטער די קירכעלעך, ראַטושן און צמענטאַזשעס. פון דאָרט האָבן זיי באַוואָפנטע רייכסאַרבעטס־דינסט־מענער, ס. ס. און פוילישע הילפס־פּאָליציי געפירט קאָלאָנענווייז אַנטקעגן די געטאָ־פעלדער, הינטערן מאַרישינער באַן־פּלאַנט. ריזיקע, אָפענע פּלאַטפאָרם־וואַגאָנעס זיינען געשטאַנען הינטער דער באַן־ראַמפּע אָנגעלאָדנטע מיט שפּאָגל־נייע, שוואַרץ־גלאַנציקע באַן־רעלסן. פון סאַמע ווינטערדיקן מאָרגנגרוי האָבן פון דאַנען די אומצאָליקע פויערים־קאָלאָנעס געהויבן די רעלסן פון די וואַגאָנעס, געצויגן זיי איבער די פעלדער, בעת זייער אייזערנער, שוואַרצער נישט־גוטער אָפּהילך האָט זיך איבערגעטראָגן פון די פאַרשנייטע פעלדער אין סאַמע געטאָ אַריין. אומצאָליקע קליינע פויערים־גרופּעס האָבן מיט שפּאַדלעס און העק דערווייל איבערגעוואָרפן די פאַרפרוירענע, פוילישע ערד, אויסגעגליכן בערגלעך, געצויגן די הילצערנע באַן־סלופּעס אויף באַן־אַנשיטן, ווו אַנדערע

פויערים־מחנות האָבן שוין געלייגט די נייע, שוואַרצע באַן־רעלסן. מיט יעדן טאָג האָט זיך אַלץ מער געצויגן אין די ווינטערדיקע מרחקים דער נייער באַן־וועג. די רעלסן, מיט זייערע אָן־סופיקע שטאָלענע הענט, האָבן מיט אַ קרייז אַרומגענומען דעם מיזרח־טייל פון געטאָ, געלאָפן איבער ליידיקע פעלד־שטחים, צווישן לאַנקעס און שיטערע סאָסנע־וועלדלעך — און פון דאַנען, דורך קנאַפּ־באַוווינטע הינטער־שטאָטישע פלעצער, געצויגן צום גרויסן באַן־קנופּ, וואָס ליגט שוין ווייט הינטערן געטאָ אויף מערב.

צווישן די אומצאָליקע פויערים־קאָלאָנעס און אויך אין די פּוילישע דאָרף־ישובים זיינען אַרומגעגאַנגען כלערליי שמועות וועגן די באַן־רעלסן, וואָס דער דייטש לייגט הינטערן מאַרישינער געטאָ־פּערטל, אויפן וועג קיין מערב. ס׳איז שוין געווען עטלעכע וואָכן נאָך באָזשע נאַראָדזעניע. די קאַלטע פעברואַר־טעג פון יאָר 1944 האָבן געפרישעט מיט פראָסט־טיקן, דימענטענעם שניי־שטויב. אין די פאַרקאָוועטע שויבן פון די נידעריקע פּוילישע כאַטע־פענצטער האָט אין דער נאַכט־שטילקייט אָן אויפהער געקלאַפּט דאָס איינטאָניקע, ריטמישע לויפן פון נאָענטע לאַסט־באַנען. אַלע זיינען זיי געלאָפן פון דער בוג־זייט. די צוגן זיינען אַדורך בלויז אין די נעכט, בעת די לאָקאָמאָטיוון, פאַרסאָפּעטע און פינצטערע, האָבן זעלטן ווען געלאָזט הערן זייערע סיגנאַלן. אין די הערצער פון די פויערים אין לאַגעווניקער קרייז זיינען פּלוצעם אויפגעגאַנגען האָפענונגען פון אַ גיכער באַפרייונג און סוף פון מלחמה. מען האָט געוווסט, אַז די לויפנדיקע באַנען פון מיזרח זיינען געווען איבערפולט מיט דייטשן, מיט מלחמה־טאַבאַרן און פאַרדעקטע כלי־זין. הינטער די לענטשיצער וועלדער האָבן זיך אין די נעכט אָפט געטראָגן הילכיקע שיסערייען. דאָס האָבן פאַרטיזאַנער־גרופּעס דורך מינעס געוואָרפן פון די רעלסן די לויפנדיקע דייטשע צוגן. פויערים־זקנים, וואָס זיינען נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אַרבעט אין רייך, האָבן זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע נאַכט־אויפרייסן און געוואַרט אויף גרויסע געשעענישן. דאָס לייגן דעם נייעם באַן־וועג, וואָס וועט פאַרבינדן מיזרח מיט מערב, איז פאַר זיי געווען דער בעסטער סימן, אַז זיי ווערן געלייגט, כדי דער דייטש זאָל קאָנען וואָס גיכער אַנטלויפן פון פּוילן...

עס זיינען אויך אַרומגעגאַנגען שמועות, אַז דער דייטש לייגט די באַן־רעלסן, כדי וואָס גיכער אַרויסצופירן די לעצטע יידן פון געטאָ. פון די הויכע באַן־אַנשיטן, אויף די בערגלעך, האָבן די פויערים געקאָנט זען די ליידיקע געטאָ־פעלדער הינטערן יידישן בית־עלמין. דער צפון־טייל פון שטאָט איז געלעגן תמיד אין גראָען, צעריסענעם שניי־נעפּל. איבער די פאַרבוקטע, בידעריקע געטאָ־בנינים איז געהאָנגען דער הימל אַ פינצטערער, אַ דורכגעזאָפּטער פון שווערע שניי־וואָלקנס אין צפון. די איינציקע הייליקע מאַריע־קירכע, וואָס איז געלעגן אין געטאָ־תחום, האָט מיט אירע הויכע טורעמס זיך שפּיציק געהויבן פונעם שניי־נעפּל. אין קלאָרע ווינטער־טעג האָט מען באַשיימפּערלעך געקאָנט זען פון די בערגלעך דעם הויכן טורעם־זייגער, מיט זיינע שטיינגעבליבענע ווייזערס. די פיר שוואַרצע אָפענע מיילער פון די מאָנסטרומס האָבן פון דער מאַריע־קירכע שפּאָטיש גע־שטרעקט צווישן שאַרפע ציין זייערע לאַנגע, שפּיציקע צונגען צו אַלע פיר זייטן פון דער וועלט...

אויך פאַר די קאַטשמאַרעקס זיינען די געשעענישן געווען אַ סימן, אַז ס'דערנעענטערט זיך דער סוף. אין דער שעה פון איבערוואַרפן די יידישע מלבושים, אויבן אינעם בוידעם־חדרל — זיינען שוין דעמאָלט געלאָפן די אומצאָליקע נאַכט־צוגן פון מיזרח קיין מערב. דאָס אַרויספירן די מלבושים דורך די קאַטשמאַרעקס פון דאָזיקן אָרט, נאָענט פון געטאָ, האָט געמוזט געשען וואָס גיכער... די סכנה איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די דייטשן האָבן נישט איין מאָל מיט האַרבע שטראָפן געוואָרנט פאַר נישט צושטעלן, אָדער אויסבאַהאַלטן דאָס פאַרלאָזטע, יידיש האָב־און־גוטס — מלבושים, שוכוואַרג, בעטגעוואַנט, זילבער, גאָלדוואַרג און אַפילו שטוב־כלים. דאָס אַלץ, איבערגעלאָזט פון יידן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין די געטאָס אָדער פון די געטאָס — איז דורך דעם דייטש געזאַמלט געוואָרן פאַרן הינטערלאַנד אין רייך און אויך פאַר די באַזעצטע געביטן. און ס'איז באמת געווען אַ נס אין סטעפאַנס אויגן, וואָס ביז איצט איז נישט געשען קיין אומגליק. אָבער איצט — נאָכן טויט פון קאָמענדאַנט יעססיקע און מיט דער געפאַר פון פאַרלאָזן די שענק — האָט זיך אויפסניי פאַרגרעסערט די סכנה. פון אַלץ אָבער האָט צום מייסטן באַאומרויִקט די קאַטשמאַרעקס

דער שכן — דער אַלטער ניקאָדעם זאַלוצקי, דער גלאָקנציער פֿון הייליקן אַסיזש־קירכעלע. ער, דער דאָזיקער אַלטער טיפּש, האָט גוט געוווּסט וועגן די אויסבאַהאַלטענע מלבושים ביי די קאַטשמאַרעקס. נישט איין מאָל האָט סטעפאַן עס אַרויסגעפּילט אינעם אַלטנס ווינ־קען און רמזים. ער, דער גלאָקנציער, האָט נישט געוואָלט זען דעם נייעם סדר אין פּוילן און אין דער וועלט, וואָס איז געקומען פֿון היטלערס האַנט. און איצט, צי געשעט נישט אַלץ פּלוצעם אַנדערש? עס איז אים נישט געווען אין גאַנצן קלאָר, סטעפאַנען, וועגן אַלע די געשעענישן, וואָס זיינען דאָ, הינטערן געטאָ, און אויף די פעלדער פֿון לאַגעווניקער פּאָוויאַט, דערגאַנגען צו דער שענק. ער האָט נאָר געוווּסט: דער גרעסטער שונא זיינער איז נישט איצט קיין אַנדערער ווי ער, דער גלאָקנציער. נו־טאַק, אַז מע האָט אַ זון ערגעץ אין דער פּאַרטיזאַנקע — איז דער טאַטע זיכער נישט בעסער... אָבער דאָס, וואָס ליגט איצט אונטערן אַלטאַר — איז פֿאַר סטע־פאַנען איצט דער בעסטער אוצר... באַלד באַגינען, זאָל נאָר ליכטיק ווערן, וועט ער מיט אַ דייטש זיך אַריינגנבענען אין קירכעלע... אָוועקנעמען דאָס טעפּיכל און — צאַפּ! אַרויסשלעפּן פֿון דאָרט דעם זשיד ביי די געקרייזלטע האָר... נישט תמיד טרעפט זיך אַזאַ האָז אָן איין שאָס... און דעמאָלט — דעמאָלט איז שוין די סכנה מצד דעם גלאָקנציער גאָרנישט קיין סכנה... דעמאָלט — כע... כע... כעע... גאָט שיקט צו תמיד די רפואה פֿאַר דער מכה...

סטעפאַן האָט קאַלט אַריינגעשמייכלט אין זיך און מיט דער האַנט גע־גלעט דאָס פּליושענע תּפֿילין־זעקעלע אין זיין טיפער קעשענע.

דער נאַכט־שטורעם האָט זיך אין גאַנצן געלייגט ווי נאָר די מיזרח־הימלען האָבן זיך באַוואָרפן מיט די ערשטע ליכט־פלעקן פֿון אויפגייענדיקן טאָג. ס'איז בלויז נאָך געגאַנגען דער ווינט, וואָס איז געווען דין און מע־סערדיק־שאַרף. דער שניי איז געבליבן העגגען ערגעץ צווישן דעם בלאָלעכן, פּאַרפרוירענעם הימל־חלל און דער ערד. די זון האָט באַלד ביי איר אויפגאַנג געהאַט אַ שאַרף־ווייסע ראַם. אויף דער צפון־הימל איז געוואָרן לויטערער. ס'איז געווען אַ סימן, אַז דער טאָג וועט אַדורך אָן שניי־געווירבל. דער ווינט האָט טאַקע בלויז הויך געהויבן פֿון דער ערד בערגלעך שניי און אַראָפּ־

פֿאַלנדיק אויף דער ערד האָט דער שניי געמינײַעט אין דער העלער פּראָס־טיקייט מיט אומצאָליקע, צעשפּליטערטע שטערן־פֿונקען.

דער גלאָקנציער האָט שוין לאַנג געהאַט זיך אומגעקערט פֿונעם קלינגען און איז איצט אַ רויִקער געזעסן ביי זיך אין נישע־חדרל. ער האָט צונויפֿ־געוויקלט דעם שעניק, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ געלעגער אַנטאָנין. דער זקן האָט זיך געגרייט טרינקען די ביטערע קאַווע און דערווייל לאַנג נישט אָפּ־געטרעטן פֿונעם פֿענצטער. ער האָט געזען פֿון דער הייך אַנטאָניס פֿערד און וואָגן ווי זיי פֿאַרקירעווען ביים ראַנד פֿון לאַגעווניקער וואַלד. אָט איז אַלץ אַדורך בשלום. ער האָט אַ צופֿרידענער אַראָפּגעלאָזט אויפֿן שמאָלן פֿענצטער־ראָם זיינע הענט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון דער פֿאַרבלאָטער פֿליסנדיקער ווייטקייט ביים וואַלד. ס׳איז שוין אַ שעה נאָך זון־אויפֿגאַנג... דער פֿרעמדער איז שוין לאַנג, לאַנג אויפֿן אָרט... און ער — ניקאָדעם, — איז ווידער מיט אַלץ זיכער... דער אַלטאַר־קעלער איז פֿריי... איצט קאָנען זיי קומען... ער, ניקאָדעם, האָט בלויז געהאָלפֿן אַ פֿאַר־פֿאָלגטן מענטשן... דערמיט האָט ער בלויז געטאָן דעם ווילן פֿון גאָטס גע־באָט אויף דער ערד... צי האָט ער געטאָן עפּעס אויסטערלישעס?

ס׳האָט נאָך אין אים זיך נישט געהאַט אויסגעלאָשן די מחשבה ווי ער האָט דערזען אַרויסגיין עטלעכע געשטאַלטן פֿונעם פֿעלד־שאָסיי, אַנטקעגן דעם וואַלד. פֿון אויבן, פֿון זיין קירכע־חדרל, האָבן די מענטשן אויסגעזען ווי קליינע לויפֿנדיקע שאָטנס. ער האָט זיך שטאַרקער צוגעבויגן צום פֿענצ־טערל. די געשטאַלטן דערנעענטערן זיך גאָר שנעל צום סטעזשקעלע, וואָס פֿירט צו דער קירכע. ווידער האָט ער צו זיך בלויז אַ שמייכל געטאָן און געפֿליסטערט: אָ, באָזשע, גאָט אייביקער אין די הימלען... ווי גנאָדיק ביסטו געווען צו מיר אין מיין חלום... איצט זע איך די וואָרהאַפֿטיקייט פֿון דיין צייכן, וואָס האָסט מיר געשיקט אין שלאָף!...

ער איז גאָר גיך אַראָפּ מיט די שטיגלעך צום תּפֿילה־זאַל און זיך גע־שטעלט אויף דער שוועל פֿון דער אָפֿענער טיר. ער האָט געוואַרט. דער ליידיקער פּלאַץ פֿאַרן קירכעלע איז געווען נאָך איבערגעוואָרפֿן מיט אַ בלאָלעך־דינעם שניי ווי מיט אַ שיינעם באַלדאַכין. דאָ און דאָרט צווישן שניי האָט זיך אַרויסגעזען די ערד. זי איז געווען שוואַרצלעך־נאַקעט און

שיין געלויכטן פונעם איינגעזאַפּטן שניי. נאָך אַ ביסל, נאָך אַ חודש — און דער שניי וועט אין גאַנצן פאַרשווינדן. די ערד וועט זיך אויפסנייי אָפּ־דעקן. זי וועט צוריק באַקומען איר גרינע, שפּראָצנדיקע מאַכט. ער האָט געקוקט צום הויף־ווינקל, צום קורהאַן־קבר פון די צוויי געפאַלענע יידישע קינדער. דער איינציקער בוים, וואָס איז געשטאַנען גראָד אַנטקעגן זיי, האָט איצט אויסגעזען העכער ווי תמיד. זיינע קרוינען האָבן געברענט אין בלאָ־לעכן פייער פון אָפּגעדעקטן הימל. די אונטערשטע צווייגן האָבן זיך געבויגן צו דער ערד. דורשטיקע און פאַרשמאַכטע האָבן זיי געזויגן אין זייערע פאַרדאַרטע אָדערן די לעצטע זאַפטן פונעם אויסגייענדיקן שניי צופוסנס פון בוימס קאַלטן, פאַרפרוירענעם שטאַם.

איצט האָט ער שוין געקאָנט גאָר גוט זען די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען דורכן פעלד אין דער קווער. צווישן די דערנעענטערנדיקע גע־שטאַלטן האָט דער גלאָקנציער גיך דערקענט אויך אים — סטעפאַן קאַטשמאַ־רעק. ער איז געגאַנגען הינטער די צוויי דייטשן גראָד אין דער מיט. נאָך אַ ווייל — און זיי וועלן זיין אויפן קירכע־הייפל.

דער זקן האָט זיך איבערגעצלמט און נישט אָפּגעטרעטן פון דער אָפענער קירכע־טיר.

אַנטקעגן אים זיינען איצט געבליבן שטיין צוויי שווער־פאַרפּעלצטע דייטשן. זייערע שטאָלענע העלמען האָבן געלויכטן מיט אַ רויטלעך־בייז פייער אין דער פריער ווינטער־זון. מיט אַ שטויס פון זייערע קורצע גלאַנ־ציקע שטיוול האָבן זיי געעפנט די קירכע־טיר, וואָס איז אין צווישן געהאַט אַליין צוגעפאַלן הינטער דעם גלאָקנציער. זיי זיינען אריין אינעם זאַלעכל. הינטער זיי, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז געגאַנגען סטעפאַן קאַטשמאַרעק. ער איז געגאַנגען אַן איינגעבוקטער, מיט ווייטיקע, שפּיציקע בליקן פון זיינע קליינע, אַריינגעזעצטע אייגעלעך.

דער זקן איז זיי שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען פון הינטן. זיין האַרץ איז געווען רויק. בלויז זיינע אַלטע אויגן האָבן געציטערט פון אַ שווער שינאה־געפיל צו די מענטשן. ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז די שינאה צום קאַטשמאַרעק איז אין אים שטאַרקער ווי צום דייטש. זיינען דאָך זיי, די דייטשן, באַפאַלן דאָס פאַטערלאַנד ווי פּוילנס אייביקע שונאים — אָבער

ער, סטעפאַן קאַטשמאַרעק? — אַ פּוילישע מאַמע האָט אים געקאַרמעט מיט איר ברוסט, די פּוילישע ערד האָט אים געטראָגן אויף זיך, גענערט מיט איר ברויט — ער זאָל עס דינען דעם גרעסטן שונא פון פּוילישן פאָלק? וואַרט, וואַרט — דו הונטישער זון...

אין צווישן זיינען די דריי לייט שטיין געבליבן גאָר נאָענט לעבן אַל־טאַר. סטעפאַן האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן ליידיקן חלל. דורך די הויכע וויטראַזשן־פענצטער זיינען געפאַלן ברייטע, שאַרפע שטרייפן פון דער זון, וואָס האָט זיך אין דרויסן געהויבן אַלץ העכער איבער די הימל־געוועלבן. די ליכט־שטרייפן האָבן זיך געשפּאַלטן איבערן גרויסן הילצערנעם קרוציפיקס. פון דאָרט זיינען זיי געפאַלן צעשטויבטערהייט אַרום דעם האַלב־אָפּגעהאַקטן גיפּס־אָרעם אויף דער פיגור פון הייליקן פראַנציסעק פון אַסיזש.

דער דייטש ביים אַלטאַרל האָט זיך איינגעבויגן, אָוועקגעוויקלט דאָס טעפּיכל פון דיל און פאַוואַליע, פאַוואַליע געעפנט דעם הילצערנעם קעלער־צודעק. ער האָט דערנאָך אַ ווונק געטאָן צו סטעפאַנען.

סטעפאַן איז מיט אַ שפּרונג אַראָפּ אינעם אָפענעם קעלער.

ס׳איז געווען אַ רגע פון געשפּאַנטער קירכן־שטילקייט, בעת דער דייטש, אַן איינגעבויגענער אויף זייניע קני, האָט אַראָפּגעלויכטן מיט אַ טאַשן־לעמפּל אינעם אַלטאַר־קעלער, ווו ס׳איז נאָר־וואָס פאַרשוווּנדן סטעפאַן. די שטילקייט איז געווען אַ דינע, אַ פּאַרכטיקע. מע האָט גע־הערט דאָס הויכע, גיכע אָטעמען פון די שטייענדיקע מענטשן. דער ווינט האָט זיך אינעם חלל פון קירכעלע געטראָגן איבער די גיפּסענע קעפּ פון די הייליקע. דער גלאָקנציִער איז געשטאַנען הינטער די דייטשן און געקוקט אויף זייערע געפאַלדעוועטע קאַרקן. זיי זיינען געווען אויסטערליש רויט און זייערע פאַלדן האָבן אונטערגעציטערט פון צופיל פעטס און בלוט. דער, וואָס האָט געלויכטן אינעם קעלער אַראָפּ, האָט נישט אָוועקגענומען די גאַנצע צייט די אויגן פונעם אָפענעם שוואַרצן קעלער־חלל.

סטעפאַן איז אַרויסגעשפּרונגען פון קעלער און אין זיין האַנט איז געלעגן אַ פלאַש. אַ ליידיקע פלאַש פון וויין... אָבער דער גלאָקנציִער זעט, אַז סטעפאַן טראָגט נאָך עפּעס... וואָס קאָן דאָס זיין? דאָס ערשטע

מאָל זענען זיינע אויגן אַזאַ אויסטערלישע זאַך... סטעפּאַן הייבט־אויף אין דער הייך די פלאַש און וויגט מיט איר אין דער לופט... דער גלאָקנ־ציִער קוקט אין איר אַריין מיט אַ פאַרגלאָזטן בליק. אַ רגע האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט דערפילט פּלוצעם אַ פּחד פאַרן גורל, וואָס איז איבער אים אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שוואַרצע פּעטליע.

דער קניִענדיקער דייטש האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַ וואַי־געטאָן. אינעם קירכע־חלל האָט זיין קול זיך געטראָגן ווי דער פּלוצעמ־דיקער נאַכט־וואַי פון אַ וואָלף.

— וואו איזט דער יודע? ווער האָט היר דען וויין געטרונקען?...

דער גלאָקנציִער האָט אַ שמייכל געטאָן און עפּעס געמורמלט. סטעפּאַן האָט עס פאַרטייטשט דעם דייטש.

— ער זאָגט: דאַס איזט איינע אַלטע פלאַשע... קיין יודע... קיין יודע...

סטעפּאַן האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם גלאָקנציִער. פון זיינע קליינע אייגעלעך איז גערונען אַ גלוסטיקע רציחהדיקייט, מחמת דעם גלאָקנציִערס כיטרען זיג איבער אים.

— און וואָס איז דאָס, אַלטער דזשאַד? — האָט ער געפּאַכעט פּלוצעם מיטן קליינעם זעקעלע אין זיין האַנט — איז דאָס נישט אַ סימן, אַז דו האָסט אויסבאַהאַלטן אַ זשיד?

דער גלאָקנציִער האָט אַ מבולבלער אַריינגעקוקט אין סטעפּאַנס אויפגעפּראַלטער פויסט. אויף קאַטשמאַרעקס רויטער האַנט־פּלאַך איז געלעגן אַ קליין פּליושן זעקעלע, אַן אָפּנס און צעקנייטשטס, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעקוקט די שוואַרצע בתים פון תפילין. די שוואַרצע לאַנגע רצועות זיינען אַראָפּגעהאַנגען און געפאַלן ביז צום דיל. די דייטשן האָבן זיך פּאַוואָליע דערנענטערט און גענומען אויסציען די דינע שוואַרצע רצועות. זיי האָבן גאָר פאַרזיכטיק אַרויסגענומען ביידע תפילין־בתים און זיי געהאַלטן אויף זייערע לאַנגע שפּיציקע הענט. די רצועות האָבן זיך געוויגט, געוויגט ביז זיי זיינען געבליבן ליגן אויפן דיל, בעת די בתים האָבן געלויכטן מיט אַ טריבער, טרויעריקער, יידישער שוואַרצקייט.

דער גלאָקנציִער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געוווּסט, אַז דאָ געשעעט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'האָט לחלוטין נישט געקאָנט קומען אים פריער אויף דער מחשבה. אָ, גאָט, פאַר וואָס האָט ער נישט אַריינגעקוקט אינעם קעלער נאָך דעם ווי ער האָט פון דאָרט אַרויסגעפירט דעם פרעמדן? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט פאַרגעסן אין דער פלאַש מיטן הייליקן וויין, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן דעם פרעמדן? צי האָט דער פרעמדער איבערגעלאָזט אין קעלער אין דער לעצטער רגע די דאָזיקע אויסטערלישע, יידישע הייליקייט?

דער זקן ניקאָדעם זאַלוצקי האָט אָן אויפהער געקוקט אין די ווענטלעך פון די שוואַרצע תפילין־בתים. זיין בליק איז געווען אַ פאַר־גליווערטער. די פרעמדע יידישע הייליקייט האָט געלויכטן מיט אַ פלאַ־טערנדיק, שוואַרץ ליכט. ער זעט דאָס אַלץ ס'ערשטע מאָל. וואָס מער ער קוקט אַריין אין איר שוואַרצקייט — אַלץ פאַרגליווערטער ווערט זיין אויג. מיט אַ מאָל — הייבט ער אויף זיינע אויגן צום הויכן היל־צערנעם קרייץ מיט דער גרויסער פיגור פון געקרייציקטן. פון לאַנגן אַריינקוקן אין דער שוואַרצקייט פון די בתים־ווענטלעך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויך אויף אים, אויפן געקרייציקטנס שטערן, זעט ער זיצן אַזאַ שוואַרץ, הילצערן קעסטעלע. די זוניקע ליכט־שטרייפן, וואָס זיינען געלעגן אויף זיין אַקסל, האָבן זיך גיך פאַרוואַנדלט אין די שוואַרצע, ציטערנדיקע רצועות. זיי האָבן געפלאָטערט פון זיין פאַרבויגענעם אַקסל ביז צו זיינע פאַרלייגטע, ביינערדיקע און צוגענעגלטע פיס. ער האָט זיך מער נישט געזען, דער גלאָקנציִער, אַרומגערינגלט דאָ פונעם היי־פּעלע מענטשן, לעבן אָפענעם קעלער. די פינצטערניש איז געגאַנגען פונעם אָפענעם דיל אַ שווערע, אַ גליטשיקע. ער האָט אַפילו נישט געהערט די שפּיציקע פרעמדע רייד הינטער זיך. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער אָפענער קעלער לעבן אַלטאַר האָט אויסגעשפּרייט זיין פינצ־טערניש בלויז פאַר אים און באַלד, באַלד וועט ער פאַרשווינדן אין איר אָפענעם תהום.

---

ס׳איז געווען אַ פּאָר טעג שפּעטער. אַ שטיל־פּראַסטיקער, בלאַלעכער
זונטיק־באַגינען איז געשווומען פונעם קלאָרן, דורכזיכטיקן, פּוילישן מיזרח־
הימל. די זון, שוין אַ פולערע און מילד־וואַרעמע, האָט געגאָסן איר קלאָר
ווינטערדיק ליכט איבער די נאַקעטע ברוין־שוואַרצלעכע פעלדער. די
ערד איז ביסלעכווייז געוואָרן פריי פון שניי. זי איז געלעגן אינעם
בלאַלעכן פרימאָרגן־געוועב אַ טונקעלע און שלווהדיקע. צעוואָרפענע
גראָז־אינדזעלעך מיט זייער פאַראַיאָריקער נישט־אויסגעגאַנגענער גרינ־
קייט זיינען אַרויס פון אונטערן שמעלצנדיקן שניי. די גרינע אָפּגע־
דעקטע פעלד־פליינען האָבן זיך געשטרעקט איבער דער ערד אין זיג־
זאַגישע שטרייפן. שיטערע נאָדל־וועלדלעך האָבן זיך יונג געשלאַנקט
אַנטקעגן באַגינענדיקן הימל, בעת די לעצטע שניי־גרודעס, שוין גראָ־
לעך־שוואַרצלעכע און דורכזיכטיקע, זיינען פון די סאָסנע־ביימלעך פוכיק
געפאַלן פון זייערע צווייגן אויף דער וואַלד־ערד. דאָ איז דער שניי
נאָך גיכער צעגאַנגען ווי אויף די אָפענע פעלדער. די בזורע־וואַסערן
האָבן נאָך אין מיטן נאַכט בהלהדיק צעריסן אויף זיך די טונקעלע אייז־
קריַעס. איצט איז פון זיי בלויז געבליבן אַ דינע, גלאַנציקע אייז־הויט,
וואָס איז ווי אַ זילבערנער, בלענדנדיקער שפּיגל געשווומען אַלץ נידער־
ריקער אַראָפּצו צווישן די בלאָס־גרינלעכע מאַזאָוויעצקע טאָלן. איבערן
דאָזיקן דינעם, זילבערנעם אייז־שפּיגל האָבן זיך איצט דורכגעטראָגן
גאָר נידעריק אויפגעוועקטע פייגל־טשאַטעס. בעתן פלאַטערן איבערן
וואַסער זיינען אויפן דינעם, דורכזיכטיקן אייז געפאַלן זייערע קליינע,
פויגלשע שאָטנס. זיי האָבן אויסגעזען, די פליסנדיקע, פויגלשע שאָטן־
פלעקן, ווי שווימענדיקע בלעטער, וואָס זיינען געפאַלן אויפן זילבערנעם
וואַסער־פלאַך און ווערן איצט געטריבן פון די אויפגעוועקטע טייך־
שטראָמען.

שוין פון די ערשטע מאָרגן־שעהען אין דאָזיקן זונטיק האָבן זיך פון
די דערפער און אַלע קליינע אָרטשאַפטן, וואָס ליגן אינעם קרייז לאַגעווער־
ניקי, צעהילכט אומצאָליקע גלאָקן פון די קירכעלעך. זיי האָבן אָנגעה־
הויבן זייער קלינגעריי נאָך אין דער מאָרגן־דעמערונג, בעת אין מיזרח
איז נאָך נישט געשטאַנען דער טאָג־אויפשפּראָץ. די גלאָקן האָבן געשיקט

אַ שווערן, פּאַוואָליעדיקן רוף. דאָס איז איצט נישט געווען דער רוף צו דער געוויינטלעכער זונטיק־תּפילה. פון דעסטוועגן האָבן באַלד, ווי נאָר די זון האָט מיט איר ערשט פייער געשפּאָלטן די ערד־פינצטערניש, אָנגעהויבן ציִען פון אַלע ערטער מענטשן־מחנות. זיי האָבן געצויגן אויף קליינע דאָרף־וועגעגער און אויף בריטשקעס. אָבער ס׳רוב מחנות זיינען געגאַנגען צופוס. גרופּעסווייז האָבן גאַנצע מישפּחות געשטראָמט צום לאַגעווניקער וואַלד. פּויערטעס, זקנים, קינדער — און זייער זעלטן יונגע פּויערים — האָבן זיך געהאַלטן ביי די שמאָלע פעלד־סטעזשקעס, שוין באַפרייטע פון שניי. אַלע האָבן זיי געצויגן אין דאָזיקן פרימאָרגן צום לאַגעווניקער וואַלד, צו יענעם ליידיקן, אומבאַוווינטן שטח, וואָס ליגט שוין גאָר נאָענט ביי די צפון־פעלדער פון יידן־געטאָ.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן דייטשע מודעות אויף אַלע מערק, דאָרף־קרעטשמעס און קירכעלעך פון לאַגעווניקער פּאָוויאַט גערופן די באַ־ווינער זיך צו זאַמלען דעם דאָזיקן זונטיק אַרום דער קירך פון הייליקן פראַנצישעק פון אַסיזש, וואָס אין לאַגעווניקער וואַלד. די סכּנה פון נישט שטעלן זיך איז געווען גרויס. דאָס איינזאַמלען פון מענטשן אויף איין אָרט איז תּמיד געווען אַ בייזער סימן. מסתּם האָט מען ווידער געכאַפּט אַ ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ... אָדער אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון אַן אַרבעטסלאַגער אין רייך... ס׳רוב זיינען עס אָבער געווען מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן וואָפן... און תּמיד פלעגט דער דייטש צונויפטרייבן פון גאַנצן פּאָוויאַט אַ המון, כּדי זיי צו ווייזן די האַרבע שטראָף, וואָס ס׳צאָלט די בוגדים דאָס געזעץ פון דריטן רייך...

די פּויערים זיינען געגאַנגען אין זייערע זונטיקדיקע מלבושים. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיינען זיי נאָכגעגאַנגען די וועגענער, ווו ס׳זיינען געזעסן די ווייבער און קינדער. דער לאַגעווניקער פּאָוויאַט האָט אַרומגענומען אַ פיל־קילאָמעטערדיקן שטח און געגרענעצט מיטן לענטשי־צער פּאָוויאַט. קוקנדיק אויף די ציִענדיקע מחנות האָט זיך געדוכט, ווי ס׳וואָלטן זיך אומגעקערט די אַמאָליקע יאָרן, בעת פרומע פּראָצעסיעס האָבן זיך געלאָזט קיין יאַסנאַ גוראַ. פון די אומצאָליקע דערפלעך זיינען צוגעקומען צו די מחנות אַלץ מער מענטשן און דער שטראָם, אַ שוואַר־

צער און שווייגנדיקער, האָט זיך געטראָגן דעם זונטיקדיקן באַגינען אַלץ נענטער צום לאַגעווניקער וואַלד.

אַ זילבערנער, שיטערער שטויב האָט זיך געהויבן פון אונטער די פויערישע בריטשקעס און היי־וועגענער. דער וועג, שוין אַ פרייער פון שניי, האָט אויפגעטייעט אונטער דער זון און לויז געמאַכט די ערד. די פערדישע פיס זיינען אַליין געלאָפן צום לאַגעווניקער וואַלד־ראַנד, וואָרעם דער וועג איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. פון אַלע זייטן־טראַקטן, פעלד־סטעזשקעס און וואַלד־דורכגענג זיינען געגאַנגען די מענטשן. וואָס נענטער צום אַסיזש־קירכעלע — אַלץ גרעסער איז געוואַקסן דער המון. פון צווישן די פויערים האָט מען אויך געזען טייל מאָל אַ צע־פּלאַטערטע קירכע־פּאַן און אַרום איר פרומע ווייבער און שיקסעס. מ׳האָט געזען אויך גלחים אין זייער זונטיקדיקער תפילה־טראַכט, מיט געשפּיצטע, קאַנטיקע היטלען און שווערע קרייצן איבער זייערע גלחישע מלבושים. בעת די מחנות זיינען אָנגעקומען צום קירכעלע, איז שוין די זון הויך געשטאַנען אין הימל. דער קירכע־פּלאַץ פון דרויסן איז געווען באַלייגט פון מענטשן און אויך אינעווייניק, אין סאַמע קירכעלע, איז געווען איבערפולט. איבער דער מחנה קעפּ אין דרויסן האָט אַראָפּגע־קוקט דער ווייסער, שמאָלער טורעם פון קירכעלע. דער המון, צונויפ־געדריקט אין ענגשאַפט, האָט געקוקט אַהין, ווו ס׳פעלד גרענעצט שוין מיט די פאַרצוימטע געטאָ־שטחים. אַ קופּקעלע בלאַסע גלחים איז גע־שטאַנען לעבן דעם איין איינציקן בוים ביים סאַמע סוף פון קלויסטער־הויף. צוויי דייטשן אין גרינע מונדירן האָבן ביי אַ טיש אונטערן בוים גע־מישט אין פּאַפּירן און יעטוועדע רגע געקוקט אויף די האַנט־זייגערס. אַרום זיי, אין אַ קרייז, אויף עטלעכע שריט, איז דער פּלאַץ געווען ליידיק. זיי האָבן געקוקט דאָ צו דער געטאָ־זייט און דאָ צום ווייסן, אויפגעהויבענעם טורעם. די לאַנג געפּלאָכטענע שטריק פונעם גלאָק ביז צו דער ערד האָט זיך לייכט באַוויגן אינעם ווינט. דער גלאָק אַליין האָט פון זיך געשלאָגן אַ מעשענעם, רויטן בליאַסק. די זון איז גראָד געשטאַנען אַנטקעגן אים. דאָס האָט אַזוי איר ווינטערדיק ליכט זיך געשפּאָלטן אין רויט־פּליסנדיקע פלעקן אַרום דעם שווייגנדיקן גלאָק.

פלוצעם האָט דער ים פון קעפּ זיך אויסגעדרייט און געקוקט קיין צפון. עפּעס איז דאָרט געשען שוין ביים סאַמע ברעג פון די צפון־פעלדער הינטערן געטאָ. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז פון הינטערן קיר־כעלע האָט זיך פּאַוואָליע אַרויסגעגליטשט אַן אויטאָ. דאָס איז געווען אַ גלאַנציקער און שוואַרצער קאַסטן, מיט אַ קליין פענצטערל ביים אויטאָ־דעכל. דער המון האָט אים באַגלייט מיט די בליקן. דער אויטאָ־קאַסטן איז קוים אַדורך צווישן די מענטשן. ער איז געבליבן שטיין גאָר נאָענט ביי די דייטשן אונטערן איין איינציקן בוים אויפן קירכע־פּלאַץ.

אַ ווייל איז געווען זייער, זייער שטיל. ס'איז געווען אַ שטילקייט, וואָס האָט פאַרגליווערט מיט אומבאַוועגלעכן אומרו דעם ווינטערדיקן חלל און אויך דעם הימל. דער ביז־איצט איינגעהאַלטענער המון־געמורמל איז אויך פאַרגליווערט געוואָרן. בלויז די פאַרביקע, דאָרפישע קירכע־פענער האָט דער ווינט לייכט געפּאַטשט און אויפגעבלאָזן דאָס פלאַטערנדיקע געוואַנט. די מענטשן האָבן געאָטעמט מיט געצוימטער געשפּאַנטקייט און דערוואַרטונג. אַ סך פּויערטעס, שוין אַרויספילנדיק וואָס ס'דאַרף געשען, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. זיי האָבן אָנגעהויבן תפילה טאָן. צוויי גלחים זיינען אַרויס פאַרן המון און אַרומ־געגאַנגען פון אַלע זייטן דעם שוואַרצן פאַרמאַכטן אויטאָ־קאַסטן. פאַר אַלעמען איז שוין קלאָר, אַז אין דאָזיקן קאַסטן פירט מען אַ געכאַפּטן יידן. נישט איין מאָל זיינען דאָך אויף די פלעצער און מערק געוויזן געוואָרן דעם פּויערים־פאָלק יענע אומגליקלעכע פאַרן גיין אויף דער תליה. אויך דאָס מאָל איז נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס אַלץ האָט אַ שייכות מיטן קייגנאיבערדיקן פאַרמאַכטן, יידישן געטאָ־שטח, אַז דאָרט, אינעם שטייענדיקן שוואַרצן אויטאָ־קאַסטן, זיצט אַ ייד. באַלד וועט דער דאָזיקער ייד אַרויסגיין פונעם וואָגן און נישט אומזיסט שטייען די דייטשן אונטער דעם איינציקן, ריזיקן בוים...

דאָס איז געווען אַ בוים אַ פאַרמאָכיקטער פון אַלטקייט, אַ פול־באַבלעטערטער, מיט שווערע שוואַרצע קאַנאַרעס. אַן אַלטער דעמב, וואָס האָט זיך געבויגן מיד און יאושדיק צו דער ערד. זיינע בלעטער זיינען געווען מאַט־גרינע, טייל לייכטנדיקע מיט אַ פרעמדן, איינזאַמען בלעטער־

בליאַסק. די ווינטער־זון, אַ צעפּיצלטע און צעשמעלצטע, האָט צוזאַמענגעהעקלט די צווייגן ווי מיט גאָלדענע שנורן. בעת גאָר אונטן, נאָענט ביים שטאַם, זיינען די צווייגן געווען דיקע און נאַקעטע, האָבן אויבן, ביז אַרויף צום בוים־קרוין, אַרויסגעשטייגט אין אַ קרייז די געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן. די פּויערים האָבן איצט אָן אויפהער אַרויפגעקוקט צום בוים און דוכט זיך, אַז גאָר אויבן, ביי זיין סאַמע דעמב־שפּיץ איז נאָך געווען צו זען אַ פלאַטשיקע פלאַכקייט ווי אַן איבערגעקערטער שטרויענער הוט: די נעסט פון פאַראַיאָריקע באָטשאַנעס. און כאָטש ס'איז נאָך געווען גאָר ווייט צו די ערשטע פרילינג־ווינטן אויף דער פּוילישער ערד — האָבן די פּויערים די גאַנצע צייט נישט אָפּגעריסן די קעפּ פונעם הויכן דעמבן־קרוין אין דער אָפּגעדעקטער הימל־בלאָקייט. אין זייערע געפּאַנגענע, פאַריאָכטע הערצער, איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין דער פאַרלאָזענער, ליידיקער נעסט געזען אַ צייכן פונעם חורבן, וואָס האָט געטראָפן פּוילן. זיי האָבן ערשט דעמאָלט אָפּגעריסן די קעפּ פונעם דעמב, בעת איינער פון די דייטשן איז גאָר גיך צוגעלאָפן צום טורעמל. ער האָט פון די אַראָפּהענגענדיקע גלאָקן־שטריק מיט אַ מעסער אָפּגעשניטן אַ לאַנג שטיק. פונעם שניידן די גלאָקן־שטריק האָבן זיך לייכט אָנגעהויבן צו באַוועגן די גלאָקן. אַ שוואַך און ציטערדיק גלאָקן־געמורמל איז געפאַלן איבער די קעפּ פון המון דורכן פאַרגליווערטן, שטומען חלל.

אין דער זעלביקער רגע, בעת דער דייטש איז געגאַנגען מיט דער אָפּגעשניטענער שטריק פונעם קירכע־טורעמל — האָט עמעצער געעפנט דאָס טירל פונעם שוואַרצן אויטאָ־קאַסטן. אַ קליינע, איינגעבויגענע געשטאַלט איז געבליבן שטיין נישט ווייט פונעם בוים. די געשטאַלט האָט זיך מתחילת אַרומגעקוקט איבערן המון, דערנאָך זיך איינגעהערט אין די נאָך פאַליענדיקע גלאָקן אויפן טורעם, בעת קיינער פון די מענטשן האָט שוין לאַנג נישט אויפגענומען דאָס לופט־ציטערן. ער איז געשטאַנען אַ שטילער, אַ האַלב־פאַרבוקטער און בלויז די, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט פון אים, האָבן געקאָנט זען, אַז זיינע אויגן זיינען שטילע און האַלב־פאַרמאַכטע. די מענטשן פון דער נאָענט האָבן

אויף אַרויסגעלאָזט אַ געצוימטן געשריי. נישט אַלע האָבן אים תיכף דערקענט. ער איז געווען בלויז אַ ביסל נידעריקער ווי תמיד. דער גראָער קאָפּ האָט זיך געהאַלטן הויך און געקוקט אָן אויפהער צום טורעם. ער האָט פּאַוואָליע גענומען די שטריק פון דייטשס הענט און זי געהאַלטן אויף ביידע דלאָניעס. דאָס אַלץ האָט געדויערט בלויז אַ רגע. באַלד האָט איינער פון די דייטשן זיך אַרויפגעשטעלט אויפן טישל און אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן פון זיך הייזעריקע קולות. ער האָט אָן אויפהער אָנגעוויזן אויף דעם מענטשן, אָט דעם, וואָס אַנשטאָט דינען גאָט און יעזוס קריסטוס — האָט ער געדינט צו אַ ייד!... דאָס האָט ער ויסבאַהאַלטן אין הייליקן אָרט פון דער קירך אַ ייד!... אָט איז די ליידיקע פלאַש פון הייליקן וויין, וואָס דער ייד האָט געזשליאַ־קעט אינעם קירכע־קעלער!... און אָט איז אויך דאָס — דער געשפּענס־טיקער, יידישער רימען!... דאָס זיינען די שוואַרצע שטריק, וואָס דאָס יידנטום ווערגט מיט זיי דעם האַלדז פון אַלע קריסטן... פון דייטשן פאָלק... פון דער גאַנצער מענטשהייט... הייל, היטלער!...

גאָר הויך איבער זיך, האָט דער דייטש אויפגעהויבן אין איין האַנט די ליידיקע וויין־פלאַש, און אין דער צווייטער — די תפילין מיט די אַראָפּהענגענדיקע רצועות. ער האָט מיט זיי לאַנג געפאָכעט אין דער לופט. זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע הענט, וואָס זיינען געווען זייער בלייכע אין דער ווינטערדיקער לופט. די פויערים גאָר נאָענט פונעם בוים האָבן גענומען בייגן זייערע קניען. אָט באַלד וועט דאָ פאַר זייערע אויגן שטאַרבן אַ מענטש אויף דער תליה. דער מענטש איז דער אַלטער גלאָקנציער פון הייליקן אַסיזש־קירכעלע — ניקאָדעם זאַלוצקי. אַ גלח איז צוגעקומען צום גלאָקנציער און צו אים עפּעס געמורמלט. דער זקן האָט נאָך דערווייל געהאַלטן אין זיינע הענט די אָפּגעשניטענע ווייסע שטריק פונעם קירכע־טורעמל. בעת דער דייטש איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש מיט די פלאַטערנדיקע רצועות — האָט ער מיט זיי אַ שמיץ געטאָן דעם זקן איבערן פּנים. דער גלאָקנציער האָט זיך אַ רגע אַ וואַקל געטאָן. די ווייסע גלאָקן־שטריק אין זיינע דלאָניעס האָבן אונטערגעציטערט.

דער גלאָקנציִער ניקאָדעם זאַלוצקי האָט די שטריק שטאַרק איינ־געקלאַמערט צווישן זיינע פינגער. ער איז געווען רויִק, פאַרגאָסן מיט אַ ווייטער, אומבאַקאַנטער שלווה. ער האָט זיך בלויז שטאַרק געוווּנ־דערט וואָס ער האָט ביז איצט — דורך אַזוי פיל אומצאָליקע יאָרן פון באַדינען דעם גלאָקנטורעם — קיין מאָל זיך נישט איינגעקוקט אין די שטריק. ערשט איצט, האַלטנדיק צווישן די פינגער אַן אָפּגעשניטן שטיק פון דער גלאָקן־שטריק, האָט ער זיך טיף און לאַנג איינגעקוקט אין איר. דאָס איז געווען אַ שטריק אַ געפלאָכטענע, אַ דיקע, מיט אָפּשטייענדיקע, קליינע, צעדריוולטע פעדעם. איר קאָליר איז געווען אַ משונהדיקע: גראָלעך־שוואַרץ מיט ווייסע, ליכטיקע פעדעם אינעווייניק. און אויסטערליש: די שטריק איז נישט געווען שוואַרץ — נאָר פון די אומצאָליקע ווייסע, באַהאַלטענע פעדעם האָט זי געהאַט אַ ווייסלעכע שיין. די פעדעם האָבן אַרויסגעלויכטן פונעם שטריק־קנויל ווי דאָס וואָלטן געווען פאַרבאַהאַלטענע שוואַכע שטראַלן. טאַקע אין זיי, אין די פעדעמס לויכטנדיקער שטראַליקייט, האָבן איצט זיינע אויגן אַריינגעקוקט. די מחשבה, אַז מיט די־אָ שטריק האָט ער אומצאָליקע יאָרן באַוועגן דעם גלאָק אויפן טורעם — האָט אים אָנגעגאָסן מיט אַן אומקלאָרער, אַלטער פרייד. זיי, די דאָזיקע שטריק, האָבן געהאָלפן אים... דעם פרעמדן... די דאָזיקע שטריק... האָבן באַוויגן די גלאָקן... איצט זיינען זיי אָנגעגרייט פאַר זיין אַלטן האַלדז.. פאַר אים — אונטער דעם גרינעם דעמב...

מיט קליינע שריט איז דער זקן געפירט געוואָרן צום בוים. ער איז געבליבן שטיין גאָר נאָענט פון די אַראָפּהענגענדיקע קאָנאַרעס, אין זייער ברייטן, שוואַרצן שאָטן. פון דער ווייטנס האָט ער אויסגעזען אינעם בוים־שאָטן ווי אַ גרויסער איינגעבוקטער פויגל. באַלד וועט דער פויגל נאָך אַ מאָל אַ שפרייט־טאָן זיינע צונויפגעלייגטע, ציטער־דיקע פליגל, איידער ער וועט זיך גרייטן צו אַ לאַנגן, שאָטנדיקן, גוטן שלאָף.

## קאַפּיטל פופצן

# סודות ביים באַרג

דורך די פענצטער־לעכער און צעריסענע, הילצערנע גאַניקעס האָבן פלוצעם גענומען בלאָזן לינדע ניסן־ווינטלעך פונעם לעצטן גע̇טאָ־ פרילינג.

דער קויטיקער, שוואַרצלעכער באַרג אין דער שיילקאַמער, ווו ס׳זיינען געזעסן די ווייבער און מיידלעך פונעם געסל, האָט איצט אויסגעפּאַרעט פון זיך, פון זיין באַהאַלטענעם, וואַרעמען אינגעווייד, גינגאָלדענע, דינע שנורן. זיי זיינען געהאָנגען, די שנורן, אַנטקעגן די הויכע לופטיקע דאַכ־ שפּאַרעס ווי ציטערנדיקע סטרונעס. דאָס איז געקומען פונעם דרויסנדיקן בלאָלעכן ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעזיפּט אין דער נידעריקער פינצ־ טערניש פון דער שיילקאַמער, שניגל נאָך שנירל. ס׳האָט אויסגעזען ווי עמעצנס פאַרבאָרגענע הענט וואָלטן געשפּילט איבער די ווייבערישע קעפּ אַ ליכטשפּיל אויף אַ פידל.

ס׳איז געווען אינעם הויפווינקל, נישט ווייט פונעם פאַרריגלטן, פּרוכ־ נעוואַטן טויער, ווו ס׳איז געשטאַנען די שיילקאַמער פון דער גאָרקיך. אינעווייניק, אונטערן שטאַלדעכל, האָט זיך שטאָלץ געהויבן דער כישופ־ דיקער, שוואַרצער באַרג. אַרום דאָזיקן באַרג זיינען זיי געזעסן, די ווייבער און מיידלעך פונעם געסל, אין אַ קרייז אויף נידעריקע, קרישלנדיקע ציגל־ שטויסן, אָדער סתם אויף דער ערד, מיט פאַרבויגענע, אָפּגעדעקטע קניען. זיי זיינען אַלע געזעסן נאָענט לעבן זיך ווי אַ שורה דרימלענדיקע פייגל און, בייגנדיק זיך יעטוועדע רגע פאָרויס צום באַרג, האָבן זיי גיכער אויס־ געזען ווי אַ געזעמל פון אָפּשפּרעכערינס, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער קאַמער־דעמערונג. יעטוועדע רגע שלעפּן זיי עפּעס אַרויס פונעם

באַרגס קוויטיקייט מיט זייערע כישופדיקע האַנט־תנועות. אָט ציט אַרויס אַ ווייבערישע האַנט פון דער באַרג־פינצטערניש אַ דימענט — אַן אָפּגעבראָכענע, איינגעפאַלענע און פאַרשטאַרבענע קאַרטאָפליע. דער באַרג ליגט אין זיין מיסט קלעפּיק און שוואַרץ, מיט אַ סך לעכער און פאַרטיפונגען ביי די זייטן, וואָס האָבן אין זייער איינגעפאַלענער הייל־פינצטערניש כישופדיק אַריינגעצויגן די שוועבנדיקע, ווייבערישע הענט.

אין דער שיילקאַמער האָט תמיד איבער די קעפּ געשוועבט אַ נידעריקער, טוכלער נעפּל, אַ נעפּל אַ ווייסלעכער און מילכיקער, פונעם ליכט, וואָס האָט געפּלייצט דורכן דעכל. זיי זיינען געזעסן, די מענטשן, מיט פאַרשטומטע מיילער און מיט פאַרשלאָסענע, איינגעפאַלענע אויגן. ווען דער באַרג־גוף איז שוין אין גאַנצן געוואָרן אָנגעפילט מיט לעכער פון די אויסגעקליבענע, קראַנקע, ערדישע פּירות — ערשט דעמאָלט האָט עמעצער פון די זיצנדיקע אַ זיפץ געטאָן. דאָס איז אָבער לחלוטין נישט געווען קיין זיפץ פון וואַרעמע, מענטשלעכע ברוסטן. אפשר זיינען טאַקע דאָ נישט געזעסן די מענטשן פונעם געסל, נאָר שאָטנדיקע נאַכטגעשטאַלטן, וואָס דער דאָזיקער באַרג האָט געבוירן אין דער פינצטערניש פון דער שיילקאַמער. איצט זיצן זיי לעבן אים, רינגלען אים אַרום אין אַ קרייז און ריכטן צו אים אָפּ זייער געשפּענסטיקע תפילה. זיי בייגן זיך אַלע ווײַלע צו אים צו, שטרעקן צו אים אויס אין דער פינצטערניש זייערע הענט, בעת ער, דער שווייגנדיקער כישוף־באַרג, האַלט אַ רגע זייערע הענט געפאַנגען ביי זיך און לאָזט זיי נישט אָפּ אַזוי לאַנג, ביז די מענטשן באַפרייען זיי נישט מיט אַ לאַנגן, וואַרעמען זיפץ.

בעת אינעווייניק, אין דער שיילקאַמער, זיינען געזעסן די מענטשן מיט זייערע געשפּענסטיקע פינצטערע תנועות, האָבן דערווייל אָנגעהויבן גיין אין דרויסן די ערשטע פּוילישע, לינדע ווינטן. זיי זיינען געקומען, די ווינטן פון נישט ווייט, לײַדיקן אָפּגעצוימטן שטח, הינטער דער שיילקאַמער, ווו די ערד איז געווען פאַרלאָזן און פאַרוואָקסן מיט אַ סך פאַררייטלט, געל גראָז, וואָס האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. הינטער דעם שטח זיינען געשטאַנען די צעריסענע, ווײַנענדיקע פּלויטלעך, און פון דאַנען טאַקע, פון צווישן די צעריסענע פּלויטלעך און טויטע סטעזשקעלעך, האָט

זיך דער ווינט אַריבערגעטראָגן גלייך אויפן פּלאַטשיקן דעכל און אַרייג־געזוזשעט צווישן די שפּאַרעס אַ שיין סאָדגעזאַנג. מיט אַ מאָל האָבן די זיצנדיקע אויפגעהויבן זייערע קעפּ, זיי געשפּאַרט אַרויף צום דעכל, בעת זייערע נאָזלעכער האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער איינאָטעמען די לופט, זי געצויגן עקשנותדיק און וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער אויך געזויגן דעם ווינט מיט די אָפענע מיילער.

— ליכטיקע, מיר דוכט זיך...

— מע זאָל אַזוי דערלעבן משיחן, טייערינקע...

— מיר דוכט זיך אויכעט...

— אַן אויסדאַכטעניש אויף אייערע קעפּ... שווייגט בעסער, ווייבער!...

— שאַ—אַ...

— אָבער, ליכטיקע, מע הערט שוין באַשיימפּערלעך...

— וואָס הערט מען ?

— אַ גוטן... אַ גוטן ריח...

— אַ ריח ?

— יאָ, ליכטיקע, אַ ריח פון...

— פון באַרן !

— פון באַרן ? ניסן־צייט ?

— פון אמתע באַרן... מע זאָל אַזוי דערלעבן משיחן... אַפילו פון ווייג־עפּל הערט זיך...

— און מיר הערט זיך ווי פון אַ שרפה...

די ווייבער האָבן מיט אַ מאָל אַרויסגעצויגן זייערע הענט פונעם שוואַרצן, קלעפּיקן באַרג און זיך איינגעהאָרכט. ס'איז געוואָרן גאָר, גאָר שטיל אין דער פינצטערלעכער שיילקאַמער. דער באַרג האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרוואָלקנטער אַראָפּגעפאַלענער הימל, וואָס וועט באַלד עפענען זיינע סודות מיט ליכטיקע, גרינע בליצן. ער האָט זיך אָבער נישט געעפנט און אַליין אויך זיך איינגעהאָרכט פאַרטייעט אין דער טויבער דעמערונג. אַ שטילקייט פון אַ חלל, ווו עס הענגען אין אים שיינע, זאַפטיקע פירות, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די ווייבערס הענט און פנימער. ערגעץ ווו.

אין אַ פאַרקלעמטער שפּאַלט, האָט פּלוצעם אָנגעהויבן העשען אַ גריל. זי איז אָבער באַלד פאַרשטילט געוואָרן.

— באָרן!... אמתע באָרן! אוי, ווי איז צו אונדז!...

— ווייבער — ווי אַזוי קומען דאָ אַהער אין מיטן דרינען באָרן?

— וואָס הייסט פון וואַנען? ביי זיי וואַקסן נישט קיין באָרן? אין די סעדער קייגנאיבער וואַקסן נישט קיין באָרן?

— ווייבער, און איך זאָג אייך... ס׳איז נישט מער ווי הוילער כישוף... מער נישט... כישוף, רחמנא ליצלן...

— כישוף זאָגט איר? כי, כי, כי...

דער ווינט האָט זיך לאַנג געהאַלטן איבער די קעפּ אינעם חלל ווי אַ שפּעדיקער וואָלקן, און ווער ס׳האָט ברייטער אויפגעעפנט דאָס מויל — איז דער וווּנדערלעכער ריח צו אים אַרייַן, געררייצט די נאָזהייטלעך און געזעטיקט מיטן געשמאַק פון איבערצייטיקע, זאַפטיקע פּירות.

אָבער מיט אַ מאָל איז דער שאַרפער, זאַפטיקער באָרן־ריח טאַקע פאַרשוווּנדן. אַ פאַרהוילענער, בייזער ווינט־ריח האָט בלויז אַ שטיף געטאָן מיטן הייפל ווייבער, וואָס קלייבן דאָ פאַר דער גאָרקיך די קאַר־טאָפליעס אין דער פינצטערער שיילקאַמער. ס׳איז ווידער געוואָרן גאָר, גאָר שטיל. די ווייבער האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף די נידעריקע ציגל־שטויסן. פאַרשוויגענע האָבן זיי אויפסניי אָנגעהויבן אַרויסציען פונעם באַרג די דינע, צעפּאַלענע דימענטן. אַז ס׳איז געוואָרן גאָר פינצטערלעך און מען האָט שוין נישט געזען איינער דעם צווייטנס פּנים, האָט מען זיך מער שוין נישט געהיט. זייערע מיילער האָבן אין דער פינצטער אָנגעהויבן גריזשען די רויע, צעפּאַלענע קאַרטאָפליעס פונעם באַרג אַרויס. זיי זיינען געווען, די קאַרטאָפליעס, זיסלעך־פאַרפוילט און געלעגן לאַנג אין זייערע מיילער ווי קאַלטע שטיקלעך גלאָז.

אין דרויסן, איבערן נידעריקן דעכל, איז איצט שוין געשווומען אַ יונגע באָר־וואָס געבוירענע נאָך פּסח־לבנה. זי איז געווען קאַלט און גע־שפּאַלטן, אַרומגערינגלט מיט אומצאָליקע, צעשניטענע, גרינלעכע נעפּע־לעך פון די שטערן אויפן מילכוועג. אויפן מיזרח־הימל, פון וואַנען די לבנה איז געשווומען, איז געלעגן אַ ברייטלעך־צעגאָסענער, גראַנאַטענער וואָל־

קנפּאַס. פון זײַנע פאַלדן האָבן קוים, קוים אַרויסגעפּינקלט די אומצאָליקע דערטרונקענע שטערן. בעת איין טייל געטאָ־שטח איז געלעגן אין אַ פאַר־ליענדיקן שײַנעם לבֿנה־זילבער, איז דער צווייטער געווען אַרומגעקרייזט פונעם גראַנאַטענעם צפֿון־הימל, וואָס האָט אַרומגערינגלט די דעכלעך און די הייף מיט אַ שוואַרצן, ריזיקן, פינצטערן אָרעם. אָבער ביסלעכווייז האָט דער ווײַסלעכער, ציטערנדיקער מילכוועג זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריי־קער און נידעריקער. ער האָט זיך צעטײלט אויף הונדערטער קלײנע ליכטוואָלקנס, וואָס האָבן אַפילו אָנגערירט די ערד. זי איז טאַקע געוואָרן, די ערד, ווײַסער און העלער. אַפילו די פינצטערע שײלקאָמער איז מיט אַ מאָל געוואָרן איבערפּול מיט זילבער. דער שוואַרצלעכער באַרג האָט געלויכטן שאַרף־ליכטיק, ווי אין אים אַליין וואָלטן פּלוצעם אויפגעגאַנגען פאַרהוילענע שטערנוועלטן.

— ווײַבער, ס׳הערט!?... מע זאָגט, אַז...

— וואָס זאָגט מען, טײַערינקע?

— מע זאָגט... כ׳זאָל נאָר נישט געבן קיין עין־הרע... מע זאָגט, אַז...

די ווײַבער האָבן אַלע אויסגעדרייט די קעפּ.

— וואָס זאָגט מען, גילדענע?

— מע זאָגט, אַז מאָרגן, אָן עין הרע, זאָלן אָנקומען אין געטאָ...

אַלע האָבן מיט אַ מאָל אַרויסגעצויגן די הענט פונעם באַרג.

— וואָס דאַרף מאָרגן אָנקומען?

— וואָס דאַרף אָנקומען?

— ביינער, אָן עין הרע, ביינער!...

— ביינער?

— יאָ, ביינער, ביינער...

— לאָזט געמאַך מיט די ביינער... ס׳האָט געהערט וואָס איז געשען מיטן משוגענעם קלעזמער?

— מיט סאַראַ קלעזמער?

— מע זאָגט, אַז ער איז געווען אַ טשעך... פון פּראַג... ר׳האָט אויסבאַ־האַלטן ערגעץ ווו אַ פידל... דער משוגענער...

— ווער דאַרף עס היינט אין געטאָ אַ פידל, טייערינקע? סיידן נאָר טאַקע אַ משוגענער...

— מע זאָגט, אַז ער איז געווען פאַרמישט מיט יענער חברה... מיטן קעסטל...

ס'איז געוואָרן פּלוצעם גאָר, גאָר שטיל. די, וואָס האָט געפּליסטערט לעבן באַרג, איז פּלוצעם אויסגעבראָכן אין אַ געוויין אין דער פינצטער.

— וואָס וויינט איר, גילדענע? ס'איז אונדז אַלע ווי און ווינד... מע דאַרף שוין אונדז אַלע באַוויינען...

פון דער צווייטער זייט באַרג האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ דין, שווע־בנדיק קול.

— מע זאָגט — ס'איז געווען אַ מסירה...

— מ'האָט זיי טאַקע געמסרט?

— וואָדען? ס'פעלן אין געטאָ יידישע מוסרים? אַזאַ פינצטער אומ־גליק...

— זיי האָבן נישט געדאַרפט איינשטעלן ס'לעבן... אַז מ'האָלט שוין אַזוי נאָענט... אַ ליאַדע טאָג... אַ שאָד די יינגלעך...

— מע זאָגט, אַז דער קלעזמער האָט זיך געוואָרפן אויפן דייטש מיט זיין לײדיקן פוטעראַל...

— איינער פון די לייט האָט אפילו געהאַט אַ באַגנעט...

— כ'גלייב נישט, טייערינקע, אַז יידן זאָלן זיך וואַרפן מיט באַגנעטן...

— און אַז איינער פון זיי האָט זיך געסמט, גלייבט איר יאָ, גילדענע?

— געסמט?

— אַזוי זאָגט מען... מ'האָט אים געפונען אין אַ טויער, אויף האָטעל־גאַס... שוין אַ טויטן... מיינס אַ שטאָטישער — פון די ווידאָווערס...

— בעסער איין קדוש, איידער, חלילה, צען...

— ווי איז אונדז... און איך זאָג אייך, גילדענע, אַז אין אַלץ איז שולדיק יענער... וואָס די קריפּאָ האָט אים געכאַפּט אויפן בית־עולם... ס'געדענקט די לעצטע שניי־זאַוויערוכע?

— נישט אמת. נישט די קריפּאָ האָט אים געכאַפּט, נאָר אונדזערע אייגענע...

— טפו זאָלן זיי ווערן...

— און דער אַלטער האָט אים טאַקע אַליין איבערגעגעבן צו די דייטשן?

— אַזוי זאָגט מען... ווער איז דאָס געווען דער געכאַפּטער? אַן אייגענער?

— מע זאָגט, אַז אַ פרעמדער...

— אַ ייד?

— ווער קען וויסן... כ׳האָב אים בלויז געזען יענעם שוואַרצן שבת... אויפן פיש־מאַרק... אַ גאַנצן טאָג איז ער געהאַנגען... פאַרוויקלט אין אַ ווייסן קיטל... מ׳האָט אַפילו נישט געזען זיין פנים...

אויפסניי זיינען אין דער שיילקאַמער אַלע פאַרשטומט געוואָרן. די גריל הינטער דער וואַנט האָט שוין ווידער אָנגעהויבן העשען קורצע גרילישע געוויין־פסוקים. מען האָט געהערט ווי די ווייבער שלינגען אַראָפּ אין איילעניש די אויסגעקליבענע קאַרטאָפל־ברעקלעך.

— ביינער? אַן עין־הרע...

— טאַקע ביינער?

— ביינער, אמתע ביינער!...

— פון וואַנען ווייסט איר, ליכטיקע, אַז ס׳דאַרפן זיין ביינער?

— כ׳האָב אַליין געהערט... פון דער פלעדערמויז...

— פון וועמען?

— פון דער פלעדערמויז...

— כי — כי — וואָס די פלעדערמויז קען שוין וויסן...

— פאַר וואָס נישט? ווער דען, אַז נישט די פלעדערמויז? לאָמיר פרעגן גיטעלען... זי און דער יונג זיינען דאָך איינס. גיטעלע, אמת, אַז ס׳וועלן זיין ביינער?

גיטעלע איז געזעסן אינעם ראָד צווישן אַנדערע מיט איר פאַרוואָר־פענעם מיידלשן קאָפּ און גאָרנישט ניט אָפּגעענטפערט. די פינצטערע קויטיקייט האָט געקלעפּט אין אירע קליינע הענט. די סכנה, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן פאַרקנוילט אונטערן פינצטערן באַרג, איז איצט אַרויס פון איר באַהעלטעניש ווי אַ שד אויף קליינע, שפּיציקע פיסעלעך.

ער איז געשפרונגען פאַר אירע אויגן מיט אַ סווישטשענדיק בייטשל אין די הענט און מיט ברענענדיקע, גרינלעכע, חלבדיקע אויגן. ער האָט אַראָפּ־געטאַנצט פונעם באַרג און אַ הילכיקן שמיץ געטאָן אינעם חלל פון דער שיילקאַמער. די לופט איז געוואָרן איבערפול מיט קליינע גרינלעכע סכנה־פייערלעך ווי פון אַ צעפּיצלטן בליץ. דער חלל אין דער שיילקאַמער האָט איצט געבריט. די וויבער האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטעקן זייערע צונגען, זיך באַלעקט אין דער פינצטער ווי גרויסע, געשפּענסטיקע קעץ.

— פון וואַנען, כ׳בעט אייך, האָט דאָס דער דייטש ביינער פאַר די יידן אין געטאָ?

— טאַקע, פון וואַנען האָט דאָס דער דייטש צו געבן ביינער די יידן?

— פון פערד, טייערינקע... פון פערד... ס׳פעלן זיי פערד?

— פון פערד, זאָגט איר?

— וואָס דען? פון קי אָדער פון קעלבער?

— נאַרישע ווייבער, וואָס איר זענט... דער דייטש פיטערט זיין חיל אַליין מיט פערד... אין פינף יאָר מלחמה עסט מען עפּעס אויף... ער עסט אַליין די פערד... נישט אַזוי?

— אוי ווי, טייערינקע, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אפשר האָט איר פאַרהערט? אפשר וועלן טאַקע נישט זיין קיין ביינער? וואָס טויגן אונדז שוין די ביינער?

— ביינער, ביינער! אמתע ביינער!

— ווי איז צו אונדז... אפשר איז עס גאָר... ביינער פון מענטשן... יידישע ביינער... ווי איז צו אונדז...

— טפו! מכשפות!... זייט שטיל!... ווער זאָגט דאָס, אַז דאָס זיינען יידישע ביינער? פאַראַיאָרן, געדענק איך, אַז ס׳זיינען געווען ביינער, האָב איך אַליין געהאַט אַ ביין פון אַ שעפּסנפּיסל... כ׳האָב עס דערקענט אינעם געשמאַק... מע זאָל אַזוי דערלעבן משיחן...

— אוי, ווי איז צו אונדז...

אין דער שיילקאַמער האָט זיך איצט די דעמערונג געזעצט טיפער און קלעפּיקער. אין דרויסן האָט זיך אַוודאי די לבנה געשפּאָלטן און דער־טרונקען געוואָרן אין דער הימל־פינצטערניש מיט אירע קליינע אָפּגע־

ריסענע לבנהדיקע גלידער. גיטעלע איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט דער פינצטערניש און געשוויגן. די ווייבערישע הענט זיינען מער נישט גע־קראָכן אינעם בויך פונעם קוויטיק־שוואַרצן באַרג. ער איז געלעגן, דער באַרג, פינצטער און גרויליק. מען איז געזעסן פאַרשטומטערהייט אויף די ציגלשטויסן און אָפּגעוואָרט דעם קלאַפּ אינעם וועגטל פון דער שייל־קאַמער. דאָס איז געווען אַ סימן פון דער פלעדערמויז, אַז מע קאָן שוין גיין אַהיים און אַז מע דאַרף שוין צושטעלן די אויסגעקליבענע געשטאָר־בענע קאַרטאָפּליעס אין די גרויסע, שוואַרצע קעסלען פון דער גאָרקיך.

✶

אויף אַן אויפגעשטעלטער נידעריקער, הילצערנער פּריטשע, הינטער די שוואַרצע גיהנומדיקע גאָרקיך־קעסלען, איז געלעגן וויגדער אין גאַנצן אַ נאַקעטער אין זיין אייבערשטן גוף־טייל — און זיך געשפּילט מיט דער אַלטער גאָרקיך־קאַץ. די קאַץ איז אים געזעסן ווי אַ קינד אויף זיין ברייטער, פאַרוואַקסענער ברוסט, בעת אירע צוויי פּאָדערשטע פּיסלעך האָט זי געהאַט אַוועקגעלייגט אויףביידע זייטן פון זיין שוואַרצלעכן האַלדז. זי איז געווען, די קאַץ, אַ פול־געפּאַקטע און אַ רונדיקע ווי אַ חזירל, מיט לאַנגע און שפּיציקע הערעלעך איבער איר פּנים, ווי אַפּשטייע־נדיקע ביימער־נאָדלען. פון אירע אויגן האָט געפּליצט איבער איר פּנים אין דער גאָרקיך־דעמערונג אַ פאַרבאָרגן קעציש־גרינלעך פייער, וואָס קומט פון שאול־תחתיה־וועלטן. זי איז שוין געווען געוווינט, די גאָרקיך־קאַץ, צו ליגן תמיד אויף וויגדערס ברייטער ברוסט, אים וואַרעמען זיינע פאַרוואַקסענע ברוסט־בערגלעך און טייל מאָל אַפילו האָט זי אין זיי אַריינגעגנורעט איר שטעכיקע און שפּיציקע גאָמבע.

די פלעדערמויז — מע ווייסט נישט פאַר וואָס די ווייבער פון דער שיילקאַמער האָבן וויגדערן צוגעטשעפּעט דעם דאָזיקן אויסטערלישן נאָ־מען — האָט געהאַט געפונען די קאַץ בעת זי איז נאָך געווען אַ גאָר יונגעטשקע הינטערן דעכל פון דער שיילקאַמער, טאָקע פון דאָרט, פון וואַנען עס גייען די ווינטן פון אָפּענעם, צעריסענעם שטח. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי מען האָט אים אַ צעשלאָגענעם אַרויסגעשלעפּט פון

דער קריפּאַ. ער האָט זי גענומען, די קאַץ, כּדי ס'זאָל אים זיין היימלעכער בעת דער נאַכט־שמירה אין דער גאָרקיך, נאָך דעם ווי די ווייבער פאַר־לאָזן די שײלקאַמער. ער אַליין, ווידער, האָט איצט געהאַט אַ משונהדיקן גוף: אַ דינע, אָפּשטייענדיקע גאָמבע ווי דאָס אַרויסשטאַרטשענדיקע העלדזל פון אַ פּידל און צוויי דינע אַראָפּהענגענדיקע הענט ווי די טויטע פליגל פון אַ פלעדערמויז. דאָס פּנים אַרומגעזוימט מיט אַ ווילדער באָרד. אויך דער האַלדז און די הענט זיינען אים געווען שטאַרק פאַרוואַקסן, און האָבן געשראָקן די ווייבער, ווי ס'וואָלט פאַר זיי געשטאַנען אַ שד. ער פלעגט טייל מאָל אַ פּאַכע טאָן מיט זיינע הענט אַרום אַ יידענע, אָדער אַ מיידל, אַז יענע האָבן זיך דערשראָקן פאַרן פלוצעמדיקן שאָרך און געמאַכט אַ געוואַלד. ווו די פלעדערמויז האָט זיך אַהינגעטאָן ביי טאָג — האָט קיינער נישט געוווּסט. טייל ווייבער האָבן דערציילט, אַז ער האַלט זיך אויף צווישן די הויכע מצבות און אַלטע אוהלס אויפן ריינעם פעלד, ווו ער האָט זיך אַפילו געמאַכט אַ געלעגער. טאַקע דאָרטן, צווישן די אַלטע טויטנבערגלעך, האָבן מענטשן געזען, ווי די פלעדערמויז האָט געהאַט אויפגעשטעלט אַ סך סיטשן, קליינע, נידעריקע פייגלנעצן פאַר פייגל, וואָס ער פאַנגט זיי מיט זיין פויגלשן טרעלך. מען האָט זיך דערציילט, אַז די פלעדערמויז שטעכט אויס די געפאַנגענע פייגל לעבעדיקערהייט די אויגן מיט אַ נאָדל און ער הערט דעמאָלט זייער שיין טויטגעזאַנג, ווי ס'איז די אייביקע פויגלשע טבע פאַרן שטאַרבן. און דאָס וואָס ער טוט מיט די פייגל — איז שוין געווען גאָר אויסטערליש. מען האָט זיך דער־ציילט, אַז זינט דעם הונגער קאָכט ער די געפאַנגענע פייגל אין די פינצ־טערע רבישע אוהלס אויפן ריינעם פעלד און טראָגט יאַיכלעך פון פויגל־שער זופּ צו קראַנקע. אַ יידענע פון גאָרקיך־געסל האָט אַליין דערציילט, אַז איר מאַן, וואָס איז געלעגן אַ געשוואָלענער אין גסיסה, האָט נאָכן אויפעסן אַ טעלערל זופּ פון דער פלעדערמויז, זיך געשטעלט אויף די פיס און באַלד צוריק געזונט געוואָרן. אָבער די, וואָס קאָנען נישט שלאָפן ביי נאַכט און שטייען ביי די פענצטער־פראַמוגעס, זעען אָפט ווי דער גאָרקיך־יונג ליגט אויפן דעכל פון דער שײלקאַמער און אין שיינע לבנה־נעכט שפּילט ער זיך מיט דער קאַץ לעבן קוימען. אמת איז געווען, אַז אַ גאַנצן

טאָג האָט מען אים נישט געזען אין געסל. ערשט מיטן צופאַלן פון דער דעמערונג האָט די פלעדערמויז אָנגעהויבן זיין נאַכטלעבן צוזאַמען מיט דער קאַץ הינטער די הויכע, שוואַרצע קעסלען פון דער גאַרקיך.

צווישן ווידגערן און דער קליינער חיה איז נאָכן אומגליק געשלאָסן געוואָרן אַ שטומער, פינצטערער נאַכטבונד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער דעמערונג פון דער גאַרקיך, לעבן די גיהנומדיקע שוואַרצע קעסלען, און פלעגט זיך אויסלעשן מיטן פאַלן פון באַגינען. ער פלעגט טייל מאָל זיך אַוועקשטעלן הינטער דער שיילקאַמער, ווו די ווייבער און מיידלעך זיינען געזעסן לעבן מיסטבאַרג. ער פלעגט דורך אַ שפּאַרע אַ פייף טאָן מיט אַזאַ שדישער האַסטיקייט, אַז די הילצערנע קאַמערווענטלעך האָבן זיך גענומען שאָקלען. פון אינעווייניק, לעבן באַרג, פלעגט זיך דעמאָלט צעשיטן אַ ווייבערישער געוואַלד, און די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן קלאַפן מיט די פויסטן אין די ווענטלעך מיט ווילדע קולות.

— פלעדערמויז, איינגעזונקען זאָלסטו ווערן, וואָס שרעקסטו איבער ווייבער?

— מכשף! טפו!... טפו!... טפו!...

— בית־עולם־שד, האָב חתונה מיט דער קאַץ!...

— טריפהנער פויגלפאַנגער!...

— גלייבט מיר, ווייבער, אַז אַ יידישע מאַמע האָט אים אַוודאי נישט געזויגן... גיטעלע, אפשר וועסטו איינשטילן די פלעדערמויז?

דערהערנדיק דעם נאָמען גיטעלע — איז ווידגער טאַקע אויף אַ רגע פאַרשטילט געוואָרן הינטער דער שיילקאַמער. ער איז געבליבן שטיין מיט אַ צוגענאָגלטן קאָפּ צו דער וואַנט, ווי אַ פויגל וואָס וואַרט אָפּ זיין נאַכטרויב, בעת זיינע לאַנגע אויערן זיינען אים אַריבערגעפאַלן איבער די באַקן. ער איז לאַנג געשטאַנען לעבן דער שפּאַרע און אַריינגעקוקט צום פינצטערן באַרג. ער האָט געקוקט איצט אויף גיטעלעס האַנט, וואָס האָט יעטוועדע רגע זיך אַריינגעגליטשט אינעם גרויסן עיפּושדיקן באַרג און זיך צעפּאַכעט פאַר זיין פנים ווי אַ בינטל וואַרעמע, ווייסע שטראַלן.

ער האָט ליב געהאַט, ווידגער, צו שרעקן די ווייבער אין דער פינצטערניש מיט כלערליי קולות פון עופות און חיות. אָבער ס׳רוב האָט

ער ליב געהאַט אַריינצוזשען דורך די שפּאַרעס איבער גיטעלעס קאָפּ און געלאָזט דעמאָלט הערן דאָס צוויטשערנדיקע קול פון זינגפייגל. ער האָט אויסגעטרעלט קאַנאַריק־טרעלן אָדער געפּייפט אַזוי ווי עס פייפן די פּוילישע שפּאַקן אין די זומערדיקע קשאַקעס. ער פלעגט אָפּוואַרטן די טיפסטע שטילקייט אין דער שיילקאַמער, געוואַרט, אַז די ווייבער זאָלן אַלע זיין איינגעהאָרכט צום דרויסן — און ערשט דעמאָלט האָט ער פלור־צעם אָנגעצויגן זיינע לונגען און אַרויסגעלאָזט פון צווישן די שפּיציקע ליפּן זיין הילכיק, פויגלש צוויטשערן. בעת ער פלעגט אַזוי אַריינטרעלן, איז אים די קאַץ תמיד געזעסן אויף די אַקסלען און אַראָפּגעבליצט מיט אירע גרינלעכע, געשפּאָלטענע פּאַספּאָראויגן. אירע אָנגעצויגענע, לענג־לעכע אַפּלען האָבן אין זיך פאַרטייעט אַ גרינלעך פייער. ווּיגדער האָט נאָר אויף אַ ווײַלע אַזוי געוואָלט איבערשרעקן די ווייבער אין דער שייל־קאַמער. ער איז באַלד אַרויסגעשוומען פונעם פינצטערן ווינקל ווי אַ שוואַרצער פיש און זיך אויפסניי אַוועקגעלייגט אויף דער פּריטשע הינטער די הויכע, שוואַרצע גאָרקיך־קעסלען.

## קאַפּיטל זעכצן

# ביינער

אַנומלטן, פּאַרנאַכט צו, האָט זיך אַ קלײנער, הילצערנער וואָגן, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן מיט אַ שוואַרצער, לעדערנער פּלאַכטע, אַרײַנגעקײַקלט אין פּינצטערן הייפל פון דער גאָרקיד. הינטערן וואָגן, וואָס איז געווען אַ נידעריקער און געזעסן אויף קלײנע קינדער־רעדלעך, איז פון אַלע זייטן נאָכגעגאַנגען אַ כאַפּטע מענטשן, פרעמדע און אייגענע, וואָס האָבן נישט אַראָפּגענומען אויף אַ רגע זייערע צוגעקאָוועטע אויגן פונעם וואָגן. דער וואָגן איז געווען פאַרדעקט פון אַלע פיר זייטן און נאָר אין דער מיט האָט זיך עפּעס געהויבן, זיך הויך געבערגלט, ווי דאָרט וואָלט געלעגן אַ פאַרשטאָרבענער מיט די עלנבויגנס אַרויף. אַחוץ וויגדערן, וואָס איז אַרומגעשפּרונגען אויף אַלע פיר זייטן און געהאַלטן אין איין אַוועקיאָגן דאָס אָנגעלאָפענע פרעמדוואַרג פון זײַטיקע געסלעך, זײַנען אַרום דעם וואָגן געגאַנגען אַלע שיילווייבער פון דער קאָמער. זייערע קעפּ און אַקסלען זײַנען געווען פאַרוואָרפן מיט שוואַרצע, לאַנגע פּאַטשיילעס און זיי האָבן אַלע אויסגעזען ווי זיי וואָלטן נאָכגעגאַנגען אַ לוויה פון אַ געהרגעטן. אָבער אין זייערע תנועות און העוויות האָט מען געזען, אַז דאָס באַגלייטן זיי נישט אַ טויטן נאָר אַז דאָרט, הינטערן לעדערנעם צודעק, מוז אַוודאי זײַן פאַרבאַהאַלטן אַ גאָר זעלטענער אוצר. זיי האָבן געהאַלטן זייערע הענט אײַנגעקלאַמערט פון ביידע זייטן אויף די נידעריקע וואָגנווענטלעך, געהאָלפן אים אונטערשטופּן, בעת די פלעדערמויז אַליין איז יעטווועדע רגע געשפּרונגען פון אָרט צו אָרט און געשריגן פון זײַן פּינצטער מויל אַרויס:

— כ׳האָב געזאָגט, ווייבער!.. כ׳האָט געזאָגט, אַז ס׳וועלן זײַן ביינער!...

— ביי—נער? אמתע ביי—נער?

דער וואָגן איז פּאַוואָליע, שפּאָן נאָך שפּאָן, אַריינגעשטופּט געוואָרן אין פינצטערן הייפל אַריין. ער איז געבליבן שטיין אינעם ווייכן זאַמד, וואָס איז זינט וואָכן געווען בלאָטיק פון די פּאַלנדיקע פּוילישע פרילינג־רעגנס. אַלע זיינען פּלוצעם געבליבן שטיין פאַרשוויגענע און אַוועק־געלייגט די הענט איבער זייערע באָקעס. זייערע מיילער — איינגע־פאַלענע און אָפּגעשטאָרבענע — האָבן אָנגעהויבן בליען אין דער פינצ־טערניש מיט פלעקן פון שטאַרקן מאָנרויט. דאָס שפּיציקע בערגל אויפן וואָגן האָט זיך פונעם טרייסלען מיט אַ מאָל, נאָך העכער אויפגעהויבן. איצט האָט עס באַשיימפּערלעך אויסגעזען ווי פאַרפלאָכטענע הענט אַרום אַ פאַרוואָרפענעם שאַרבן.

— ביינער... אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען!... יידן, געלויבט דער איי־בערשטער... ביינער... ביינער... אמתע ביינער...

— ביינער... — האָט אַ סודותדיק געפליסטער זיך געטראָגן פון די ווייבערשע מיילער און געבליבן הענגען איבערן אויפגעהויבענעם בערגל פונעם וואָגן ווי אַ שפּרוך, וואָס דאַרף באַלד באַלעבן דאָס בערגל אונטער דעם שוואַרצן צודעק.

פון דער פינצטערניש איז פּלוצעם אַנטקעגן דעם וואָגן אַרויסגע־שפּרונגען די גאָרקיך־קאַץ. מיט אַ פלינקן היפּס איז זי באַלד געזעסן אויבנאָן, אויפן סאַמע שפּיץ פונעם אַרויסשטאַרטשענדיקן בערגל.

— אַ טשיק!... אַ טשיק!... אַ טשיק!... — האָבן די ווייבער אָנגע־הויבן צו פאָכען מיט זייערע שירצן און פאַטשיילעס, כדי די קאַץ צו פאַרטרייבן — אַ טשיק! געזען אַ נבלה? ס'האָט שוין דערשפּירט אַ פּיצל ביין... אַ טשיק! אַ טשיק! גיי אין דיין רו אַריין...

די קאַץ האָט אָבער פאַוואָליע און באַדאַכטיק אויפגעעפנט איר ברייט, פינצטער מויל, געקוקט אַ לאַנגע ווײַלע צו ווידערן און דערנאָך זיך גענומען באַלעקן מיט דער צונג. זי האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט אירע געשפּאָלטענע אויגן־אַפּלען אויפן געזעמל ווייבער און די גאַנצע צייט נישט באַוויגן מיט די אויגן. די ווייבער האָבן זיך אַפילו דערשראָקן און זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פונעם וואָגן. זיי האָבן אין אירע קעציש

אַפּלען דערזען דאָס נאַכטפּייער פון אַ נישט־גוטן. זיי זיינען אַלע פאַר־שוויגן געוואָרן, טיפער אַריבערגעוואָרפן די פאַטשיילעס איבער די קעפּ און געוואַרט, אַז די פלעדערמויז זאָל מיט אַ פייף אַראָפּנעמען די קאַץ פונעם ביינער־בערגל.

דערווייל האָט וויגדער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַראָפּציען די שוואַרצע איבערדעק פונעם וועגעלע, וואָס איז איצט געבליבן שטיין אין דער הויף־פינצטערניש, אַ נאַקעטס און אָפּגעדעקטס. די ווייבערשע שאָטנס זיינען נאָך האַסטיקער צוגעשפּרונגען און שטאַר אַריינגעקוקט אין זיינע בערגלעך ווי בלינדע איבערגעוועקטע נאַכטסאָוועס.

ביז צום פולן ברעג פון וועגעלע האָבן זייערע אויגן געזען ליגן אַן אויסטערליש ביינער־געפלאָנטער — שוואַרצלעכע, רויטלעכע, שאַרלאַך־ראָזלעכע און קאַלט־בלאָלעכע. פון אַ טייל האָט נאָך אויסגעזען צו טריפן אַ בלוט־פּליסיקייט, וואָס איז שוין געשטאַנען פאַרגליווערט אין שמאָלע, לענגלעכע, שוואַרצע סטענגעס. זיי זיינען געווען, די קנאָכן, טייל בלאַסע מיט אַ צעריסענער קאַלכווייסקייט, ווי אין טויטע געשטאָרבענע באַקן, און איבערגעצויגן מיט אַ צעריסענער, געשפּאָלטענער הויט; אַנדערע ווידער — צעקרישלט און איבערגעבראָכן מיט נאָכהענגענדיקע גוף־פּעדעם, וואָס האָבן אין דער אָונט־פינצטערניש אויסגעזען שוואַרץ. דאָס טריפנ־דיקע פּליסיקייט איז אויך געווען שוואַרצלעך און האָט באַדעקט די ווייסלעכע ביינער מיט לאַנגע טראָפּנס שוואַרצלעכע טרערן. זיי האָבן געזען, די ווייבער, דעם ווונדערלעכן קנאָכנבאַרג און נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון זיין שוואַרצלעכן געפלאָנטער. פון אונטער די ביינער־בערגלעך האָט איצט צו זיי אַרויסגעקוקט דער שוואַרצער אָרעם פון טויט, וואָס צעברעכט אַלע ערדישע שאַרבנס און גלידער. ס'האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלט ערשט נישט לאַנג צווישן די פיר פאַרצוימטע וואָגנווענטלעך, ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענער, פאַרצוימטער וועלט, פאַר־געקומען אַ הייסער גערענגל צווישן ריזיקע גופים, וואָס זיינען באַפאַלן איינער דעם צווייטן. דאָ איז פאָרגעקומען אַ געפעכט פון גיבורים, פון טונקעלע, איבערמענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן איינער אויפן צווייטן און געפאַלן אין אַ בלוטיקן טויט־געראַנגל, אָט

שפּאַרן נאָך דאָ אַרויס די עלנבויגנס — שפּיציקע, פּאַרקלעמטע, קלאַ־מערנדיק זיך אין די פאַרוואָרפענע שאַרבנס, פון וואַנען עס גייען אַרויס די אויגנבערגלעך און בעטן רחמים ביי דער פינצטערניש. אונטערן געפלאָנטער פון געביילטע פויסטן איז געפאַלן אָט דער צעבראָכענער רוקן. איצט גייט־אַדורך דער נאַכטווינט זיינע ריפּן ווי דורך אַ צעבראָ־כענער, וויינענדיקער לירע. קיינער האָט נישט געזען ווי איבער די זיך ראַנגלענדיקע גופים און צאַפּלענישן האָט אַן אומזעעוודיקע, בייזע האַנט אַלעמען געפירט צו פאַרטיליקונג. מיט די לעצטע אָנגסטן און שאַרפע בעגלשפּיצן איז געפאַלן דער מענטשלעכער גוף. ער איז געפאַלן אַן איינגעבראָכענער און פאַרשעמטער אונטער זיין אייגענער לאַסט, באַ־גראָבנדיק צווישן זיינע צעפאַלענע קנאָכן דאָס אייגענע, לעצטע, טויט־געשריי פון אַ פאַלנדיקן גיבור.

✶

גאָרנישט האָט זי אַזוי אָפּגעהיטן, גיטעלע, בעתן נישטערן אינעם שוואַרצן באַרג, ווי די רעכטע האַנט אירע און, דער עיקר, אירע דינע, וואַרעמע, מיידלשע פינגער. זי האָט זיך תמיד אין דער שיילקאַמער נאָר באַדינט מיט איר לינקער האַנט. דערפאַר איז די האַנט געווען דיקלעך אָנגעלאָפן פונעם שוואַרצן קויט ווי מיט אַ שוואַרצער, טרויע־ריקער קרעפּהענטשקע. דערפאַר האָט איר רעכטע האַנט וואַרעם גע־לויכטן מיט אַ גוטער, מיידלשער ליכטיקייט. ס'האָט אויסגעזען ווי די דאָזיקע צוויי הענט וואָלטן געהערט צו צוויי באַזונדערע מענטשן. די וויבער אין דער שיילקאַמער האָבן טאַקע תמיד געחוזקט פון גיטעלען, אַז די רעכטע האַנט האַלט זי פאַרן ממזר, כאָטש דאָס גאַנצע געסל האָט וויל געוווּסט, אַז ס'איז גאָר, גאָר אַנדערש.

זי האָט איצט שוין געוווּנט, גיטעלע, איבערן דעכל, קייגנאיבער דער שיילקאַמער אין אַ חדרל, וואָס איז געהאַנגען אינעם בלאָען חלל ווי אַ פויגלשע צונויפגעקלעפּטע נעסט. איבערן דעכל זיינען געגאַנגען די ווינטן און די שנייען, די רעגנס און די נעפּלען. פונעם אַהער גע־יאָגטן פעלדזאַמד און פונעם שטויב האָבן אויפן דעכל געגומען אויס־

וואַקסן זאַפּטיקע, שיינע גראָזן און אַפילו פעלדבלומען. בעת אונטן, אין געסל, איז געשטאַנען אַ ווִיסטע ליידיקייט און ס'איז נישט אויפגעגאַנגען די מינדסטע שפּראָצונג, האָבן דאָ, אויפן דעכל, איבערן פענצטער, אָנגעהויבן אויפגיין כלערליי פּוילישע פעלדגראָזן. דאָס דעכל איז געווען איינגעראָמט מיט אַ שיינער, גרינלעכער קרוין. אַ יונג, דאַר ביימל מיט דינע, אַראָפּהענגענדיקע צווייגלעך האָט פּלוצעם אויפגעשפּראָצט לעבן קוימען און פאַרדעקט די אויסגעריסענע ציגל־שפּאַלטן. פון צייט צו צייט פלעגט פון מיזרח־זייט, ווו ס'ציען זיך די בית־עולם־פעלדער, פּלוצעם אָנפליִען אַ פויגל־פּאָר, אַרומקרייזן דאָס דעכל עטלעכע מאָל און איז באַלד צוריק פאַרשווונדן הינטער די ליידיקע פעלד־שטחים.

באַלד נאָכן אומגליק מיט חיים ווידאווער און מיט אַנטאָן קראַפּט איז גיטעלע אַלץ טיפער געפאַלן אין איר מיידלשער, אָפּגעצוימטער געטאָ־־אוממאַכטיקייט. אַלץ, וואָס האָט נאָר־וואָס אויסגעזען אַזוי ווייט פון סכנות, פון טויט, פון רופן אין „קריפּאָ" און אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ — אַלץ איז זי באַפאַלן פּלוצעם מיט אַזאַ פינצטערקייט און שטורעם, אַז זי האָט זיך לאַנג געשעמט צו קוקן ווידערן אין פּנים אַריין. אויך ווידער אַליין האָט נאָכן אַרויסגיין פון „קריפּאָ" זיך אין גאַנצן געביטן. וואָכן האָט ער פינצטער געשוויגן און אַפילו נישט געוואָלט אָפּנעמען די צוגעטיילטע, טעגלעכע וואַסער־זופּ. ער האָט געוואָלט שטאַרבן. טייל מאָל האָט ער געערדט צו גיטעלען אַזעלכע פאַרנעפּלטע רייד, וואָס זיינען געקומען פון נישט־היגע מרחקים — רייד צעבראָכענע, פאַריתומטע, טרויעריק־יידישע, וואָס נאָר אַ מענטש ברענגט אויף די ליפּן אין זיין טיפסטן יאוש. ווידערס אויגן, וואָס זיינען לאַנג געווען פאַרגאָסן מיט בלוט פונעם שלאָגן אין קריפּאָ און אַרומגעקרייזט מיט בלאָלעך־שאַרפע ראַנדן, האָבן געקוקט אויף איר פּרעמד, קאַלט, מיט אַ הייסן בליאַסק פון אַ באַנומענעם. אַלץ, וואָס איז געשען מיט צוויי חדשים צוריק, איז ערגעץ ווו אַוועקגעשווומען פון זיי, ווי ס'שווימט אַוועק אַן אָפּגעריסענע, בליענדיקע צווייג אין אַ שוואַרץ־ברויזנדיקן תהום.ביידע זיינען זיי געבליבן דאָ פרעמדע, איינזאַמע, צוריקגעשליידערטע פון עפּעס אַ שיינעם, פאַרלוירענעם חלום. ביידע זיינען פון איצט אָן געווען בלויז

קליינע, בלוטלאָזע שאָטנס אינעם תהום, צוזאַמען מיט אַלע טויזנטער, הונגעריקע, פֿאַלנדיקע יידן־שאָטנס אין געטאָ־פֿאַרצוימטקייט.

דאָס אַלץ איז נאָך געשען דעמאָלט, בעת אין זעלדעס פּאַציאַטקע איז נאָך איר טויט אויך געקומען ווינען ביי גיטעלען דאָס פרעמדע פּאָרפּאָלק פון קאָנין. זיי זיינען ביידע געקומען בלויז מיט אַ קליין קלוי־מעקל און מיט אַן עופּעלע, וואָס זיי האָבן געטראָגן פאַרבאָרגן אין אַ געפלאָכטן האַנט־קיישל. ס'איז געווען אויסטערליש וואָס די אָ פרעמדע מאַמע האָט באַלד דעם ערשטן טאָג געזאָגט צו גיטעלען:

— גיטעלע, טאָמער, חלילה, מע וועט אונדז ביידן אויפכאַפּן... געדענק, זיי דו אַ מאַמע פאַרן קינד... ס'איז שוין אָפּגעוויינט פון זייגן... ס'דאַרף בלויז אַ ביסל לוי וואַסער מיט סאַכאַרין... ס'קינד איז אַ מלאכל... ס'וויינט קיין מאָל נישט... ס'שלאָפט גאַנצע טעג... און אַז ס'מאַכט אויף די אייגעלעך...

זי האָט פלוצעם אַרומגענומען גיטעלעס דאַרן, מיידלשן גוף, זי געקושט — און זיך צעוויינט.

זינט ס'איז אָנגעקומען דאָס קאָנינער פּאָרפּאָלק מיטן עופּעלע אין קיישל האָט זיך אין די טונקעלע אָפּגרונטן פון גיטעלעס האַרץ פאַר־שפּרייט אַן אומבאַקאַנטע, וואַרעמע העלקייט, ווי דאָרט וואָלטן געשטאַנען אָנגעצונדן שיינע שבת־ליכט. בעת דאָס פּאָרפּאָלק האָט געהאַלדזט דאָס עופּעלע, האָבן גיטעלען אַרומגענומען ווינטע אומקלאָרע מחשבות, וואָס גרענעצן מיט שגעון. אַז קיינער איז נישט געווען אין חדרל, האָט זי מיט די הענט אַרומגענומען איר געבויגענעם אייבערשטן גוף־טייל און געגלעט מיט פאַרמאַכטע אויגן אירע קליינע נישט־אויפגעגאַנגענע פלאַכע בריסטן. זיי זיינען געווען קיל און כמעט דורכזיכטיק. אונטער איר פינגער־באַריר איז איבער זיי פלוצעם אָנגעלאָפן אַ געשלענגלט בלוט־שטרייפל, וואָס האָט נאָר אויף אַ רגע איבערגעוואָרפן אירע קרומלעכע, דינע וואָרצלען מיט אַ קראַנקער, שוואַכער ראָזלעכקייט.

און פלוצעם — דאָס דאָזיקע ווינטע אומגליק.

דאָס פּאָרפּאָלק איז אַרויס פונעם חדרל אויף אַ ווײַלע און איבער־געלאָזט דאָס עופּעלע אינעם קיישל. ביידע זיינען אין דרויסן אויפגעכאַפּט

געוואָרן מיט אַ סך אַנדערע יידן פונעם געסל — און מער נישט צוריקגעקומען.

פון איצט אָן האָט שוין דאָס עופעלע געהערט נאָר צו גיטעלען און צו איר קרומען, מיידלשן שאָטן. זי האָט געוווסט, גיטעלע, אַז נאָר די וויסטע מחשבות האָבן אַרויסגערופן פונעם כף־הקלע דעם בייזן גורל — זי איז איצט אַ מאַמע פונעם קליינעם עופעלע. דאָס קינד איז זיך פאַרגאַנגען גאַנצע טעג אין אַ דין שוואַלבן־געוויין, וואָס האָט געריסן די שטילקייט אינעם חדרל. און דעמאָלט איז גיטעלען באַפאַלן די דאָ־זיקע מחשבה: אָנזייגן ס׳קינד. זי האָט פאַוואָליע, אין אוממענטשלעכן פחד — ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר גאָט, אָפּגעדעקט איר קאַלטן נישט־אויפגעגאַנגענעם בוזעם. דאָס קינדערשע קעפל האָט דערפילט דאָס טראָפן וואַרעמקייט און אַ רגע געוואָרן איינגעשטילט, בעת דאָס מויל האָט אָנגעהויבן זוכן אירע טרוקענע, דראָבנע, מיידלשע וואַרצלען. גיטעלע האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי איז שיער נישט געפאַלן פון די פיס. דאָס קינד האָט איר געביסן די הויט, זיך פאַרקייכט און מיט די ענגטלעך געדראַפּעט די הויט. אַ קלעמונג פון בושה האָט גיטעלען אויפ־געבונדן די אויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויפן שויס און גע־בליבן זיצן ווי אַ פאַרשלאָסן, אָפּגעצוימט, שטיק ערד. זי האָט אָנגע־הויבן שטיל צו וויינען. די פאַלנדיקע טראָפּנס האָבן זיך געקייקלט פון איר פנים אויף דער ברוסט און פון דאַנען — איבערן קינדס קעפל, ביז צו זיינע פונאַנדערגעעפנטע, בלאָלעכע ליפּן.

*

גראָד צו האַלבער נאַכט האָט מען אין גאָרקיך אָנגעהויבן צו קאָכן די ביינער אין די פינצטערע קעסלען. אין געסל איז שוין געשטאַנען אַ וואַרעמער נעפל פון צעקאָכטע קנאָכן, וואָס האָט געשפּאַרט דורך די גאָרקיך־פענצטער. אין די קאַרידאָרלעך פונעם הייזל, אין די טונקעלע נישן פון דער גאָרקיך, האָבן שוין געוואַרט אומצאָליקע, שאָטנדיקע מענטשן־געזעמלען מיט זייערע ליידיקע, שוואַרצע טעפּ. אויך אַרום דעם אָפּגעשלאָסענעם טויערל פונעם קיכהייפל האָבן זיך געשאַרט פינצטערע

מענטשנקנוילן — געבויגענע, נישטערנדיקע, ווי אַ מחנה צעבראָכענע גוף־שאָטנס מיט לאַנגע שפּיציקע פּנימער. פון די אויגן זייערע האָט זיך אָן אויפהער געגאָסן אַ נישט־ערדיש, קראַנק הונגערליכט, וואָס האָט געלויכטן ווי גלי־ווערעמלעך אין דער נאַכט. זיי זיינען געשטאַנען פאַר־באָרגענערהייט ביי זייטיקע שטיגן־ווינקלען, געלעגן אויף נידעריקע דעכלעך און געקוקט צום שוואַרצלעכן רויך, וואָס האָט זיך קרויזנדיק געהויבן איבערן ברייטלעכן גאָרקיך־קוימען פונעם קאָכן די ביינער.
דער רויך איז נישט געווען אַ פּשוטער. ער איז געווען אַפילו ראָזלעך ביי די ראַנדן און פאַרשפּינט מיט שוואַרצלעכע פלעקן. ער האָט זיך לאַנג, לאַנג געהאַלטן איבערן דעכל, געפאַלן גאָר נידעריק ווי אַ רעגן־וואָלקן און זיך שפּעטער צעשאָרט צווישן די פענצטער־פּראַמוגעס. ער איז אַריין אין די אַלטע, ליידיקע ביידעמער און אַפילו אַראָפּגעפאַלן אין די נידעריקע קעלערן. די מענטשן פונעם געסל האָבן שוין אָפּגע־וואַרט אַ גאַנצן טאָג, אַז די פלעדערמויז זאָל אַריינוואַרפן די ביינער אינעם קעסל, וואָרעם נאָכן אויסקאָכן די ביינער איז תמיד פאַרבליבן אין די קעסלען אַ מוטנע, גוטע, פליישיקע פליסיקייט. די דאָזיקע פלי־סיקייט איז שפּעטער פאַרטיילט געוואָרן — און ווער ווייס ווען עס וועלן ווידער זיין ביינער. אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט געווען אַנטקעגן דעם, וואָס איז שפּעטער געשען. וויגדער האָט נאָכן אויסטיילן די פלי־סיקייט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן די טרוקענע, אויסגעקאָכטע ווייס־פאַר־שטאָרבענע ביינער אין דרויסן אַרויס. ער האָט זיי געוואָרפן דורכן קליינעם פענצטערל אין דער פינצטער. אַליין איז ער געווען פאַרבאַ־האַלטן ווי אַ פאַרבאָרגענער גאָט, וואָס שליידערט ליכטיקע בליצן. זיי זיינען געפאַלן, די ביינער, הויפנווייז איבער די אויפגעהויבענע קעפּ, אין די אויסגעשפּרייטע הענט און אין די אונטערגעשטעלטע, שוואַרצע טעפּ. זיי זיינען געפאַלן איבער די מענטשנס פּנימער, זיך אָנגעקלאַפּט אין די ברוסטן מיט זייערע שפּיציקע קאַנטן, געטראָפן אין די מענטשנס באַקן און זיי געשפּאָלטן ווי מיט שאַרפע ווייסע מעסערס. אָבער די אויסגעשטרעקטע אָרעמס האָבן לסוף אויפגעכאַפּט די ביינער, זיי פעסט צוגעטוליעט צו זיך, ווי מען טוליעט צו זיך די קאַלטע, טויטע קנאָכן פון אַ פאַרשטאָרבענעם.

## קאַפּיטל זיבעצן

# גזר

ס׳איז געווען אמת וואָס מ׳האָט געזאָגט. די פלעדערמויז פלעגט טאַקע אין מיטן נאַכט בעת זיין שמירה אַרויפשפרינגען אויפן דעכל און פון דאָרט אַריין אין גיטעלעס חדרל. ער פלעגט עס טאָן מיט אַזאַ שפרונג ווי אַ צעפלאַשעטער וואָלקן־שאָטן. ער איז אַריין דורכן קליינעם פענצטערל און געבליבן שטיין לעבן גיטעלען ווי אַ מכשף, וואָס איז געקומען פון אַ צווייטער ערד. זי איז געלעגן, גיטעלע, מיטן קינד אויף אַ נידעריק הילצערן געלעגער און אָפגעוואַרט וויגדערס נאַכטיק קומען. זינט וויגדער האָט אָנגעהויבן קומען צו גיטעלען — האָט דאָס קינד מיט זעלטענער, פאַרשלאָפענער הנאה שפּעטער מער געצויגן אירע איינגעפאַלענע, מיידלשע בריסטן. לאַנגע שעהען האָט דאָס קינד נישט אַרויסגעלאָזט אירע ווייך־געוואָרענע וואַרצלען און — מע האָט באַשיימפערלעך געזען, אַז פון זייער מיידלשער פאַרשלאָסנקייט הייבט אָן ברכהדיק צו פליסן אַ בלאַסלעכע און זיסע פליסיקייט. זי האָט שוין נישט געקאָנט, גיטעלע, מער פונאַנדערשיידן צי איז איר האַרץ אין צווישן אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט מילך, אָדער עס זיינען אויפסניי געוואָרן וואַרעם און טריפנדיק די פאַרטריקנטע, נישט־אָפּגעוואַשענע, אַמאָליקע טרערן.

ס׳איז געווען אין יענע טעג, בעת דער דייטש האָט פאַרמאַכט די גאָרקיכן, געהייסן אָפּגעבן די גרויסע קיכקעסלען און איינלייגן די אויסגעמויערטע הרובעס. אין די דאָזיקע טעג, בעת וויגדער האָט שוין נישט געהאַט די גאָרקיך, האָט ער זיך אין גאַנצן אַריינגעקליבן צו גיטעלען אין חדרל. ער האָט נאָר מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסע, ליידיקע פויגל־שטייג און זי אַוועקגעשטעלט אויפן דעכל.

דערווייל האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט אַ זומערדיקע לינד־קייט, וואָס איז ווייך געפלאָסן איבער די נידעריקע דעכלעך. די לינדקייט האָט ווינטיק געפלאַטערט, ווי אַ לייכטער, טערקישער שאַל. ערגעץ ווו, הינטער די אָפּגעצוימטע פעלדער, איז אויפגעגאַנגען די פּוילישע תבואה. רויטלעכע שלאַנקע מאַנבלומען און אַנגערייפטע בוראַקעס־בלעטער האָבן זיס געמאַכט דעם הימלדיקן חלל איבער זיך. די לופט איבערן געסל איז געהאַנגען שטיל און בלאָלעך — מיט אַ פּולער, איבערגעגאָסענער אויגנבלאָקייט. זי איז אויך געווען דורכזיכטיק און פאַליענדיק ווי אַ וואַסערל. זינט ווידער האָט זיך אַריינגעקליבן צו גיטעלען האָבן זיך אויבן, אויפן דעכל, אָנגעהויבן טראָגן אויסטערלישע פייגלשע קולות. צווישן דעם אויסגעוואַקסענעם גראָז אויפן דעכל, איבערן סאַמע בעליק פון גיטעלעס חדרל, האָט זיך פלוצעם, אין דער וואַרעמער נאַכטשטילקייט, באַזעצט אַ פריילעכע פויגל־מישפחה. אויך שוואַלבן האָבן געקלעפּט נעסטן הינטערן דעכל. אַלטע הויף־ווראָבליעס האָבן צווישן דאַך־גראָז אויס־געבריט זייערע פיצלעך. אין מיטן דרינען האָט זיך גאָר אַ משונהדיקער גראָער זינגפויגל באַזעצט אין דער שטייג פון דער פלעדערמויז. ער האָט געמוזט זיין, דער פויגל, פון אַן אומבאַקאַנטער פויגלשער מישפחה, וואָרעם ער האָט געהאַט קליינע צוגעשפּיצטע פליגל פון אַ בלאָלעך־סאַמעטענער קאָליר. זיינע אויגן זיינען געווען גרויסע, ברוינלעכע, ציטערנדיקע ווי ביי אַ טויב, אָבער אַ טויב איז עס נישט געווען, וואָרעם ווידער וואָלט אַ טויב באַלד דערקענט. ער איז געווען, דער פויגל, הויכ־פּיסיק, מיט אַ געבויגענעם שיינעם האַלדז און מיט שיטערע, לייכט־קאָ־ליריקע פעדערלעך. ביים עפענען זיין שנאָבל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן אויסטערלישן טרעל — אַ צעבראָכענעם, אַ געשפּאָלטענעם, וואָס האָט זיך געקאָלערט אינעם חלל מיט אַזאַ קלאַנג ווי מע וואָלט געוואָרפן איבערן דיל אַ קופּע זילבערנע מטבעות. אפשר האָט אים, גראָד ווי די אַנדערע פייגל, צוגעצויגן דאָ אַהער דאָס שיינע, גרינע גראָזטישטעך, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן דעכל און דאָרט ווילד אויפגעשפּראָצט. ס'איז געווען נאָך אויסטערלישער דאָס אַלץ מחמת דעם, וואָס זינט די געטאָ־יאָרן האָבן אַלע פייגל — די שפּאַקן, שוואַלבן, טויבן און

וורובליעס אויסגעמיטן די פּאַרצוימטע, יידישע שטחים. מען האָט זיי קיין מאָל נישט געזען שווימען אין די הויכקייטן, סיידן נאָר דעמאָלט, ווען מע איז געגאַנגען אַרויסבאַגלייטן אַ טויטן אויפן ריינעם פעלד. דאָרטן, צווישן די נידעריקע הילצערנע מצבה־ברעטלעך — האָבן זיי זיך געזאַמלט אין רוישיקע, טומלדיקע מחנות. זיי זיינען געזעסן לענג־אויס פונעם פאַרצוימטן, דראָטענעם גדר, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס טויטנפעלד, אויף די נידעריקע בית־עולם־קשאַקעס, און דאָרט געפּירט זייערע דינע טרעלן אין ליידיקן חלל אַריין. ס'האָט אויסגעזען ווי אין די קוסטעס וואָלטן געווען פאַרבאַהאַלטן, הינטער די שיטערע בלעטער, סודותדיקע כישוף־פידלען. זיי זיינען אַלע געקומען, די פייגל, פונעם באַענטן לאַגעווניקער וועלדל און פון די פּוילישע סעדער, וואָס זיינען שוין איצט געשטאַנען אין בליעכץ. גאַנצע טשאַטעס האָבן צוויטשערנדיק זיך געטראָגן איבער די שוואַרצע, יידישע טויטנוועגעלעך, וואָס זיינען דאָ געלאָפן צום ריינעם פעלד פון די קליינע, אָפּגעצוימטע געסלעך.

דער אויסטערלישער, פרעמדער פויגל, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער שטייג, איז מסתם אויך אַנגעקומען פון די אָפענע שטחים הינטערן בית־עולם. זיי זיינען ביידע, גיטעלע און וויגדער, געשטאַנען פאַרבליפטע און אַנגעקוקט דעם פויגל. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון האַלב־מענטש, האַלב־פויגל. עפעס האָט גיטעלע דערזען אין זיינע רונדיקע אויגן דעם פלאַטער פון זעלדען. ער האָט טרעלנדיק אַרויסגעלאָזט פון זיין קעל אַזאַ אויסטערליש קול און זיך פאַרקרעקט, גראָד ווי דאָס פלעגט טאָן זעלדע. דערצו האָט דער פויגל געהאַלטן תמיד איין אויג אַ ביסל צוגעלענט, מיט אַ שמאָלער, געעפנטער שפּאַרע, טאַקע ווי ביי זעלדען. נישט אַנדערש, אַז די נשמה פון איר שוועסטער האָט זיך באַזעצט איצט אינעם פויגל און זי קוקט זיך צו ווי אַזוי זי, גיטעלע, היט אָפּ דאָס פאַריתומטע עופעלע פון קאַנינער פאַרפאַלק...

זינט דער פויגל איז געקומען אין שטוב אַריין האָט גיטעלע אַנגע־הויבן זען כמעט יעטוועדע נאַכט לאַנגע, פויגלשע חלומות. זיי זיינען געקומען צו איר אין חלום גאַנצע טשאַטעס און זיך געדרייט אין שוועבנ־דיקע קרייזן אַרום דער פריטשע. זי איז מער נישט געלעגן, גיטעלע,

אויפֿן נידעריקן, הילצערנעם בעטל, נאָר זיך געטראָגן אַ לייכטע און אַ שוועבנדיקע, מיט פֿליגל אונטער די אָרעמס, איבער שיינע, פֿלאַכע פֿעלדער. הינטער איר און פֿאַר איר האָבן געקרייזט גאַנצע פֿייגל־שע־רענגעס, בעת דער גאַנצער הימלשער חלל איז געווען איבערפֿול מיט אַ ווייכן פֿליגל־געפֿלאַטער. זי האָט אַפֿילו אין חלום געקאָנט פֿונאַנדער־שיידן אַלע פֿויגל־מינים: צו ערשט האָבן זיך געטראָגן די קליינע פֿעלד־פֿייגל, הינטער זיי — די שוואַלבן, טשיזשיקעס, גילס און שפּאַקן, נאָך זיי — די קאַלירטע זינגפֿייגל און גאָר צום סוף — די כלערליי אָדלערס. גאָר נידעריק, צודעקנדיק אַפֿילו אירע פֿיס, האָבן זיך געטראָגן די פֿלינקע, ווייס־גראָלעכע ים־אָדלערס, וואָס זייער טבע איז צו פֿאַנגען פֿיש צווישן די נידעריקע ים־וואַסערן. זי איז געווען אין גאַנצן פֿאַר־דעקט, גיטעלע, מיטן פֿליגל־געפֿלאַטער און פֿון איר האַלדז האָט זיך ווי ביי די פֿייגל אויך געריסן אין חלום אַזאַ שיין געזאַנג, וואָס איז געקומען נישט פֿון זייערע העלדזער נאָר פֿון די שוועבנדיקע וואָלקנס אַרום זיי. דער חלל אונטערן הימל איז געוואָרן אַזוי פֿול מיט פֿויגלשער שירה, אַז גיטעלע האָט זיך אַפֿילו פֿאַרשעמט. וואָרעם דאָס אַלץ, וואָס ס׳האָט זי אַרומגערינגלט איצט, איז געווען נאָר פֿאַר איר. זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די גרויסע פֿויגלשע אויגן ווי אין סאַזשעלקעס און דערזען אַז איר פּנים איז געוואָרן קלאָר און לייכטנדיק, אירע פּאַקן־פֿלעקן זיינען פֿאַרשוווּנדן און זי טרעט שוין איבער די וואָלקנדלעך מיט אַזאַ שוועבנדיקער לייכטקייט ווי די פֿייגל אַליין. דערנאָך איז פּלוצעם געוואָרן שטיל. אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט זי דערהערט דאָס קול פֿון דער קאָנינערין. צוזאַמען מיטן מאַן איז זי געגאַנגען געאָרעמט. זיי זיינען געגאַנגען אויפֿן סאַמע סוף פֿון פֿעלדראַנד, דאָרט ווו די זון איז איצט אונטערגעגאַנגען. זיי האָבן אויך אויסגעזען ווי צוויי געאָרעמטע פֿייגל, וואָס פֿליען אין אַ טיפֿעניש אַראָפּ. נאָר פֿון דאָרט, פֿון הימל־ראַנד, האָבן אַהערגעלויכטן זייערע פּנימער מיט אַזאַ ליכט און פֿייער, אַז גיטעלע האָט געמוזט אַזש פֿאַרמאַכן אירע אויגן. זי האָט זיי געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זייערע צוויי שאָטנס זיינען אַראָפּ־געפֿאַלן זייער טיף. דער הימל־ראַנד איז געבליבן אַ ליידיקער. פֿון

דאָרט האָט זיך איצט אויפגעהויבן די דעמערונג מיט אַ סך ציטערנדיקע ליכטער. זי האָט געפלאַטערט, די דעמערונג, ביז זי איז ביסלעכווייז צעשטויבט געוואָרן אינעם ציטערנדיקן שטערנליכט פון די הימלפעלדער.

*

דאָס זיינען געווען פאַר אַלעמען נישט קיין גוטע סימנים. אויפן דעכל, איבערן בעליק, זיינען די פייגלשע קולות פלוצעם פאַרשטילט געוואָרן. איידער מע האָט זיך אַרומגעזען — זיינען די פייגל אָפּגעפלויגן צו די מיזרח־פעלדער הינטערן געטאָ. און כאָטש ס׳איז נאָך געווען גאָר ווייט צום סוף־זומער, האָט דאָס נידעריקע גראָז אויפן דעכל פלוצעם גענומען וועלקן און איינגיין. ס׳האָט באַקומען אַ קראַנקע, גראָ־לעכע פאַרב ווי אַש. ס׳האָט אויך לאַנג נישט געדויערט און פונעם דעכל האָבן אַרויסגעקוקט די גרינלעכע, פוילנדיקע דאַכנברעטלעך.

אינעם קליינעם חדרל איז איצט געשטאַנען דער הונגער, אַ נאַ־קעטער, אַ טויזנטאויגיקער, און גיטעלע מיטן עופעלע האָבן געזוכט זיך אויסצובאַהאַלטן פון אים, פון זיין שפּיזיקן, פלאַמיקן שאָטן. קליינע, ווייסלעכע הונגער־בערגלעך, ווי ציטערדיקע רויזלעך, האָבן זיך גע־וויגט ביים קינד און ביי גיטעלען אונטער די אויגן. ווען נישט וויג־דער — ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט געשען. זי האָט מיט האַרצקלאַפּעניש די לעצטע טעג אָפּגעוואַרט זיין קומען. אָבער נישט בלויז גיטעלע האָט געוואַרט אויף אים. די ווייבער פון דער אַמאַליקער שיילקאַמער זיינען געזעסן אין דערבייזיקן, שמאָלן קעמערל און אַלע ווילע געקוקט דורך די שפּאַרעס אין געסל אַריין. זיי האָבן געהאַלטן אונטער די פּאַטשיילעס קליינע טעפּעלעך, גלעזער און אַנדערע אויך זייערע הויכע, גילדענע אויסבאַהאַלטענע שבת־בעכערס.

ווילגדער ליגט איצט אַ פאַרבאַהאַלטענער צווישן די בית־עולם־קשאַקעס און קוקט אַרויס צו דער אויפגעשטעלטער פויגלשער נעץ. ער ווייס, אַז ער באַגייט אַ חטא אַנטקעגן די גראַלעכע באַשעפענישן, וואָס האָבן ליב דעם הימלדיקן חלל. ער זעט פאַר זיך איצט נאָר דאָס עופעלע און גיטעלען און הינטער זיי — די גרויסע גילדענע שבת־

בעכערס, וואָס די ווייבער טראָגן אים אונטער. צוויי קליינע ווּרובלעס ליגן שוין ביי דער זייט מיט פאַרוואָרפענע קעפּלעך. ער וואַרט נאָך אָפּ, אַז עטלעכע פעלדפייגל זאָלן אַליין אַריינפאַלן אין דער סיטש. לעבן אים שטייט שוין גרייט דער שוואַרצער טאָפּ אויף אונטערגעד לייגטע צוויגלעך. באַלד וועט גיין אַ וואַרעמע פּאַרע פון הייסן טאָפּ וואַסער. גיטעלע און דאָס עופעלע וועלן האָבן ביי נאַכט הייסע פויגל־ זופּ און זיי — די ווייבער — אַ פּאָר לעפל פויגלשע יויך אין זייערע הויכע שבתדיקע בעכערס...

*

מען האָט שוין געוווּסט פריער: ביי נאַכט, הינטער די אָפּגעצוימטע געסלעך, לעבן קליינעם קלויסטערל, זאַמלען זיך מחנות גערמאַנישע שאָטנס. יידן זיינען געלאָפן ביי יעדן שאָרך פון קייגנאיבער אין די פאַרבאָרגענע קעמערלעך, אויף ביידעמער און אין קעלערן. אין די ערשטע טעג האָט אויך ווידער צוזאַמען מיט גיטעלען און מיטן עופעלע זיך אויסבאַהאַלטן אינעם קעמערל, אונטערן דעכל. דערנאָך איז געוואָרן פלוצעם שטיל.

דאָס איז געווען באַלד פאַרטאָגס. אַ שרעקעוודיקע, קליינע געטאָ־ זון, ווי אַ צעבראָכענער, אַלטער שפּיגל, האָט זיך קוים, קוים געהויבן איבערן הימל־געוועלב. זי האָט געוואָרפן אין די געסלעך אַ גרינלעך, צאַפּלדיק ליכט. טייל מאָל האָט זי אויסגעזען ווי זי וואָלט געבליבן שטיין און בישט גערירט זיך פון אָרט. אַרום איר איז געלעגן דער הימל הויל און ווייט. איבער דער ערד איז געפאַלן אַ קרומער, צעבראָכענער שאָטן.

אינעם חדרל אויבן איז געווען שטיל. דער פויגל אין דער שטייג האָט שלווהדיק געדרימלט, בעת זיינע ווימפּערלאָזע אויגן האָבן זיך לייכט געוויגט אין די רונדיקע אויגן־אָרביטעס. זיי זיינען אַוודאי גע־ שווומען אין אַ ווייטן, פויגלשן חלום. גיטעלע איז שוין פריער אויפ־ געשטאַנען און געגרייט דעם טאָפּ פאַר ווידערן. דאָס ערשטע מאָל האָט גיטעלע היינט אַנטפּלעקט אין איר גוף אַ גרויסן, ערדישן נס.

אירע קליינע, פאַרדאַרטע מיידלשע וואַרצלען זיינען פּלוצעם אין גאַנצן אויפגעגאַנגען. טראָפּן נאָך טראָפּן האָט זי געטריפט דעם קינד איבערן מויל. זי האָט אויך היינט ס׳ערשטע מאָל זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר זיך. דאָס איז געווען אַזאַ פּחד, וואָס קומט מיט דער גרעסטער ווייבלעכער פרייד. זי האָט געקוקט אויף דעם עופעלע און אויף וויגדערן. זי האָט אַזש געוואָלט אָנהייבן צו וויינען. אַנשטאָט טרערן האָט אַ שוועבנדיקער שמייכל פאַרדעקט איר פּנים. דערלאַנגענדיק וויגדערן דעם שוואַרצן טאָפּ, האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וויגדער... כ׳על... כ׳על באַלד זייגן דיינס אויך... זאָל נאָר אַדורכ־גיין דער זומער...

וויגדער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זי אָנגעקוקט. ער האָט געזען, אַז אירע קליינע פאָקנגריבלעך איבערן פּנים זיינען געווען אָנגע־גאָסן מיט ליכט. גיטעלעס אויגן זיינען געלעגן צו זיינע פיס. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אָבער אין דער רגע האָט זיך פון הייפל דער־טראָגן אַ שדיש געוואַלד.

גיטעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן ס׳קינד און געלאָפן אין קעמערל אַריין. וויגדער האָט זיך איינגעקוקט אינעם דרימלענדיקן פויגל. פּלוצעם האָט דער פויגל געעפנט זיינע שיפּלעכע אויגן. אין זיינע גאָלד־ברוינע, פייכטלעכע אָפּלען האָט זיך געשפּילט אַ זונפלעק ווי אַ זילבערנער שפּליטער. ער האָט איצט פּאַוואָליע אַ באַוועג געטאָן מיט די פליגל און מיט זיי אָנגעקלאַפּט אין די ווענטלעך. ער האָט אויפגעעפנט זיין דינעם שנאָבל און פון אים אַרויסגעלאָזט אַ דינעם צעשפּאָלטענעם טרעל.

ס׳איז געווען אַ סכנה איבערצולאָזן דעם פויגל אין חדרל. אָבער נאָך מער סכנה איז געווען אים מיטצונעמען אין קעמערל אַריין. וויגדער איז אַ רגע געשטאַנען און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. פון קייגנאיבער־דיקן הייפל האָבן זיך שוין געהערט בהלהדיקע קולות. אַ ווייבלעכער דינער קוויטש האָט אַרויפגעפלאַטערט ווי אַ געוואָרפן דין מעסער. דאָס מעסער איז געבליבן שטעקן אינעם בלאָלעכן חלל פאַרן פענצטערל ווי אין אַ מענטשלעכן גוף. וויגדער האָט לסוף אַ כאַפּ געטאָן דעם פויגל ביי די פליגל און מיט אים צוגעלאָפן צום פענצטערל. ער האָט אים

אַ וואָרף געטאָן דורך דער עפענונג. ער האָט נאָך געזען ווי דער פויגל האָט ברייטלעך אויסגעשפּרייט זיינע פליגל, אַרומגעקרייזט דאָס דעכל עטלעכע מאָל און דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזט הינטער די נידעריקע וואָלקנס.

ערשט איצט איז ווידער אַריין אין בוידעם־קעמערל.

✶

פון אינעווייניק האָט מען זיי לחלוטין נישט געזען, כאָטש גרויסע, ברייטלעכע שפּאַרעס זיינען געזעסן אין די הילצערנע קאַמערוועגטלעך. מען האָט בלויז געהערט זייערע קורצע, הילכיקע שטיוולטריט, וואָס זיינען געבליבן הענגען אינעם חלל ווי קאָלערנדיקע דונערס. ערגעץ ווו איבער הילצערנע, וויגנדיקע שטיגלעך זיינען געלאָפן זייערע שוואַרצע, גערמאַנישע שאָטנס. צווישן שפּיציקע, מעסערדיקע קולות האָט זיך אַריינגעריסן אַ שוואַך, בהלהדיק, יידיש געוואַלד. ס׳איז געווען ווי די דאָזיקע צוויי משונהדיקע קולות וואָלטן געפירט אינעם חלל אַ געראַנגל און פאַרגאָסן די שטילקייט מיט אַן אומגעצוימטער, בייזער פאַרפּלייצונג. פּלוצעם האָט אַ פייפן צעשניטן דעם חלל ווי אַ בליץ. באַלד האָט זיך אַ יידיש געוויין געטראָגן פון קייגנאיבערדיקן הייפל. דאָס האָט מען פון אַ קעלער אַרויסגעפירט די אויסבאַהאַלטענע יידן פונעם הייפל.

ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל. וויגדער און גיטעלע האָבן זיך ביידע איינגעהאָרכט. זיי זיינען ביידע געלעגן אין סאַמע ווינקל פונעם קעמערל. איבער זייערע קעפּ איז געהאָנגען אַ געדיכטע, געהעקלטע שפּינעוועבס. דאָס עופעלע איז געלעגן אויף גיטעלעס שויס פולער אויפגעגאַנגענער שויס.

עמעצער איז איצט געלאָפן איבער די קליינע, וויגנדיקע שטיגלעך. ביין, דאָס זיינען אַוודאי געווען צוויי. גיטעלע האָט אין גאַנצן איבער־געדעקט דעם קינד דאָס קעפּל און דאָס אָפענע מויל. איצט האָט מען געהערט ווי די טיר פון זייער חדרל האָט זיך האַסטיק אויפגעפּראַלט. דורכן וועגטל לויפן אַריין פון אינעווייניק צוויי שפּיציקע געלעכטערס.

— כאַ!... כאַ!... כאַ!... כאַ!... כאַ!...

— אַך!... אַך!... אַך!... אַך!... אַך!...

— כאַ, כאַ — דו ליבער גאָט!... האַנס, זי מאָל — איינען קעפּיג!... איין פאָגלקעפּיג!...

— איינען קעפּיג?

— דער יודע האַטטע היר איינען פאָגל...

— אַך, מיין גאָט, איין אַרמער פאָגל אים געטאָ!

— שאַו — דיזע פעדערכען... עס מוסטע איין זינגפאָגל זיין!...

— יאַ, איין אַרמער זינגפאָגל אים געטאָ!...

— עס מוסטע איין שטיגליץ געוועזען זיין!

— ניין, מיין ליבער, עהער איין בלוטפינק... שאַו...

— וואָהער קאָמט היר איין בלוטפינק? ווען ניכט איין שטיגליץ — וואַר עס זיכער איינע פינקמייזע... איינע פינקמייזע...

— איינע פינקמייזע? קוואַטש!... כאַ־כאַ־כאַ — דאַס שאָן זיכער ניכט!...

— יאַ, נור איינע פינקמייזע... ביי אונדז נענט מאַן זי אַוך שפּעק־מייזע... איך וויס עס גענאַו... זי האַט איינען גרינען באַוך אונד העל־גראַוע פליגל...

— קיין שטיגליץ אונד קיינע שפּעקמייזע!... נור איין בלוטפינק!... איך שווערע, עס זינד זיינע פעדערכען... מיין אַרמער בלוטפינק!...

— מיינע אַרמע שפּעקמייזע!...

*

צו ערשט איז פון קעמערל אַרויס ווידגדער. הינטער אים גיטעלע מיטן קינד. אין פּרוזדורל איז שוין געשטאַנען די פויגלשטייג. אויפן הייפל איז געשטאַנען אַן עדה געכאַפּטע יידן. באַלד איז דאָס גאַנצע געזעמל געפירט געוואָרן מיט הינטערגעסלעך צום קלויסטערל. גיטעלע איז געגאַנגען הינטער ווידגדערן און געהאַלטן דאָס קינד פאַרוויקלט אין קיישל.

דערווייל איז מען אָנגעקומען אויף אַ ליידיקן פּלאַץ. פון קייגנאיבער האָט מען געזען אויפשטייגן פּלוצעם די גילדענע צלם־שפּיצן פונעם קלויסטערל. זיי האָבן געברענט איבער זייערע בייכיקע קופּאָלן ווי רויטע שטייפע פינגער. די דייטשן האָבן באַפוילן זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד, קניענדיקערהייט.

די ערד איז נאָך געווען פייכטלעך און שוואַרץ פונעם ביינאַכטיקן רעגן. זי איז געווען קיל, די ערד, און נישט געאָטעמט. איר אייבערשטע שיכט האָט געהאַט אין זיך אַ קילקייט פון שטיין. גיטעלע און ווייגדער זיינען געווען לעבן זיך, אויף די קני. גיטעלע האָט די גאַנצע צייט נישט אָפּגעהילט דעם קינד דאָס קעפּל. זי האָט איצט נאָר געהאַט איין־איינציקע מחשבה: זי וועט זיך ערגעץ ווו צונויפטרעפן מיט דער קאָנינערין און זי וועט איר אַנטקעגן טראָגן דאָס עופעלע. זי וועט אַ ליכטיקע איר אַנטקעגן גיין, איר איבערגעבן דאָס עופעלע און שטיל אַ זאָג טאָן: זעסט, כ׳האָב עס אָפּגעהיטן, כ׳בין געווען פאַר איר ווי אַ מאַמע... און זי וועט איר אויך פאַרטרויען אַ סוד: איצט טראָגט זי אונטערן האַרץ שוין איר אייגנס... איר אייגנס... איר אייגנס...

ווייגדער איז געזעסן אויף די קני. ער האָט די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט אין דער ערד, וואָס האָט זיך אונטער אים געקאָרבט און געפּאַלדעוועט. צווישן די שוואַרצע ערדגרודעס זיינען איצט בהלהדיק געלאָפן אומצאָליקע מוראַשקעס. ער האָט זיך איינגעבויגן, גענומען אַ פולע האַנטפלאַך מיט ערד און זי פּאַוואָליע געשיט דורך די פינגער. די מוראַשקעס זיינען געפאַלן פון זיינע פינגער צוריק אויף דער ערד, געלאָפן אימפּעטיק צווישן די שוואַרצע ערדפּאַלדן, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פונעם שונא. אַ טייל פון די מוראַשקעס זיינען געבליבן אויף זיין האַנטפלאַך. זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זייערע דינע, אויפגעהויבענע קעפּלעך האָבן עפּעס געזוכט צווישן זיין שוואַרצער האַנטהויט. פּלוצעם האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטערלעך. לויזע, גראָלעכע רעגן־וואָלקנס זיינען אָנגעשווומען פונעם צפון־הימל. ס׳האָט אָנגעהויבן טריפן אַ וואַרעמער זומער־רעגן. בעת דאָ, איבער די קניענדיקע יידן, איז דער הימל געווען איבערגעצויגן מיטן וואָלקן־געוועב, איז דער

צווייטער הימל־שטח, אין מיזרח, געווען לויטער און קלאָר. דאָרט איז נאָך געשטאַנען די זון אין אַ טיפער הימלבלאָקייט. ס'האָט פּלוצעם אויפן הימל, איבער די קניענדיקע יידן, אַ שלאָג געטאָן אַ ברייט־לעכער רעגן־בויגן. די קניענדיקע האָבן אַלע מיט אַ מאָל אויפגעהויבן זייערע קעפּ קעגן הימל. ער איז געווען, דער רעגן־בויגן, איבערגעריסן אין מיטן, בעת זיינע זייטן זיינען געווען געשפּאָלטן מיט לאַנגע, אַראָפּ־הענגענדיקע צויטן. זיינע טיפע, שיינע פאַרבן האָבן באַפאַרבט די שוואַרצלעכע הימל־הויכקייטן. דער שיינער הימלדיקער בליאַסק האָט אַפילו זיך אָפּגעשלאָגן אין דער ערד, ווו ס'זיינען געזעסן די קניענדיקע. ער האָט זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט רויטלעכע פלאַמען ווי פון אַ שרפה.

וויגדער האָט אַלץ נאָך געהאַלטן די פולע האַנטפלאַך מיט ערד און זיך צוגעקוקט צו די לויפנדיקע מוראַשקעס. פון ערגעץ ווו, דורכן ענגן יידן־געזעמל, האָט זיך אַהער פאַרפּלאָנטערט די גאַרקיך־קאַץ און זיך אוועקגעלייגט לעבן זיינע פיס. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף הינטערווייל־עכץ: דאָס גאַנצע געסל איז דאָ געזעסן און געקניט הינטער אים. ער האָט דערקענט אַלע שיילווייבער פון דער גאַרקיך. זייערע איינגעפאַלענע טויטע געזיכט־קנאָכן האָבן אַרויסגעשטאַרט פון הינטער די אַריבערגעוואָרפענע שוואַרצע שאַלן און טיכער. ער האָט אויף אַ רגע פאַרמאַכט זיינע אויגן. ס'האָט אַ בליץ געטאָן דער באַרג ווייסע ביינער, וואָס ער האָט אַנומלט געוואָרפן צו זיי פון דער גאַרקיך. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער אַליין זיצט איצט אַרומגערינגלט אין מיטן פון אַ טויטן ביינערבאַרג.

דערווייל האָט גיטעלע קניענדיקערהייט אָפּגעדעקט דעם קינד דאָס קעפּל און עס גענומען אָנקאָרמענ. זי האָט פּלוצעם אָנגעהויבן וויינען — אַ שטיל, פאַרצוימטע געוויין. וויגדער האָט זיך פון דער זייט איינגעקוקט אין אירע גרויסע, קיילעכדיקע טרערן. זיי זיינען איצט געפאַלן צוזאַמען מיטן רעגן איבער דעם קינדס קעפּל. אים האָט זיך אַ רגע געדוכט, אַז אין זיי שלאָגט זיך אָפּ דאָס קאָלירקע פייער פונעם הענגענדיקן רעגן־בויגן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. אַ שערענגע פייגל איז געפלויגן

גאָר, גאָר הויך און זיך געהאַלטן גלייך איבער די קעפּ פון די קניענדיקע. זיי זיינען געפלויגן צום מיזרח־הימל, ווו ס'איז נאָך געהאָנגען אַ ראָזלעכער פּאַס פונעם רעגן־בויגן. קני:ענדיקערהייט האָט ווידער געזען, אַז די שערענגע פייגל פלאַטערט־אַריין אין דער זון, וואָס איז אַ פרידלעכע געשווומען אין איר בלאָלעכן, נאַקעטן הימל־ים.

## קאַפּיטל אַכצן

# פלאַמען פון דער ערד

אַ נאַכט שפּעטער, נאָך דעם ווי ווײַגדער און גיטעלע זײַנען מיטן גאַנצן געסל ײִדן אַרויסגעפירט געוואָרן, זײַנען פלינקע, אומרויִקע, מענטש־לעכע שאָטנס געלאָפן איבער די צעריסענע הילצערנע געטאָ־שטיגלעך. זיי זײַנען אַרײַן, די שאָטנס, אין ליידיקע פּאַציאַטקעס און אויך אין אָפענע, פינצטערע קעמערלעך. זיי האָבן אײַליק געניִשטערט אינעם שטובוואַרג פון די פאַרלאָזענע חדרימלעך, אויפגעריסן די אַלטע, פאַרשטאַרבענע, ײִדישע מלבושים און בעטגעוואַנט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף די דילן. זיי האָבן מיט שאַרפע העק געשפּאָלטן בעטן, פּריטשעס, שענק און אויך אויפגעריסן ווענט און דילן. די שאָטנס זײַנען געלאָפן פון איין ליידיק חדרל אין צווייטן, פון איין הייפל אין צווייטן — אויפן שטח פון אַרויסגעפירטן, ליידיקן געטאָ. זיי זײַנען אויך אַראָפּ, די מענטשן־שאָטנס, אין קעלערן, אַרויף אויף בײַדעמער, געניִשטערט צווישן אַלטע, פאַרזשאַווערטע טעפּ און אַפילו אין די קאַלטע הרובעס, ווו ס'איז זינט אַ סך טעג שוין געווען פאַרלאָשן דער מינדסטער, וואַרעמער פונק פון פײַער.

די נישטערנדיקע מענטשן זײַנען נישט אַהערגעקומען מחוץ דעם געטאָ. זיי זײַנען געווען פון יענעם געטאָ־פּערטל אין מיזרח, וואָס איז נאָך דערווײַל געלעגן אין זײַן געשפּענסטיקן שלאָף. די מענטשן האָבן געטראָגן שפּיציקע היטלען מיט קליינע אויפגענייטע מגן־דודס, לעדערנע קורטקעס און הויכע, גלאַנציקע שטיוול. זייערע פּנימער זײַנען געווען רויִקע, נישט פאַרהונגערטע, נאָר געשפּאַנט פונעם שוואַרצן נאַכט־רויב. אין זייערע שאָטנדיקע הענט האָט געברענט אַ פרעמדער נישט־ײִדישער כּוח. זיי האָבן אַלע געניִשטערט אין די פאַרלאָזטע ײִדישע ווינקלען מיט אַ געניטקייט

און געשיקטקייט, ווי זיי וואָלטן אַליין געווען די באַוווינער פון די אַ פּינצ־טערע, פאַרלאָזענע חדרימלעך. זיי זיינען געלאָפן צו צוויי און צו דריי — און קיין מאָל נישט אַליין. אַ טייל האָט אויך גענישטערט אין די פּלאַטשיקע שטרויזעק און צווישן די אומצאָליקע, פאַרבליבענע יידישע ספרים. טייל מאָל האָט עמעצער פון זיי פּלוצעם אַ געשריי געטאָן: אויף אַ פּריטשע־שעניק, מיט אַ ספרל צוקאָפּנס, איז געלעגן אַ מענטש. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשלאָפן. מתחילת האָבן זיי דעם שלאָפנדיקן געטרייסלט ביי די אַקסלען. דעם מענטשנס פּנים איז אָבער פאַרבליבן שטיל, וואַקסיק און פאַרשלאָסן. בלויז אַ מילדער, אויסגעקרומטער שמייכל האָט פריד־לעך פאַרקראַמפט דעם שלאָפנדיקנס ליפּן. און אַז דער ליגנדיקער האָט זיינע אויגן נישט געעפנט, האָבן זיי אים פאַרדעקט דאָס פּנים און בהלהדיק אַנטלאָפן.

ס'איז טייל מאָל אויך געשען, אַז די נישטערנדיקע מענטשן־שאָטנס האָבן אויף אַ בוידעם אָנגעטראָפן אַ געהאָנגענעם. ס'רוב איז דער געהאָנ־גענער געווען אין גאַנצן נאַקעט. דאָ איז מער נישט געהאָנגען קיין מענטש. דער חוט־השדרה און די פאַרקרומטע ריפּן זיינען געווען דורכזיכטיק. אויף די פּיס־ביינער, ביז צו די אָפּגעדעקטע שענקלען, האָט געטליִעט אַ ליכטיקע, פאָספאָרישע שיין. זי האָט געהאַט אין זיך, די שיין, אַ גרינלעכע פאַרנעפּלטקייט ווי דאָס שאָטנדיקע ליכט פון אַ ליקוי־חמה. דאָס זיינען געווען די מענטשן, וואָס זיינען שוין לאַנג בייגעקומען אין זיך דעם פּחד פאַרן טויט. זיי זיינען אים אַקעגנגעגאַנגען אָן־גופיק, בלוטלאָז, מיט פאַר־שלאָסענע, אויסגעגאָסענע אָדערן.

דערווייל האָט זיך לעבן יעדן הייזל געהויבן דער הויכער באַרג פון מלבושים, מעבלווארג און כלערליי ספרים, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן דורך די פענצטערלעך. אונטן, אויפן הייפל, זיינען שוין געשטאַנען אַנדערע, וואָס האָבן נאָך אַ מאָל גענישטערט צווישן די אַראָפּגעשליידערטע זאַכן. שפּעטער ווערט אַ טייל פונעם בעטגעוואַנט, שטוב־כלים און מעבלווארג אָפּגעשיקט ווערן אויף ברייטע ראַלוועגענער צום דייטש אין שטאָט. די פאַרבליבענע בערגלעך מיט באַלעבאַטישקייט האָבן זיך געזאַמלט אויף

איין אָרט, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג און ער איז געווען גרייט פאַר די פלאַמען.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ווי אין דער קוים־אויפשפּראַצנדיקער באַגין־גראָקייט האָט פון די בערג אונטערגעצונדענעם האַלצוואַרג, מלבושים און צעפּראַלטע ספרים געגומען אויפגיין אַ נידעריקער, גראָ־געקרייזלטער רויך. אַמגיכסטן האָבן אויפגעפלאַטערט אַנגסטיק־אומגעדולדיק און צעפלאַטערט די לויזע בלעטער פון יידישע ספרים. דערשראָקענע, שוואַרצע מחזורים, קליינע, איינגעפאַלענע תהילימלעך און הויך־שטאָלצע ספרי־קודש, האָבן לאַנג נישט געוואָלט עפענען זייערע דפים פאַרן פלאַם. פאַרקראַמפּטע זיינען זיי אַלע געלעגן צווישן זיך. לכתחילה האָבן זיי זיך נאָך אַ ווייל געקורטשעט אין אַלט־פאַפּירענע יסורים און זיך נישט געוואָלט עפענען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זיינען זיי אַלע אַרומגעהילט געוואָרן פונעם בלאָלעכן, שטיקנדיקן רויך־טויט. אַפילו טליענדיקערהייט האָבן זייערע בלעטער זיך צונויפגעאָרעמט, נישט געלאָזט זיך פונאַנדערשיידן, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן אַלע ברענען מיט אַן אָפענעם, שטאַרק־בלאָלעכן פלאַם. פונעם ברענענדיקן באַרג האָבן זיך אינעם נאַכט־ווינט אויפגעהויבן פונקען. זיי האָבן אויסגעזען ווי פליענדיקע רויט־פלאַמיקע פייער־אותיות אין דער פינצטער. די פונקען זיינען אָבער זייער גיך צוריק אַראָפּגעפאַלן און געפלאַצט אינעם חלל. זיי זיינען געפאַלן אינעם נידעריקן רויך־וואָלקן און זיך אויסגעלאָשן. אויסלעשנדיקערהייט האָבן זיי אַלע אויסגעזען פון ווייטנס ווי נאַכט־שטערן, וואָס פאַלן פון אַ שוואַרצן, פאַרוואָלקנטן הימל.

שווער און קלעפּיק איז געווען דער שוואַרצער פלאַם, וואָס איז געגאַנגען פון די אויסגעהויכטע יידישע מלבושים און טויטער באַלעבאַטישקייט. דער שוואַרצער ספרים־אַש איז שוין געלעגן צופיסנס דעם באַרג און אים אַרומגעקריינט ווי אַ געפאַלענע, שוואַרצע קרוין. די פלאַמען האָבן נישט געוואָלט אַרויפגיין העכער. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דער נידער און נאָך אַ מאָל דורכגעגאַנגען דעם צעפאַלענעם, שוואַרצן אַש. קיין פונקען זיינען מער שוין נישט אַרויף אין דער הייך. פון מיזרח האָט זיך געשפּינט אַ פאַרוואָלקנטער זון־באַגין. פאַרשעמטע און ציטערנדיקע זיינען די ערשטע בלוטלאָזע שטראַלן געפאַלן אויף די נידעריקע פלאַמען ביי דער ערד.

*

אויפֿן געטאָ־בית־עלמין שטייען די רויט־ציגלנע אוהלס איבער די פֿאַר־זונקענע קברים. דאָס טויטן־פֿעלד איז פֿאַרגאָסן מיט אַ טריבער, גרינער ליכטיקייט. זינט אַ סך טעג ווי מען באַגראָבט מער נישט אין טונקל־שעה די געטאָ־טויטע. צי האָט פּלוצעם דער טויט דאָ אויפֿגעהערט? פֿאַר וואָס אַזאַ פֿליסנדיקע שטילקייט איבער די נידעריקע טויטן־בערגלעך? פֿון ערגעץ איז נישט צו זען דאָס מינדסטע ליכט. וואָס טיפֿער אין די געסלעך אַריין — אַלץ בהלהדיקער ווערט די פֿינצטערניש. ערגעץ ווו שפּאַלט אַ דין קול די נאַכטשטילקייט. צי וויינט נאָך דאָ אַ קינד אין דער פֿינצטערניש?

אין מיזרח, הינטער דער געטאָ־בריק, קרייזלט זיך אַ נידעריקער, בלאָלעכער וואָלקן. צי איז ער אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל? צי וויל ער אַריין אין דער געטאָ־ליידיקייט? דאָס איז נישט קיין וואַנדערנדיקער, אַראָפּגע־פֿאַלענער וואָלקן. ער האָט זיך נישט אָפּגעריסן פֿון דער הויכקייט. דאָס איז אַ יונגער, געבוירענער רויך פֿון אַ שרפֿה, וואָס וועט באַלד אַרומ־נעמען די הילצערנע, נידעריקע ווענטלעך פֿון דער געטאָ־בריק. אין דער נאַכט־פֿינצטערניש האָט עמעצער דאָ צעגאָסן פֿון אַ פֿאַרזשאַווערטער קאַן די רעשטלעך פֿון אַ ברענענדיקער, קלעפּיקער פֿליסיקייט. איצט ברע־נען בלויז די דינע סלופּקעלעך מיט די פֿאַרשפּיצטע, אַרויפֿגעזעצטע דראָט־צוימען. דער ווינט גייט אַ פֿינצטערער פֿון די מיזרח־פֿעלדער. באַלד וועט ער אויך אויפֿוועקן די בייזע בריק־פֿלאַמען, זיי אויפֿהייבן העכער — ביז זיי וועלן אַרויף גאָר אויבן — צו דער גרויסער, ליידיקער, אַריבערגעוואָר־פֿענער האָלץ־בריק. דערווייל אָטעמט זי נאָך, די האָלץ־בריק, פֿאַרפּאַנ־צערט מיט דראָענדיקער שטילקייט.

עמעצער האָט אויפֿגעפּראַלט אַ פֿענצטער. אַ שאַרף, שניידיק, יידיש געוואַלד הענגט אינעם חלל. אַ חלף פֿאַלט פֿון פֿינצטערן הימל. באַלד וועלן זיך דאָ אויפֿפּראַלן די לעצטע פֿענצטערלעך, פֿאַציאַטקעס, ביידעמער און קעלערן אַנטקעגן די פֿלאַמען. דערווייל איז נאָך איצט שטיל לעבן דער בריק. דאָס קינד האָט איבערגעריסן דאָס געוויין. אין די צעבראָכענע פֿענצ־טער־לעכער פֿינקלען־אַריין קליינע, הונגעריקע געטאָ־שטערן. זיי זיינען

אַזוי קלײַן ווי די ווײַסלעכע, אומרויִקע פלעקן פונעם מילכוועג. אויפֿן ברעג פֿון מערבֿ־הימל, וואָס רינגלט אַרום די געטאָ־בריק, שלאָגן שוין שטאַרקער אַרויס די רויטע פֿײַערן, געצונדענע נאָך אין מיטן נאַכט. די פֿלאַמען פֿלאַקערן־אַרויף ביז צום צעשטויבטן מילכוועג. פֿאַרנעפּלטע ווי דערטרונ־קענע ציטערן נאָך די שטערן אַנטקעגן די פֿלאַמען פֿון דער ערד, וואָס אָטעמט מיט פֿינצטערניש.

*

אויף די נאַקעטע קאַרטאָפֿל־פֿעלדער, הינטערן פֿאַרצוימטן געטאָ־שטח, זינקט מיד אַראָפּ די אָוונט־זון. פֿעלד־נעפּלען, שווימענדיקע, דורכזיכטיק־זילבערנע, שטייען־שוין־אויף מיט דער דעמערונג. זיי פֿאַרהילן איצט די ערד אויף ווײַטע, לײדיקע מרחקים. די שטילקייט — אַ בלײַכע און פֿליס־טערנדיקע, שווימט־אַרויס פֿונעם חלל איבער די דאַרע סאָסנעס פֿון לאַגעוו־ניקער וואַלד. כאָטש ס'איז שוין שפּעטזומער — אָטעמט נאָך דאָ קאַלט די ערד. דער ברייטער, לײדיקער פֿעלד־פּליין אויף די קאַרטאָפֿל־פֿעלדער איז נאָך שוואַרץ פֿון די צעטרייטע שניי־גרודעס. זיי זײַנען שוין לאַנג צעגאַנגען, די שניי־גרודעס, פֿון די וואַרעמע זומער־ווינטן. גאָר שפּעט הייבן־אויף דאָ, אויפֿן פֿעלד, זייערע דאַרע, פֿאַרטרוקנטע קעפּלעך די גרעזער, שטענגלעך און וואָרצלען. ביטערע פּיאָלון־בלעטער און ברויִנדיקע קראָ־פּעווע קיניגן היִיך איבער די שוואַכע, אַרויסגייענדיקע וואָרצלען. שלאַנק און ציטערדיק רײַסן זיך פֿון צווישן די ערד־לעכער די אַשיק־גראָע, גע־קרײַזלטע קאַרטאָפֿל־וואָרצלען פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָרן. צעשניטענע, קרומע פֿעלד־בייטן עפֿענען מיט פּחד זייערע פֿאַלדן. אין זייער שיטערער, איי־בערשטער ערד־שיכט וואַרפֿט איצט די אָוונט־זון אירע לעצטע, אונטער־גייענדיקע הימל־פֿונקען ווי פֿײַערדיקע זוימען.

אינעם טאָל, הינטער דער שענק פֿון די קאַטשמאַרעקס, צווישן אויפֿ־געקאָפּעטער ערד, פּיטערט זיך אַ ציג. זי איז בײַנערדיק־דורכזיכטיק, מיט סאַמעטענע, שוואַרצע פֿלעקן אויפֿן געבויגענעם רוקן. אַרום איר איז נישט צו זען קיין סימן פֿון גראָז, אָבער די ציג געפֿינט צווישן די אָפּענע, צע־קאָפּעטע בייטן אַ סך פֿאַראַיאָריקע טויטע, אַלטע וואָרצלען. אויף פֿאַר־

טרוקנטע, לאַנג־פאַרשטאַרבענע גרעזער. נישט ווייט פון דער ציג — ליגט אַ באַרוועס פויערל. ער איז אָנגעטאָן אין אַ צעדריוולטן קאַפּטן מיט לאַנגע אַרבלען. אַ שנור האַלט פאַרגאַרטלט דעם קאַפּטן אַרום די לענדן. ער האַלט די ציג ביי אַ שטריק. זי רייסט זיך פון אים אין קרייז מיט איר פאַרבויגענעם קאָפּ. זי קאָן נישט מאַכן אַ שפּאַן ווייטער — מחמת דער צוגעבונדענער שטריק אין פויערס האַנט. דאָס פויערל הייבט זיך אונטער יעטוועדע רגע אויף די עלנבויגנס. ער זשמורעט מיט די אויגן און קוקט לאַנג, לאַנג אויפן ליידיקן, פאַרלאָזטן שטח.

די שענק פון די קאַטשמאַרעקס איז שוין זינט וואָכן פאַרהעמערט. די פענצטער — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אויף מרחקים איז נישט צו זען דעם מינדסטן סימן פון לעבן — אַחוץ דעם פויערל מיט דער ווייסער ציג אויפן פעלד. אויך ביי די געטאָ־צוימען איז פאַרשוווּנדן דער קליינער טהרה־בנין. בלויז זיינע שוואַרצע ווענט בלענדן איצט אינעם הימלס לעצטע פייערן. דאָס פויערל הייבט זיך פלוצעם אויף. ער פירט די ציג מיט זיך. די ציג וויל נישט פאַרלאָזן די אויפגעקאָפּעטע, טויטע קאַרטאָפל־בייטן.

ס׳דויערט נישט לאַנג און דאָס פויערל מיט דער ציג בלייבן ווידער שטיין אין מיטן פעלד. ער לאָזט זיך אויסגליי אַראָפּ אויף דער ערד, שאַרט צונויף עטלעכע צעבראָכענע הילץ־שפּענדלעך און לייגט זיי אויף אַ שטויס. ער צינדט זיי אונטער. ס׳דויערט לאַנג, לאַנג ביז אַ בלאַלעכער רויך גייט פון די צעבראָכענע שפּענדלעך. מתחילת איז דער רויך שוואַרץ און קלעפּיק־זיסלעך. באַלד ווערט ער בלאַלעך, כמעט דורכזיכטיק. אַ קליין, דערשראָקן, טליִענדיק פייער ברענט גאָר נאָענט לעבן דער ערד.

די ציג דרייט אַוועק איר קאָפּ פונעם רויך. זי פאַרשליסט די אויגן, באַזוימטע מיט שיטערע, ווייסע הערעלעך. ער בייגט זיך צו איר צו און, גלעטנדיק איר אַראָפּגעפּאַלענעם קאָפּ, פּליסטערט ער:

— עך, דו... אומגליקלעכע... דו נאַרישע, יידישע ציג... האָסט מער מזל פון דיינע באַלעבאַטים... קייגנאיבער...

די ציג האָט צו אים פּאַוואָליע אויסגעדרייט איר לענגלעכן, טרויעריקן קאָפּ, בעת זי הערט די שטים פון אַ מענטש. אירע אויגן — קיילעכדיקע, שוואַרצלעך־פּייכטלעכע און ציטערנדיקע מיט די ווייסע הערעלעך קוקן

אויף אים לאַנג און מיט חשד פון איר פאַרקרומט פּנים. ער האָט זיך אַ ווײַלע דערשראָקן פאַר איר פּיכטן, שוואַרץ־יידישן בליק און גאַרטלט ענגער אַרום די שטריק אַרום זײַנע לענדן.

ווידער הייבט־אָן די ציג צו גריזשען די קליינע, פאַרוויאַנעטע גראָז־וואַרצלען. איר קאָפּ איז די גאַנצע צייט געבויגן צו דער ערד. דאָס פּויערל בלאָזט אָן אויפהער אין די שוואַרצע, טליִענדיקע גלאָווניעס. דער פלאַם ווערט וואָס מערער רויטלעכער. צישנדיקע פונקען פלאַצן. אין חלל הענגט די שטילע דעמערונג. ער קאָן שוין גאָרנישט ניט זען אַרום זיך — אַפילו נישט די אייגענע באָרוועסע פיאַטעס. דער הימל איבערן פעלד ווערט ביסלעכווייז שוואַרצער. וואָס מערער די שוואַרצקייט זינקט אַראָפּ פונעם הימל — אַלץ ליכטיקער פלאַמט־אויף דאָס פייער אונטן, אויף דער ערד. די שוואַרצע גלאָווניעס וואַרפן פון זיך אַ שיין, פייערדיק ליכט. דאָס פּויערל און די ציג זײַנען ביידע אין קרייז פון דעם אַ פייער־ליכט. אַרום זיי איז שוין פולע, מעוברתדיקע נאַכט. שטערן, צעצונדענע אין זייער גרינעם, קליינעם, טויטן פלאַם, זיצן אין איינזאַמען הימל־ים. צווישן ערד און הימל איז פאַרווישט יעטוועדע מחיצה. די שוואַרצקייט פאַלט פון הימל און די ערד טרינקט דורשטיק זײַנע צעבראָכענע שערבעלעך ליכט. בעת ערד און הימל זײַנען צונויפגעגאָסן — ציטערן שטאַרקער לעבן דער ווייסער ציג, אויפן פעלד, די פונקען פון די גלאָווניעס. אַ ברענענדיקע פונקען־בריק הייבט זיך פון דער ערד. אויבן ציטערט נאָך דער פאַרגלי־ווערטער שטערן־ים מיט זײַן פאַרשעמט, קאַלט פייער. די ערדישע ליכט־פלאַמען צאַפּלען לאַנג און ווילן נישט פאַרלאָשן ווערן.

געשריבן: 1954—1943

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| קאַפּיטל איינס: | |
| באַגעגעניש אין שניי . . . . . . . | 7 |
| קאַפּיטל צוויי: | |
| ביי דער פּריטשע . . . . . . . | 24 |
| קאַפּיטל דריי: | |
| דער טויטער סטראַדיוואַריוס . . . . . | 34 |
| קאַפּיטל פיר: | |
| די צוואה . . . . . . . . . | 46 |
| קאַפּיטל פינף: | |
| פון דער פינצטערניש . . . . . . . | 59 |
| קאַפּיטל זעקס: | |
| קייגנאיבער . . . . . . . . | 65 |
| קאַפּיטל זיבן: | |
| דער גלאָקנציִער . . . . . . . . | 77 |
| קאַפּיטל אַכט: | |
| דער פרעמדער . . . . . . . . | 86 |
| קאַפּיטל ניין: | |
| אין קעלער . . . . . . . . . | 98 |
| קאַפּיטל צען: | |
| שוואַרצע פייגל . . . . . . . . | 110 |
| קאַפּיטל עלף: | |
| אין טהרה־שטיבל . . . . . . . | 121 |
| קאַפּיטל צוועלף: | |
| מלבושים . . . . . . . . . | 131 |

קאַפּיטל דרייצן:
דער טורעם . . . . . . . . . . 143

קאַפּיטל פערצן:
שטריק . . . . . . . . . . 154

קאַפּיטל פופצן:
סודות ביים באַרג . . . . . . . . . 170

קאַפּיטל זעכצן:
ביינער . . . . . . . . . . 182

קאַפּיטל זיבעצן:
גזר . . . . . . . . . . 190

קאַפּיטל אַכצן:
פלאַמען פון דער ערד . . . . . . . 202

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף
פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים יידישן שרייבער פאַראיין אין ישראל

# דערשינענע ביכער פון ישעיהו שפיגל

מיטן פנים צו דער זון

לידער, 1930

מלכות געטאָ

נאָוועלן, 1947

שטערן איבערן געטאָ

נאָוועלן, 1948

מענטשן אין תהום

נאָוועלן, 1949

און געוואָרן איז ליכט

לידער, 1949

מלכות גיטו

סיפורים. תרגם: א. ד. שפיר. מבוא: ד. סדן. 1952

ליכט פונעם אָפּגרונט

נאָוועלן, 1952

(פּרעמירט דורך קעסל־פאָנד, מעקסיקע)

ווינט און וואָרצלען

נאָוועלן, 1955

(פּרעמירט דורך אַל. ייד. קולטור־קאָנגרעס, פראַנקרייך)

די בריק

נאָוועלן, 1963

שטיגן צום הימל

ראָמאַן, 1966